STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03287

SHTET UN YORN

Konstantin Fedin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאָנסטאַנטין פעדין

שטעט און יאָרן

ראָמאַן

אין צוויי טייל

יידיש א. פרידקין

צווייטער טייל

ווילנע — 1930

פאַרלאַג „טאָמאָר“ פון יוסף קאַמערמאַכער

PRINTED IN POLAND

K. Fedin „Sztet un jorn"

Zecernia „TOMOR" Wilno.
odbito w druk. Ch. Kopeliowicza, ul. Szopena 1 — 30.

Y 658, c.1 v.2

צו וואָס דאַרף אַ מענטש די דאָזיקע עלנדע טעג און שעהן?...

די ברוקן וואַשט מען אַזוי.

קורץ=פיסיקע מענטשן אין ברעזענטענע הויזן און ברעזענטענע קורטקעס באַגיסן פּזרנותדיק די גלאַטע שטיינער=קובן מיט אַ ברייטן שטראָם וואַסער, וואָס שלאָגט פון דעם וואַסער=שפּריצער, אַזוי ווי אַ פונקען=אַרטיקער פּעכער. דערנאָך ווישט מען לאַנג און שטאַרק מיט בערשט פון שטאָלענעם דראָט יעדן שטיין=קוב. די בלאָטע, וואָס ווערט אַראָפּגעווישט דורך די בערשט, וואַשט מען אָפּ מיט אַ נייעם פעכעראַרטיקן, פרייליכן רעגן. מיט אײַזערנע האָקנס, וואָס זיינען אַרויפגעזעצט אויף שטעקנס, קאָלופּעט מען אַרויס די מיסט פון די שפּאַרעס צווישן די שטיינער. מיט אַ שטאַרקן און דינעם שטראָם וואַסער — אָן דעם שפּריצער — וואַשט מען דורך די שפּאַרעס. דערנאָך פירט מען דורך איבער דעם ברוק אַ געדיכטן און שטאַרקן דוש, פון טראָטואַר צו טראָטואַר, אַזוי ווי בעתן בראָנעווען — איבער איין שטרייף אַנטקעגן דעם צווייטן — אַלץ ווייטער און ווייטער, נאָך די שפורן פון די מענטשן אין די ברעזענטענע הויזן און די קורטקעס, וואָס שלעפּן אַ דיקע, פולע פּאָמפּע, אַזוי ווי אַ זאַטע ווערג=שלאַנג. און דערנאָך, — און דערנאָך, — ווען דער מאַטער, אויסגעוואַשענער ברוק, וואָס איז נאָך עטוואָס פייכט אין די שפּאַלטן און שפּאַרעס, ציט זיך אַוועק אויף צוויי=דריי קוואַרטאַלן, — פירט מען דורך איבער אים אויף דיק=הינטנדיקע, האָריק=קלויענדיקע פערד אַ שווערן באַרשטיקן וואַלץ, און דער דאָזיקער וואַלץ מאַכט גלאַט און פּאָלירט אָפּ די שטיינער=קובן, אַזוי ווי אַ קיילעכדיקע באַרשט פון אַ פריזירער — מאַכט גלאַט אַ קורץ געשאָרענעם קאַרק.

אָ, אַזוי וואַשט מען אויך די וועגן אין דעם קליינעם בישאָפּס־בערג!

און אין דעם קליינעם, ניט רייכן בישאָפּסבערג איז אויך פאַראַן אַ זייער שטאַרקע ציסטערנע מיט אַ געדיכטן דוש, אַ זייער האַרטן וואַלץ, און שטעקנס מיט אייזערנע האָקנס, און אַ דיקע פּאָמפּע, דורכאויס אין הילצערנע רינגען, וואָס היטן זי אָפּ, זי זאָל זיך ניט צעשעדיקן.

די פּעטאָן־שטעגעלעך, וואָס ציען זיך איבערן הויף פונם טויער ביז דער טיר, מיט אויסגעלייגטע דאַטעס אין זיי פון קאַכל—

אננא 1898

וואַשן פרויען אין פאַרקאַשערטע קליידלעך, מיט דיקע איקרעס, אין הילצערנע באָטן אָן טילקעס און אָן קנאַפּל. מען וואַשט מיט זייף־וואַסער און מיט אַ ראָגאָזשקע און מען ווישט אָפּ אויף טרוקן מיט לייוונטענע שוואַבערס.

די פרויען אין די פאַרקאַשערטע קליידלעך, מיט די דיקע איקרעס שווענקען אָפּ מיט היים וואַסער די ווענט פון די הייזער, פון דעם פונדאַמענט ביז דער הייך פון אַ מענטשן. און די זעלביקע פרויען רייניקן מיט פּאַטענטירטן זאַלב די טיר־הענטלעך און די זאַוויעסעס, די ברעטלעך מיט די נעמען פון די איינוואוינער אויף די טויערן און די קופּערנע גלעקלעך אויף די שטאַכעטן פון די צאַמען און גראַטעס.

אָ, אַזוי וואַשט מען און מען רייניקט די שטעגעלעך, די הייזער און די גלעקלעך פון די גראַטעס אויך אין דעם קליינעם בישאָפּסבערג!

און אויפן פרימאָרגן, ווען איבער דעם שפּיץ לאַושע, וואָס איז באַדעקט מיט אַ נעפּל, הייבט זיך אויף די אַלטע גוטע זון, הייבט אָן בישאָפּסבערג צו ווערן ראָז, אַזוי ווי אַ מיידל, וואָס האָט זיך אָפּגעטונקט פון שלאָף אין אַ קאַלט טייכל. מעגלעך, אַז איין שעה אין מעת־לעת סך־הכּל, איין אינדערפריִקע, ראָזע שעה פּעס־

שטעט זיך און ציט זיך בישאָפסבערג — אַ פּוילס, אַ לאַנגזאַמס, אָבער שוין אַן אויפגעוואַכטס, ציט זיך און זשמורעט זיך אויפן לאָושע. אין דער דאָזיקער שעה ווערן ראָז די אָפּגעוואַשענע ברוקן, די קאַכל פון די שטענגעלעך, די גאַלקעלעך אויף די גראָטעס און צאַמען, די ווענט פון די הייזער, די גליטשיקע דאַכלעווקעס פון די דעכער. אין דער־אָ שעה וויגט זיך אין הימל, אינגאַנצן ראָז, דער קלויסטער פון דעם עוואַנגעליסט יאָהאַן, און פּלוצלונג ליטערט זיך אויס דער געצייגדלטער טורעם פון דעם פינסטערן ראָטהויז. איבער דעם שוואַרצן סאַמעט פון דעם ציפערבלאַט פון זיין אַלטן זייגער הייבט זיך אַרויף דער ווייזער, וואָס איז אָפּגעברענט אַזוי ווי גאָלד, אַלץ העכער און העכער, אַלץ נעענטער צו דעם אייבערשטן גאָלדענעם פּונקט מיט זיין שעמערירנדיקן שפּיץ. אָט האָט ער זיך שוין כמעט אַרויפגעהויבן, אָט האָט ער זיך אויסגעגלייכט, איז גע־בליבן שטיין. און אין דעם ראָזן אויסגעבאָדענעם אָרגאַניזם פונם שטעטל טוקן זיך די שלעפעריק־לאַנגזאַמע קלאַנגען:

ז—זאָנ—נע

ז—זאָנ—נע

ז—זאָנ—נע

ז—זאָנ—נע

די זון.

און ווען אין דער דאָזיקער שעה, אין דער איינציקער שעה אין מעת־לעת, ווען בישאָפסבערג צערטלט זיך און ציט זיך, און זשמורעט זיך אויפן לאָושע, ווען אין דער דאָזיקער שעה נעמט זיך־גען דער גרויסער גלאָק אויף דעם קלויסטער פון דעם עוואַנגעליסט יאָהאַן — איז וואָסער מענטש וועט עס דעמאָלט ניט אויסשרייען, אַז דייטשלאַנד — לעבט! ווער וועט עס ניט אַ שעפּטשע טאָן, אַז דייטשלאַנד איז שיין, און ווער וועט ניט אַ טראַכט טאָן, אַז

דייטשלאַנד קאָן אַנדערש ניט ווערן!

און פּלוצלונג...

— הערט, הערט, ליבער הער רעדאַקטאָר! וואָס־זשע וועט זיין, וואָס וועט זיין מיט אונז, וואָס וועט זיין מיט דייטשלאַנד, אויב ס'וועט גיין אַזוי ווייטער?

Free Public Library, Newark, N. J.

— בארויקט אייך, גענערמער הער דאָקטאָר, באַרויקט אייך. מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס ליגט אין אונזערע כּוחות. מיר מוזן דורכהאַלטן, און מיר וועלן דורכהאַלטן, מיר, דייטשן.

– אָבער, הער רעדאַקטאָר.

— הער דאָקטאָר, ס׳איז שוין דריי פערטל אויף עלף. לאָמיר גיין צום ראָטהויז.

דער פּלאַץ איז אַרומגענומען מיט אַ פונקעלן גאַרטל פון גאַז-לעמפּלעך. זיי שפרייטן אויס איבער דער ערד ווייסע פּישטעכלעך שיין. אַט דאָרטן, הינטערן ווינקל, איז אַרויסגעשוואָומען אַ גרויער שינעל פון אַ לאַנדשטורמיסט און האָט זיך צעשמאָלצן אין דער פינסטער. פון אַ קעלערל מיט אַ פענסטער, וואָס איז באַפאַרבט מיט פאַרשיידנפאַרביקע שייבעלעך, האָבן זיך אַרויסגעגאָסן אָפּגעריסענע שטיקלעך פון אַ מעלאָדיע. ערגעץ האָט אַ קלאָפּ געטאָן אַ מיר. שטיל.

און אָט הערט זיך די באַקאַנטע, פּאַרצייטיקע, הייזעריקע אַרפּעדזשיאָ אויף דעם ראָטהויז-טורעם, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין דער נאַכט. אַ פערטל, אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע. אָט איז אַ פויזע, וואָס איז טויט ווי דער פּלאַץ. אָט הערט זיך דער כריפּ פון דער שפּרינגפעדער.

ז—זאָנ—גע.
ז—זאָג—גע.

האַלבע נאַכט.
און פּלוצלונג ווידער:
אַ פערטל, אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע.
אַ פויזע. אַ כריפּען פון דער שפּרינגפעדער.
און לאַנגזאַם, מיד, איינזאַם:

זז—זזאָנ—גע.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:
— ס׳איז פינסטער.
און אַ ביסל שפּעטער:
— קיינער איז נישטאָ.

— צוויי אַ זייגער, — האָט דער רעדאַקטאָר געענטפערט, — ס'איז שפּעט. דאָס איבעררוקן דעם ווייזער זאָמלט שוין ניט אויף קיין מענטשן.

— עפּעס גלייך, ווי מיר... ווי מיר אײַלן זיך, ווי מיר יאָגן זיך... מיר נעמען צו צייט בײַ דער מלחמה...

— ווי אַזוי?

— פאַר דער דאָזיקער שעה איז קיין איינער ניט דערהרגעט געוואָרן. די דאָזיקע שעה איז נענטער צו שלום.

— כ'האָב אויסגערעכנט, הער דאָקטאָר, איך האָב אויסגערעכנט, אַז דורך די מיטלען, וואָס די מלוכה האָט אָנגענומען בנוגע די זייגער־ווייזערס, פאַרשפּאָרט זי פון זעקס ביז זעקס אַ האַלבן פּראָצענט הייצמאַטעריאַל אַ יאָר. איר ווייסט, וויפל דאָס איז אין דער אַבסאָלוטער צאָל?

— דוכט זיך אײַך ניט, אַז מיר... זיינען דעגענערווירט, מיר, דיימשן?

— שוין שפּעט, הער דאָקטאָר. צום ווידערזען.

שטיל. דער לאָמפּאַנציַנדער גייט מיט אַ לאַנגן שטעקן און קלייבט אויף דורך איין לאַמטערנע די קיילעכיקע טישטעכלעך שיין פון דער ערד. צוויי שוואַרצע צונויפגעפרעסטע פיגורן צעשמעלצן זיך אין די קענגאיבערדיקע עקן פון דעם פּלאַץ. דעם ראַטהויז־טורעם זעט מען ניט. אָבער ער איז דאָ. ער איז דאָ.

* * *

— דאָס איבעררוקן דעם ווייזער זאָמלט שוין ניט אויף קיין עולם, — האָט דער רעדאַקטאָר געזאָגט, בײַנאַכט, פאַר דעם ראַטהויז. אָבער ער האָט ניט געזאָגט, וואָס ס'איז געווען זונטאָג, נאָך דער תפילה, אויף דעם פּלאַץ לעבן דעם קלויסטער פון דעם עוואַנגעליסט יאָהאַן. ער האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַן אַרטיקעלע און האָט עס אַריינגעשטעלט אין אָנהייב פון דער כראָניק, און אַלע, וועד ס'איז געווען און וועד ס'איז ניט געווען בײַ דעם קלויסטער — אַלע האָבן עס געלייענט. נאָר ס'איז בעסער, שטענדיק איז בעסער צו זען, איידער צו לעזן.

פון דער זייט פון דעם גלאָקנטורעם איז דער קלויסטער אָפּגעצאַמט מיט אַ פּעכיקער העלער ברעטער־צוים. די שוצלייט אין די קורצע פלאַשטשען צייכענונגען, אַזוי ווי שטומע וועג־צייכנס, אָפּטרעטנדיק אויף צען טריט פון צוים, דאָס פאַרבאָטענע פעלד. הינטער זייערע שטומע משופּעדיקע רוקנס וויגן זיך האַ־טע מענער־היט און דאַמען־היט אין שוואַרצן קרעפּ, געל געוואָרענע דאַשיקלאָזע היטלען פון סאָלדאַטן, שוצפאַרביקע איבערציערם פון אָפּיצירישע העלמען. מער ווי אַלץ די דאַמען־היט. מער ווי אַלץ דער שוואַרצער קרעפּ. דער שוואַרצער קרעפּ פלאַטערט אויפן ווינט, לאָזט זיך אַראָפּ אַזוי ווי פאַרהאַנגען צו דער ערד, פליט אַרויף אַזוי ווי פינסטערע פליגלען איבער דעם האַרטן הוט, איבער דעם דאַשיקלאָזן היטל און איבער דעם העלם, הילט איין די פלייצעס, די קעפּ און די רוקנס, פאַרהענגט די פּנימער, מיט אַ קלאַמערדיקן האַנט־קייטל כאַפּט ער אַרום די אַרבל, וואַסלט זיך, וויגט זיך, שווימט אין דער לופטן — דער שוואַרצער קרעפּ. אָט האָט ער זיך אַרויסגעגאָסן אין אַ ברייטן שטראָם פון דער טיר פון דעם קלויסטער, אָט קייקלט ער זיך אַראָפּ אַזוי ווי אַ שטילע לאַווינע פון פּאָרטאַל, צעגיסט זיך איבערן פּלאַץ, פאַרגיסט אים, אַ גלייכער, אַ פינסטערער, אַ קאַלטער, אַזוי ווי אַ הייל. פּנימער מיט אָפענע ליפּן, פּנימער אין קנייטשן, פאַרמעטענע און ערד-קאָלירענע, מיט פאַלדן, ביילן און שראַמען; פּנימער, אַרומגעפלאָכטן מיט גרויסע בינטלעך האָר; פּנימער אייזערנע, גלאַטע, פּירקאַנטיקע, אין רויטע אָדערן; פּנימער ווייכע, קיילעכדיקע, אַזוי ווי זונרויזן,— אַ גאַנצע לאַנקע פון פּנימער האָט זיך אויף דעם פעלד פון שוואַרצן קרעפּ אַ וואָרף געטאָן אַרויף, צו דעם גלאָקנטורעם פון דעם עוואַנגעליסט יאָהאַן.

דאָרטן, אויף די קורצע קראָקוועס, וואָס שטאַרצן אַרויס פון פענסטער, ליגט אַרומגעוויקלט מיט קאַנאַט דער גרינלעך־געלער גוף פון דעם גרויסן גלאָק, און וועלכן עס קלאַמערן זיך קלייניקע, מאַרודנע מענטשעלעך.

פון דעם פּאָרטאַל האָט אַראָפּגעשטראָמט אַ לאַווינע פון

שוואַרצן קרעפּ, אין טיר האָט זיך באַוויזן דער פּאַסטאָר און לעבנאַנאַנד מיט אים — דער שטאַדטראַט און אַנדערע שטאָטישע שררות, דער שטאָט-קאָמענדאַנט און דער קאָמענדאַנט פון דעם לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע, די אָפיצירן, די פּרעזידענטן פון די פאַראיינען, — פּערזאָנען, וואָס בישאָפסבערג האָט זיי שטענדיק געאַכט און וואָס ניט אַכטן זיי קען מען ניט.

און דעמאָלסט האָט זיך אויף דעם גלאָקנטורעם פון דעם קלויסטער פון דעם עוואַנגעליסט יאָהאַן, ערגעץ אין דער טיף, אומגעזען, גענומען צאַפּלען אַ דינער, אומרויִקער רוף פון דעם קליינעם גלאָק, אין וועלכן מען האָט קיינמאָל אום זונטאָג ניט געקלונגען, און דער גרינלעך־גרויער גוף פון דעם גרויסן גלאָק — איז געלעגן שטום אויף די קראָקוועס מיט זיין ברייט געעפנטן פּיסק אַנטקעגן דעם פוסטן הימל.

דערנאָך האָט זיך דער דאָזיקער פּיסק אַ רוק געטאָן צום ברעג פון די קראָקוועס, די קליינע מענטשעלעך האָבן זיך באַהאַלטן אין דער טיף פון דעם גלאָקנטורעם, די פּערזאָנען, וואָס בישאָפסבערג האָט שטענדיק געאַכט, זיינען אַראָפּגעגאַנגען פון פּאָרטאַל און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט הינטער די שטומע רוקנס פון די שוצלייט. דער שטאַדטראַט האָט לאַנגזאַם פונאַנדערגענומען דאָס נאָזטיכל און האָט מיט אים אַ פּאָך געטאָן איבערן קאָפּ. דער ברייטער פּיסק פון דעם גרויסן גלאָק האָט זיך אַ רוק געטאָן צו דעם סאַמע ברעג פון די קראָקוועס און איז איין מינוט געבליבן הענגען איבערן אָפּגרונט.

און דער קליינער גלאָק האָט געוואָרפן אויפן ווינט אַן אומרויִקן האַרצרייסנדיקן רוף, האָט זיך בשעת מעשה פאַרכליניעט, פאַרפּלאָנטערט, צעריסן זיינע קלונגען, גלייך ער וואָלט אין דער אימה פאַר דער נאָענטער מיתה געבעטן אום רחמנות. און דעמאָלט האָט זיך אַ שוואַרצער שאָטן דורכגעטראָגן פון אויבן אַראָפּ איבער דעם גלאָקנטורעם און האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אין דער פאַרצאַמונג אַריין.

און ס'איז געווען אַזוי, גלייך ס'וואָלט זיך געעפנט די ערד, און ס'וואָלט חרוב געוואָרן די וועלט.

און ס'איז געוואָרן שטיל, אַזוי אַז מען האָט געהערט, ווי די וואַסערשוואַלבן האָבן געפּייפּט אויפן דאַך פון דעם עוואַנגע־ליסט יאָהאַן, ווייל ס'האָט זיך איבערגעריסן דער רוף פון דעם קליינעם גלאָק, און אַלע האָבן געשוויגן...

אין דעם דאָזיקן טאָג האָבן די בישאָפּסבערגער לייט אָפּגע־שרויפט די טיר־הענטלעך און די פּאַררוקערס, האָבן אַראָפּגענומען די קופּערנע גאַלקעלעך פון די גראַטעס און צוימען, און די בליצאָפּפּיר'ער — פון די פערדלעך אויף די דאַכלעווקענע דעכער, און די פרויען האָבן אין די קיכן און אין די שפּיזאַרניעס איבער־געלאָזן אין אַ ווינקעלע די מעשפּלעכענע קווערטלעך און פענדלעך, די קופּערנע בעקנס און קאַווע-קענדלעך

ס'איז אַריבער דער טאָג. אויך די נאַכט איז אַריבער. און הינטער דעם פאַרנעפּלטן שפּיץ לאַושע האָט זיך אויפגעהויבן די אַלטע, גוטע זון, און בישאָפּסבערג איז געוואָרן אַזוי ווי אַ מיידל, וואָס האָט זיך פון שלאָף אָפּגעטונקט אין אַ קאַלטן טייכל.

אָבער ווער האָט געזען, ווער האָט געזען, ווי אין דער דאָ־זיקער שעה, אין דער איינציקער שעה אין מעת־לעת, ווען בי־שאָפּסבערג צערטלט זיך און ציט זיך, און זשמורעט זיך בשעת מעשה אויף לאַושע, — ווער האָט געזען, ווי אין דער דאָזיקער שעה האָט זיך אויפן גלאָקנטורעם פון דעם קלויסטער פון דעם עוואַנגעליסט יאָהאַן געצאַפּלט און געציטערט דאָס צעקנייטשטע, נעגנאַלטע געזיכט פון דעם אַלטיטשקן, וואָס איז געשטאַנען אונטער די פּאַליעס, וואָס האָבן נאָך נעכטן אונטערגעהאַלטן דעם גרויסן גלאָק?

— דוכט זיך אייך ניט, אַז מיר... זיינען צערודערט, מיר, דייטשן?

* * *

נאָך דעם קאָנצערט וועט מען דעמאָנסטרירן די נייסטע פאַר־פולקומונגען פון די פּראָטעזן לויט דער פאָלגנדיקער פּראָגראַם:

1) דאָס פאָרן אויף אַ וועלאָסיפּעד, אַרויפגיין און אַראָפּגיין פון טרעפּ (פּראָטעזן פּאַטענט „פעניקס" פאַר פיס, וואָס זיינען

אמפּוטירט העכער פאַר די קני) — וועט אויספירן דער קאַפּראַל, מאַקס פּישער.

2) דאָס אַרבעטן אויף דער שרייב־מאַשינקע (פּאַטענט „פּאָרוועטס" פאַר הענט מיט אמפּוטירטע האַנט־וואָרצלען)—וועט אויספירן דער אונטער־אָפיציר פראַנץ ד.

3) דאָס אַרבעטן מיט אַ לאָפּעטע, מיט אַ האַק, מיט גראַב־ליעס, מיט אַ האַמער, מיט אַ הובל און מיט אַ זעג (פּאַטענט „Deutsche Würde", פאַר הענט, וואָס זיינען אַמפּוטירט העכער פון די אָרעמס) — וועלן אויספירן די סאָלדאַטן האַנס לעבען, האַנס פּאָרסט, עריך עטשקע.

4) דאָס רויכערן ציגאַרן (פּאַטענט „Deutshe Würde" פאַר איין האַנט, וואָס איז אַמפּוטירט ביז דער פּלייצע) — וועט אויספירן דער סאָלדאַט אָטטאָ באַך.

צום שלוס וועט אַ קאָמאַנדע פון זעלנער, וואָס האַלטן ביים אויסהיילן זיך, אויספירן פּאַטריאָטישע לידער און וועט פאָר־שטעלן אַ לעבעדיק בילד „די ברכה פון דייטשלאַנד".

גאָט,
שטראָף
ענגלאַנד.

דאָס סאַמע ברעגעלע פון דער פּראָגראַם, מיט דעם גראָדעק, וואָס איז געווען באַצויגן מיט אַ שוואַרץ־וויים-רויטן באָרדיור, האָט זיך אָפּגעבויגן און זיך אויסגעשפּרייט אויפן טיש, צווישן די געשפּרענקלטע צייטונגס־שפּאַלטן. דער גראָדעק איז געווען גע־נוי אַזוי ווי אין אַ לערנבוך פון געאָמעטריע, און די פאַרבן פון דעם באָרדיור זיינען געווען גענוי, פּונקט ווי די פאַרבן אויף אַ טאַ־בעלע פון אַ אויגן־קליניק — דורכאויס שוואַרץ, דורכאויס וויים, דורכאויס רויט. און די גענויע ווערטער אין דעם גראָדעק האָבן זיך אויסגעשטעלט גלייך, אַזוי ווי אין מאַטעמאַטיק:

גאט,
שטראף
ענגלאנד.

אין דעם עס-צימער האט זיך איבער די טיולענע פארהענגלעך געטראגן די זון, האט זיך געפלאנטערט אין די צעשפרייטע און צעוואָרפענע צייטונגס-בויגנס אויפן טיש, געשווינדלט אין דעם געפלעכט פון די שטולן, געשפילט אויף דעם געשיר און אויף די מעסערס, און דער שווארץ-ווייס-רויטער באָרדיור האט געברענט אין איר גלאנץ, אזוי ווי א זיידן סטענגעלע פון אן אָרדן.

פרוי אורבאך האט אויף דעם דינעם רעדעלע פומפערניקל אנגעשמירט דעם קאמאמבער, וואס מען האט איר צוגעשיקט פון דער שווייץ, האט פונאנדערגעגאסן קאווע און איז מיט פארזשמורעטע אויגן געלאָפן איבער די צייטונגען. זי האט שוין דערציילט וועגן דעם, ווי אין דעם שפיטאל פאר די גוזעלשאפטלעכע פילאנטראפן האבן די אינוואלידן אָן הענט און אָן פיס, אויף דעם קאנצערט, וואס מען האט דאָרטן איינגעאָרדנט, גלענצנד אפגעלייקנט, מיט דער הילף פון די פאטערלענדישע טעכניקער און אָרטאפעדן, דעם פארשפרייטן טעות, אז א מענטש, וואס האט פארלאָרן די ערדגלידער — איז כלומרש א קאליקע און טויג ניט צו דער ארבעט. זי האט אויך דערציילט וועגן דעם, אז די געזונטוועדיקע האבן מיט באגייסטערונג געזונגען דעם פרייסישן הימען, וואס זיין פראכט ווערט קיינמאל ניט פארוועלקט, — די וואך אויפן ריין, און דאס באווייזט אָן שום ספק אי אויף די פאטריאטישע געפילן פון דעם פראסטן המון, אי אויף זיינע מוזיקאלישע פעיִקייטן.

— עמעצער האט זייער ריכטיק געזאגט, אז א פאלק, וואס קען אזוי זינגען, קען ניט זיין קיין פאלק פון בארבארן. זיי האבן געזונגען אויסגעצייכנט!

דער הער אורבאך האט געגעבן א פארשקע און האט באמערקט:

— כ'האָב געלייענט וועגן די קאַטאָרזשניקעס. זייערע לי־דער קען מען ניט הערן, מען זאָל דערביי ניט וויינען.

— דאָס האָט אָנגעשריבן אַ רוס?

— כ'געדענק ניט, — האָט הער אורבאַך געענטפערט און האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער.

דערמיט האָט זיך דער געשפּרעך געענדיקט, און פרוי אור־באַך האָט זיך ווייטער פאַרנומען מיט דעם פּומפּערניקל, מיט דעם קאַמאַמבער און מיט די צייטונגען.

פלוצלונג האָט זי גענומען שטאַרק קוקן אויף דעם קליינעם אַנאָנס. דערנאָך האָט זי גענומען די צייטונג און האָט זי אויסגע־שפּרייט איבערן טיש:

— פריילין מארי, ציינכנט אָפּ, זייט מוחל, מיטן בלייער אַט־דאָס־אָ.

מארי האָט איבערגעלייענט:

> **הערינגסדאָרף.**
>
> דער קוראָרט ביים דייטשן ים, וואָס איז רייך אין ים־און זון־וואַנעס, מיט אַן אויסגעצייכנטן אַלטן וואַלד, איז אָפן אַזוי ווי אין שלום־צייטן.
>
> **פריי פון שפּיטאָלן.**
>
> פּראָספּעקטן שיקט די פאַרוואַלטונג פון קוראָרט אַרויס אומזיסט. דער סעזאָן ציט זיך פון 1טן יוני ביזן 30סטן סעפּטעמבער.

דער הער אורבאַך האָט אַ וואָרף געטאָן מארין דעם בליי־ער. זי האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט באַצייכנט דעם אַנאָנס מיט אַ צלמל און האָט זיך אויפגעהויבן.

— מאַמאַ, אויב איר זאַמלט קוריאָזן, קען איך אייך העלפן.

— קוריאָזן? כ'פאַרשטיי ניט גוט, מארי.

דער הער אורבאַך האָט אָוועקגעריסן זיין קאָפּ פון די צייַ־טונגען:

ק. פערין

— עפעם נייגעריקס?

— קיין שום אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנטס. די מאמע וויל א ביסל אפרוען פון די העלדן.

— א, — האט הער אורבאך ארויסגערעדט, — אזוי, אזוי.

— איך געפין, פריילין מארי, אז די לעצטע צייט איז אייך שווער צו געפינען די פאסיקע ווערטער.

— כ'שפיר דאס ניט, מאמא. כ'דאנק אייך.

און ווידער א קניקס, וואס נאך אים ווילט זיך א זעץ טאן מיט דער טיר, א ווארף טאן זיך אין בעט און בייסן די קישן, אזוי ווי דעמאלט אין מיס ראנים פאנסיאן.

אין פאדערצימער הערט זיך א וויכער קלונג. שוין באלד צוויי יאר, ווי מארי הערט זיך צו צו די קלינגענישן. זי האט זיי אויסגעשטודירט און ווייס דערהויפט גוט דעם קלונג אינדערפרי, מיטאגצייט און אין אוונט. דאס שטערט איר ניט איבערצוקוקן פריער פאר אלעמען די פאסט. ניט שטענדיק באקומסטו דאך אזעלכע בריוו, וואס מען דארף זיך ניט איילן זיי צו עפענען. ניט שטענדיק זיינען זיי אזעלכע, איבער וועלכע דו דארפסט לאנג טראכטן, אדער, אט ווי דער־א בריוו — א ברייטער, אן מארקעס, אינגאנצן פארשמירט מיט שטעמפלען, חתימות, אויפשריפטן איבער די שפּיציקע נאדלען פון די בוכשטאבן:

צ׳ איר הויכגעבוירן

פריילין...

פארוואס איז אפגעשטארבן די גאס, און דער זייגער אויפן וואנט האט אויפגעהערט אויסצושלאגן זיינע סעקונדעס? פארפלוכטער קניקס! פון דעם דאזיקן מאלפישן בייגן זיך ווארפט זיך דאס בלוט אין די שלייפן און ברענט זיי אזוי ווי מיט אנגעגליטן שטאל! און פארוואס עפעס בלויז פאר דער מאמען? פאר קיין אנדערן ניט, קיינמאל ניט, נאר פאר איר! עקלהאפט, נאריש און העסלעך! מען דארף פארשפארן די טיר, ברייטער עפענען דעם פענסטער, אויסרויכערן א פאפיראס, רויק און שטיל. ווי נאריש! און ענדלעך, איז דען ניט אלץ־איינס? נו, לעבט ער, נו, איז וואס?

וואס פאר א שייכות האט דא מיס ראני, וואס פאר א שייכות האט די מאמע! נאריש!

27 אפריל 1917. רוסלאנד.

הויכגעשעצטע פרײלין מארי, איר פארשטײט, אז איך בין ניט אין שטאנד צו דערצײלן אײך װעגן די סיבות, װאס האבן מיך געבראכט אהער, פונװאנען איך שרײב אײך, און װעגן אלע שפּירונגען, װאס פילן מיך אן פון יענער צײט, װען איך בין ארײנגעפאלן אהער. איך פלײס זיך אױך אין דעם איצטיקן מצב צו געפינען א פאסיקע באשעפטיקונג, הגם ניט שטענדיק געלינגט עס מיר. דער פארלאנג צו ארבעטן איבער זיך און דאס שטענדיקע דער־מאנען זיך אן אײך, פרײלין מארי, לאזט מיך ניט אפ, און דאס — װײסט איר דאך — איז שטענדיק געװען פאר מיר א קװאל פון מונטערקײט. כ׳האב זיך גענומען שטודירן די רוסישע שפּראך און איך מײן, אז דאס װעט מיר העלפן נעענטער צו דערזען דאס פאלק, װאס רינגלט מיך ארום און װאס דאס צוקוקן זיך צו אים קען האבן, װי איך בין איבערצײגט, א גרױסן װערט פאר דעם ציװיליזירטן מענטשן. ביז איצט האט זיך מײן אױפמערק־זאמקײט אפגעשטעלט אױף אײן שטריך פון די רוסן, װאס װערט כאראקטעריזירט פון זײ גופא דורך אונזער באגריף „גוטסקײט״ אדער דורך א זײער נאענטן באגריף צו אים. צום באדױערן, שטערט מיר דאס ארט צו רײדן מיט אײך אױספירלעכער. איך שטודיר אױך א קלײן פעלקל, װאס הײסט מיטן נאמען מארדװינער, פון פיני־שער אפשטאמונג. דער לאגער, װאס זײן אדרעס װעט איר געפינען אױפן קאנװערט, ליגט אין אן אפגעלעגן ארט און איז ארומגערינגלט מיט דערפער, װאס זײנען באזעצט מיט מארדװינער. איך געדענק ניט, אז אונזערע געלערנטע זאלן זיך האבן אפגעשטעלט אױספירלעך און שטודירט דעם דאזיקן האלבגעצנדינערישן שבט.

ערטערווייז איז דאָ נאָך דער שניי ניט צעגאַנגען. איין פריינט מיינעם העלף איך זאמלען א הערבאַריום, צו וועלכן ער איז צוגעטראָטן, ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די שניי־בלומען. אין די יום־טוב־טעג פארנעם איך זיך מיט צייכענען און איך וואָלט אייך געקענט באַווייזן אַ גאַנצע קאָלעקציע פון צייכענונגען, וואָס זיינען ענלעך צו יענע, וועלכע איך האָב געמאַכט צוזאַמען מיט אייך אין שענאָו. איך בענק זייער נאָך מיינע בילדער. ווילט איר ניט אַראָפּפאָרן קיין שענאָו און אָנשרייבן מיר וועגן אייערע איינדרוקן? דערהויפּט וועגן די בילדער. איך בעט אייך זייער, פריילין מארי! גיט איבער אַ הארציקן גערוס אייערע עלטערן. ערלויבט צו קושן אייער האַנט.

אייער טיף איבערגעגעבענער

מאַקס פאָן שענאָו.

און די אונטערשריפט איז געווען אַ קרומע און אַ פעטע, און האָט פעסט אונטערגעשפּארט די שארף־שפּיציקע גראַטע פון בוכשטאַבן.

טיילמאָל קומען אָן אַנדערע בריוו, גאָר אַנדערע...

— עפּנט, מארי! פאַרוואָס האָט איר זיך פאַרשפּאַרט?

— מיר טוט זייער ווי דער קאָפּ, מאַמאַ!

— יאָ? כ'האָב באַקומען אַ ידיעה פון רויטן קרייץ. דער מאַרקגראַף געפינט זיך אין דעם אָפיצירן־לאַגער... גיט אַ קוק, איך קען ניט איבערלייענען דעם דאָזיקן אומגעלומפּערטן וואָרט!.. משמעות אין סיביר ערגעץ. דאָך... זייט איר אַזוי גרויזאַם?..

— כ'האָב אַ שטאַרקן קאָפּווייטאָג.

— מיט אַן אמת, איך זע אויף דער דאָזיקער פּאָליצע אַ גאַנצן פּאַק נייע ביכער. איין זאַך דאַרף איך אייך איבערחזרן עטלעכע מאָל... אפשר וועט איר פּאַרט אָנשרייבן דעם מאַרקגראַף? אָט האָט איר אַ אינפאָרמאַציע.

אומגעהערט, אַזוי ווי אויף דעם קינאָ־עקראַן, האָט אַ שורשע

געטאָן פֿרוי אורבאַכס קלייד און, אַזוי ווי אויפֿן עקראַן, האָט זי פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

יאָ, אַ גאַנצן פּאַק נייע ביכער. אָט זיי־אָ — די אומפּאַרענדערלעכע, סודותדיקע — באַגנבענען עס דאָס לעבן און מען זאָגט רק וועגן זיי, אַז זיי באַרייכערן עס. אָבער ס׳אַר אַ גליק עס איז צו שפּירן זיך אויסגעלערט פֿון זייער אומגעזעענעם און אומבאַוועגלעכן בליק! וואָס פֿאַר אַ פֿרייד ס׳איז אָפּצוגעבן זיי שעה נאָך שעה, טאָג נאָך טאָג, וואָרעם — צו וואָס דאַרף דען דער מענטש האָבן די דאָזיקע עלנטע טעג און שעהן?

דען די שעה, צוליב וועלכער מאַרי לעבט, קומט אַזוי זעלטן, און די טעג, וואָס קומען נאָך איר, זײַנען אָן ליכט, זײַנען פּלאַך און לער. די דאָזיקע שעה קומט אָן איידער עס צינדן זיך אָן די גאַז־לעמפּלעך, ווען אין די שטיינערנע שפּאַלטן פֿון בישאָפּסבערגקענסטו מיט מי אונטערשיידן אַ מאַנפּאַרשוין פֿון אַ פֿרוי.

דעמאָלט גליטשט זיך מאַרי איבער די טריב־גרויע פּאַסאַזשן פֿון די אַלטע הײַזער, איבער די בלינדע גאַסן, וואָס ציען זיך פֿון דעם ראָטהויז אַזוי ווי אַ שוואַרצע זשמעניע פֿינגער, צו די שטומע פּראָמענאַדעס. דורכלויפֿנדיק דעם וועג, קרײַזט זי אַרום די אָראַנזשענע און די מילך־בלאַנקיטע פֿענסטער פֿון די געוועלבלעך און רעסטאָראַנען, שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיך אײַן אין דער פֿינסטערניש, קערט זיך פּלוצלונג אום און באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים. דערנאָך גייט זי שטיל, דערנאָך לויפֿט זי כמעט, גליטשט זיך ווידער איבער דער גלאַטער וואַנט.

אויפֿן הערקולעס־פּלאַץ, אַנטקעגן דעם פֿאָנטאַן, געפֿינט זיך אַ שווערע טיר, וואָס איז צעקאַרדאַשעט דורך אַ באַראָק־מעסער און דורך די יאָרן.

אין דער טיר. דערנאָך איבער די טרעפּ — זיבן־און־זעכציק שטאַפּלען; אויב מען זאָל גיין איינע איבער איינע — איז פֿיר־און־דרײַסיק טריט. אַז דו קומסט פּונקט — אַכט אַ זייגער איז אַוונט, לויט דעם ראָטהויז־זייגער — איז אָפֿן דער אַרײַנגאַנג אויף

דעם פערטן טרעפ־פּלעצל. אין דעם אריינגאַנג. דורך דעם פירהויז, גלייך. דאָרטן.

אָבער פּונקט אכט אין אָוונט לויט דעם ראַטהויז־זייגער, מאַרי!

פּונקט, מאַרי!

פּיאַדאָר לעפּענדין

ווען מען האָט די פרוי גענומען אונטערן אָרעם, האָט זי מיט אַ האַרצרייסנדיקן קול אויסגעשריען עפּעס אַ וואָרט.

פון די, וואָס האָבן געקענט פאַרשטיין דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אים קיינער ניט פאַרשטאַנען.

נאָר איינער אַ מענטש, וואָס זיין געזיכט איז געווען ענלעך צו אַ מעלאָנע, האָט מיט די ליפּן, וואָס זיינען געווען שאַרסטקע, אַזוי ווי אַ רויפּע, אַרויסגעשעפּטשעט:

— ריכטיק...

ער האָט אומגעקערט דעם קאָפּ אָן אַ זייט און האָט לאַנג געקוקט אין דעם קיילעכיקן קאַרק פון דעם שכן.

זיינע אויגן האָבן גענומען פינטלען, די פאַרבלאָזטע ברעמען האָבן גענומען אַרומפּאָרן, ווען ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און האָט באַוועגט מיט אַ ברעגעלע אויער. ער האָט אַ זיפץ געטאָן. דערנאָך האָט ער אַרויסגעצויגן די הענט פון אונטער דער דעקע, האָט זיי אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ, האָט גענומען פירן דעם פאַרגלעזערטן בליק איבער די געזימסן פון דעם הויכן סופיט. דערנאָך איז ער אַנטדרעמלט געוואָרן.

ס'איז דען געווען? און אויב ס'איז געווען, איז ווען?

ער איז געזעסן אויף דער לעזשאַנקע און האָט פאַרבויגן די באַקעטע פּיס אונטער זיך — אַזוי ווי אַ קוילעטש.

די פויערשע שטוב איז געווען היים אָנגעהייצט — מען האָט נעבאַקט ברויט פון נייעם קאָרן, אויף דער אויסגעווייסטער זאַס־לינקע און אויפן דרענגל האָבן זיך געוואַרעמט צעטומלטע האַרבסט־פליגן, איבער די לייוונטענע גרויע האַנטעכער, וואָס

האָבן באַדעקט דעם ברויט אויפן באַנק, האָבן געפּויזעט פּרייסלעך. אין דעם בלעכענעם לאָמפּ, וואָס מען האָט אוועקגעשטעלט אויפן אייוועלע, האָט אונטערגעקנאַקט דער פּאַטאַנאַפּטעל.

דער פֿאָטער האָט אָפּגעפּירט אין שטאָט אַריין פיר פינפ־פודיקע זעקלעך פון דעם נייעם צעמאָלטן קאָרן; ער איז געקומען שפּעט, איז לאַנג געזעסן ביים טיש, האָט געגעסן קרויט מיט שעפּסנפלייש, אַרומסמאַקטשענדיק בעת־מעשה די ביינער, האָט געשניטן ברויט. ווען ער האָט זיך אָנגעגעסן, האָט ער זיך איבער־געזעצט פון באַנק אויפן געלעגער, אונטערן פּאָרהאַנג, און די מו־טער האָט אים געהאָלפן אַראָפּשלעפּן די שטיוול. דערנאָך האָט דער פּאָטער זיך ברייט צעלייגט אויפן בעט, זיך געקראַצט און , גע־קרעכצט. ער האָט אַ רוף געטאָן די מוטער:

— האַידאַ...

ער האָט אַ פיר געטאָן מיט דער נאָז:

— אַ פאַרגעניגן!

די מוטער איז געשטאַנען מיטן רוקן צום געלעגער, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש, האָט געבלעטערט דעם לידער־בוך און האָט איינגענעצט בעת מעשה דעם פינגער אין שפּייעכץ. זי האָט אויס־געזונגען.

— וואַרט, באַלד..

פון דער סאָסנאָווער בעט, פון דעם וויגעלע, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון סופיט און פון די ווענט האָט געשמעקט מיט פּעטע וואַנצן, אַזוי ווי פון מאַלינע־קוסטעס. דער באַלקן איז גע־ווען אַ נידעריקער, אַ שוואַרצער, און זיצן אונטער אים איז גע־ווען זיכער — ער האָט פעסט פאַרהאַקט די כאַטעריקע ריחות, זיי זאָלן אין ערגעץ ניט קענען אוועקגיין, אין ערגעץ ניט רירן זיך — זיי שטייען געדיכט, פעסט, איינגעקוועטשט — ריחות פון וואַנצן, פון ברויט, פון פּרייסלעך, פון אויוון, פון פּאַטאַנאַפּטעל.

דער פאָטער האָט געזאָגט מיט אַ באַסן־שטימעלע:

— דו הערסט, אַ האַלב קערבל האָב איך אויסגעגעבן, אין „קראַסני ריאַד”...

— געלויבט איז גאָט, — האָט זיך אָפּגערופן די מוטער, האָט פאַרלאָשן דאָס לעמפּעלע און זיך גענומען אויסטאָן.

אין דער פינסטער האָט מען געהערט, ווי די פּריסלעך האָבן אַרומגעשלאָנדערט איבערן דיל, און דער הייסער אויוון האָט גע־הוקעט.

— איז עס טאַקע געוועזן? און אויב ס'איז געווען, איז ווען?

פיאָדאָר לעפּענדין האָט אויסגעגלייכט די פאַרחלשטע הענט.

זיין שכן — מיט דעם קיילעכדיקן שוואַרצן קאָפּ — האָט מען אַוועקגעלייגט אויף אַ טראַגבעטל, צוגעדעקט מיט אַ לייַלעך און — דעם בר־מינן — האָט מען אַרויסגעטראָגן פון דעם קראַנקנס צימער צוזאַמען מיט די בעט־וועש.

לעפּענדין האָט זיך איבערגעצלמט.

און דאָ האָבן זיך פּלוצלונג זיינע הענט אַ שליידער געטאָן אינדערהויך. ער איז געלעגן אַ קורצע צייט, גלייך ער וואָלט זיך אַליין ניט געגלייבט. דערנאָך האָט ער מיט די פינגער אָנגעכאַפּט דאָס אייזערנע דרענגל פון בעט וואָס איבערן קאָפּ און האָט זיך אַ הייב געטאָן. די הענט האָבן געגעבן אַ קנאַק אין די איילנבייגנס, די העמד אויף די פּלייצעס האָט זיך איינגעשניטן מיט די פאַלדן אין דעם לייב. לעפּענדין האָט אַ קרעק געטאָן...

פּאַסירט האָט עס אַזוי.

ווען מען האָט איינמאָל געהאַט אָפּגעשלאָגן אַ פאַרשלאָ־פענע אַטאַקע און ס'האָט גענומען טאָגן, האָט דער „פּראָפּאָרשטשיק" באַפוילן דעם אָפּטיילונגס־פירער צו פאַרריכטן דעם פּעריסקאָפּ. מען האָט באַדאַרפט אויפהייבן דעם אַפּאַראַט, אונטערשפּאַרן אים מיט אָפּגעהובלטע לייסטן, אָנשטעלן אים אויפן דייטש.

און אָט, ווען לעפּענדין, וואָס זיין קאָפּ האָט זיך אויסגע־גליכן מיט דער ערד, האָט איינגעפּאַטשט מיט דער לאָפּעטע די אָנגעשאָטענע ערד פון דער שוצגרוב, האָט ער אַ טריט הונדערט פאַר זיך דערזען פּיס, וואָס האָבן געשטאַרצט אויף אַ בערגל. גע־ווען זיינען זיי, אַזוי ווי אַ שער, מיט די עקן אַרויף, און די קער־פּערס, צו וועלכע זיי האָבן געהערט, האָט מען ניט געזען איבער

דעם בערגל. אין דער שוצגרוב איז געווען שטיל, די סאָלדאַטן האָבן זיך געטוליעט אין גראָלעכע קלעפּיקע קופּקעס אויף די שטרויענע אונטערבעטן און זיינען געשלאָפן.

לעפּענדין האָט אָנגעשפּאַרט די ביקס אָן דעם פּעריסקאָפּ, איז אונטערגעשפּרונגען, איז אַריבער איבער דעם אָנשיט און האָט אַוועקגעפּויזעט.

אויפן פּעלדל פאַר דער שוצגרוב האָבן זיך דאָ און דאָרטן געדרויבערט האַרבסט־רויכלעך, אַזוי ווי פון פּאַרלאָשענע שייטערס. לעפּענדין איז באַלד צוגעקומען צום בערגל. פּונקט איבער אים האָבן אַרויסגעשטאַרצט די פיס. די שטיוול זיינען אויף זיי געווען סאָלדאַטישע, קורצע, פון געלבלעכן לעדער, מיט פּאָדקעוועס אויף די קנאַפל און מיט פאַרראָסטע נעגל אויף די זוילן פון א פינגער די גרעב.

לעפּענדין האָט זיך ניט אויפגעהויבן פון דער ערד, אונטערן שויס פון בערגל האָט ער מיט ביידע הענט א ריר געטאָן א פוס און איז געבליבן אויף איר הענגען. די פוס האָט זיך שווער אונטערגעגעבן, גלייך אָן אָצופּ פון א פאַרלאָזענעם ברונעם. די זויל איז ביי דעם זעלנער געווען פאַרבויגן אויף אַרויף, און דער שטיוול איז ניט אַראָפּגעקראָכן. לעפּענדין האָט אונטערגעשטעלט די קני אונטערן קנאַפל, האָט אַ דריק געטאָן אויפן נעזל. אין דעם שטיוול האָט עפּעס געגעבן אַ קנאַק.

— אפשר איז ער נאָך ניט געשטאָרבן?

לעפּענדין האָט אַרומגעפּויזעט אַרום דעם בערגל, האָט זיך איינגעקוקט אין אים. אַ ווייס געזיכט אָן וואָנצעס, מיט אַרויסגעשטאַרצטע בלויע אויגן, האָט געשמייכלט צו אים. לעבן דעם שלייף איז, איינגעגראָבן מיט זיין שאַרפן שפּיץ אין דער ערד, געלעגן דער איבערגעקערטער העלם. לעפּענדין האָט אַוועקגעפּויזעט הינטערן בערגל, האָט אָנגעשפּייט אין דלאָניע און גענומען אַראָפּנעמען די שטיוול. ער האָט זיך געפּאָרעט לאַנג, זיך פאַרשוויצט, צעבלוטיקט אַ פינגער אָן דער פּאָדקעווע פון קנאַפל

ווען ער האָט פאַרשטעקט די רויב אין בוזעם, האָט ער אויף

די פיס, וואָס זיינען געווען איבערגעהאנגען איבערן בערגל, דער־זען שקארפעטן. ער האָט זיי אראָפּגעצויגן און אריינגערוקט אין קעשענע. באַמערקנדיק די זיכערנאָדלען, וואָס האָבן געשטערט אראָפּצונעמען די שקארפעטן, האָט ער זיי אָפּגעשפּילעט. איינע האָט ער פארלוירן, די צווייטע האָט ער אָנגעשטאָכן אויפן שינעל, אונטער דעם געאָרגי־קרייץ.

ער האָט אוועקגעפויזעט צוריק.

נאָר באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. האָט ארויסגעשלעפּט די שטיוול, האָט פון קורטקע־קעשענע ארויסגענומען א בלייער, האָט פארבויגן די כאָלעווע, זי געדיכט באַשפּייט און, אוועק־לייגנדיק זיך גאַנץ באַקוועם, האָט ער אָנגעשריבן:

— דער אָפּטיילונגס-פירער פון דעם צווייטן „ווזוואָד", פון דער 4טער ראָטע פון דעם 137סטן אינפאַנטעריש; בראַנזוקילער פאָלק פּיאָדאָר לעפּענדין.

ער האָט זיך גענומען איילן.

און פּלוצלונג, ווען ער איז שוין געווען דערקראָכן ביזן שוץ־גראָבן, האָט זיך מיט א קוויטש א ריס געטאָן צו אים א ווירבל פון שטיקער ערד און האָט פארטשעפּעט זיינע זוילן.

לעפּענדיס קני האָבן זיך אויסגעגלייכט, דעם קאָפּ האָט ער פארבראָכן אויפן רוקן און האָט נאַכאַנאַנד גענומען באַוועגן מיט די איילנבויגנס. נאָר די פיס האָבן זיך, אזוי ווי געבונדענע, ניט באַוועגט, און ער האָט זיך געדרייט אויף איין אָרט, אזוי ווי א ראָד אויף אַן אקס, וואָס איז אריינגעקלאַפּט אין דער ערד.

איבערן הימל האָט זיך שנעל דורכגעגליטשט א צעוואָרפן הייפל קראָעס

און דאָס לעצטע, וועגן וואָס לעפּענדין האָט זיך אָנגע־שטויסן, איז געווען: אַז עס האָט געאַרבעט בלויז איין האַנט, איין אָרעם.

פון די גלייכמעסיקע שטויסן איז לעפּענדין געקומען צו זיך. פאַר אים האָט זיך געוויגט א קיילעכיקער רוקן. די שפּראַנצקע פון דעם העלן שינעל איז געווען א טאָפּעלע, מיט א טונקעלן קנעפּל

אינמיטן. דער ראַנד פון דעם היטל אָן דעם דאַשעק ביי דעם קו־טשער אויפן קאָפּ איז געווען אַ שמאָלינקער, דער אייבערשטער טייל פון היטל — אַ נידעריקער.

לעפּענדין האָט זיך צעשריען.

דער קוטשער האָט זיך אומגעקערט, האָט געזאָגט זייער אַ לאַנג וואָרט. לעפּענדין האָט אים ניט פאַרשטאַנען, האָט פאַרשטאַ־נען עפּעס אַנדערש, האָט אַ קרעכץ געטאָן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט שפּעטער אין שפּיטאָל. איבערן קערפּער איז געפלאָסן אַ מידקייט, נאָר ס'איז געווען גוט, ס'האָט זיך געוואָלט עסן.

ער האָט אויסגעקליבן אַ גערזיכט, וואָס ס'איז אים געפעלן געוואָרן, און האָט געפרעגט:

— ערלויבט מיר, אייער וואוילגעבוירן, צו דערוויסן זיך. כ'האָב געהאַט זאַכן, אויך שטיוול, אינגאַנצן נייע, אויף נעגל. איז עס נאָך גאַנץ, אָדער אפשר?

דער מענטש מיט די ברייטע ליפּן — אַ דאָקטאָר, אָדער אַ פעלדשער, אין אַ כאַלאַט, פאַרשמירט מיט בלוטיקע פלעקן, האָט פאַרזשמורעט די אויגן און, פאַרטשעפּענדיק אָן עפּעס דעם צונג, האָט ער געענטפערט:

— Почему Ифан надо шапка, езли Ифан не имеет голофа? *

און דאָס איז גאָר.

ס'האָט זיך נאָך זייער גוט געדענקט, ווי מען האָט אין פעלד־שפּיטאָל אָפּגעשניטן די פיס־זוילן. די האַנט האָט זיך גיך פאַר־היילט, — די פּלייצע אַז געווען אָנגערירט אין די ווייכע טיילן, דעם בינט האָט מען אַראָפּגענומען אופן זעקסטן טאָג. ווען מען האָט גענומען צונויפשטעלן דעם עשעלאָן אויף אוועקצושיקן אין לאַגער אריין, האָט לעפּענדינען גענומען וואַרפן אין קדחת. מיט דעם עשעלאָן זיינען אויך אוועק אין די משא־וואַגאָנעס די זעלנער פון זיין פּאָלק, צווישן זיי דער פּראַפּאָרשטשיק, וואָס האָט געהאַט

---

* צו וואָס דאַרף איוואַן אַ היטל, אַז איוואַן האָט ניט קיין קאָפּ?

באפוילן לעפענדינען צורעכט מאכן דעם פעריסקאָפּ. דאָ איז פּיאַ־דאָרן קלאָר געוואָרן, אַז דער דאַזיקער פּראַפּאַרשטשיק איז שולדיק געווען אַרום און אַרום — און אויך דאָס, אַז איִם, דעם אַפּטיילונגס־פירער פון דעם פּראַפּאַרשטשיקס ראָטע — האָט מען אָפּגע־שניטן די פיס־זוילן, און אויך דאָס, אַז די דייטשן האָבן צוגע־גנבעט ביי איִם, לעפענדינען — דעם אַפּטיילונגס־פירער — די לע־דערנע שטיוול אויף נעגל און מיט פּאַדקעוועס.

לעפענדינען האָט מען אַוועקגעשיקט אין לאַגער אַריין אין אַ סאַניטאַר־וואַגאָן מיט אַ טאָג שפּעטער נאָך דעם אַוועקגיין פון דעם עשעלאָן. אין וואַגאָן זיינען געלעגן אייגענע סאָלדאַטן, אַלץ שווער־פאַרוואונדעטע, און לעפענדין האָט, ניט שפּירנדיק קיין ווייטאָג, גענומען קרעכצן און האָט זיך פּלוצלונג דערשראָקן, די דייטשן זאָלן זיך ניט כאַפּן אַז זאָלן איִם ניט אַרויסוואַרפן פון סאַניטאַר־וואַגאָן. לעפענדינען האָט אויסגעוויזן ניט גוט, וואָס דערביי האָבן זיך געפונען אָפיצירן, אמת, אָן באַוואוסטזיין, מאַ־גערע און פונקט אין אַזעלכע שפּיטאָל־וועש, ווי ער. זיי האָבן געקרעכצעט ניט ווי מען קרעכצעט אויף אַן אמת — מיט הפסקות און מיט אַ קלאַנגלאָזן אָטעמען, — און לעפענדינען איז געווען אָנגענעם, וואָס ער האָט געקרעכצעט בעסער פון אַלע־מען.

אין די פרימאָרגנס פלעגן קומען די דאָקטוירים, הינטער זיי פלעגן די שוועסטער פאַרשרייבן אין ביכעלעך, וואָס זיי פלעגן ריידן, איין מאָל צוויי מאָל אין טאָג פלעגט מען צונעמען פון וואַ־גאָן די פאַרוואונדעטע, דערנאָך פלעגט מען זיי ברענגען צוריק, אויף דעם אַלטן אָרט, און טיילמאָל פלעגט דאָס אָרט בלייבן פּוסט. דער צוג איז געגאַנגען ערגעץ־ווייט, מיט קורצע, געשווינדטע שפּרייזן און פלעגט שטיין לאַנג אויף די סטאַנציעס.

איינמאָל באַגינען האָט לעפענדין אויפגעהערט צו קרעכצען. נאָך דער אינדערפריִיקער אינספּעקציע האָט מען איִם אַרויסגע־טראָגן אין דעם דערבייִיקן וואַגאָן, אין אַ שעה אַרום האָט מען איִם געבראַכט צוריק, און אַז ס'איז געוואָרן פינסטערלעך, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

דער פיבער האָט אויפגעהערט צו וואַרפן, און קרעכצען איז געוואָרן לאַנגווייליק. אינגיכן האָט זיך לעפּענדין דערוואוסט, אַז מען האָט אים אָפּגעשניטן די פיס ביז די קני.

אין דעם דאָזיקן טאָג, וואָס איז געווען כמורנע און לאַנג, איז דער צוג געשטאַנען לעבן דער גרויער שטיינערנער וואַנט, און האָט זיך איינגעשפּאַרט אין איר מיט אַלע פענסטער. נאָך מיטאָג האָט זיך אין וואַגאָן באַוויזן די שוועסטער אין אַ געפּאַלבטן טשעפּיק. נאָך איר איז געגאַנגען אַ סאַניטאַר מיט אַ טאַץ, אויף וועלכן עס האָבן זיך געראַוכערט טעצלעך הייסע קאַווע. די שוועסטער האָט צעשטעלט די טעצלעך אויף די טישלעך לעבן די בעטלעך. לעפּענדין האָט אויך באַקומען קאַווע און האָט דער ערשטער — ווי נאָר די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער דעם סאַניטאַר — זיך גענומען צום טרינקען. ער האָט קוים באַוויזן אַראָפּצושלינגען צוויי זופּן — הייסע, געדיכטע און זיסע — האָבן זיך פון הינטערן ווענטל דערהערט אומרויִקע שטימען, און אין וואַגאָן איז אַריינגעפלויגן די שוועסטער מיטן סאַניטאַר. גלאָצנדיק מיט די טריבע אויגן, האָט די שוועסטער אַרויסגעכאַפּט ביי לעפּענדינען די קאַווע, האָט זי אַוועקגעשטעלט אויפן סאַניטאַרס טאַץ און איז אַוועקגעלאָפן איבערן וואַגאָן צונויפנעמען די טעצלעך פון די טישלעך. איר טשעפּיק האָט זיך געטרייסלט, אַזוי ווי אַ קאַם פון אַ הון, וואָס פרווּוט לויפן. דער סאַניטאַר האָט ניט באַוויזן אויסצושטעלן די טעצלעך אויפן טאַץ, האָט זיך אויסגעגליטשט, האָט מיט די קני פאַרטשעפּעט די בעטלעך און האָט צעשפּריצט די קאַווע. דערנאָך האָט זי אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר, ווי קיינמאָל ניט אַזוי אויף דעם גאַנצן וועג, און ס'איז געוואָרן שטיל.

צו אָוונט האָט מען לעפּענדינען אַריבערגעטראָגן אין אַ סאַניטאַר־וואָגן, און די זעלביקע נאַכט איז ער שוין געלעגן אין דעם בישאָפסבערגער לאַגער־שפּיטאָל פאַר קריגס־געפאַנגענע.

ער האָט זיך ערהוילט און איז שוין געהאַט געזעסן אויפן געלעגער, און האָט באַקוקט די איבערגעבליבענע שטיקלעך פיס, אַזוי ווי אַן עופעלע, וואָס באַקוקט זיינע אייגענע פיס, ווען מען זעצט אים אַוועק צום ערשטן מאָל.

אין דער כראָניק פון דער בישאָפסבערגער פרימאָרגנצייטונג

האָט זיך אין דער רובריק פון געריכט מיט דער אונטערשריפט „R" (און אַזוי פלעגט זיך אונטערשרייבן דער הער רעדאַקטאָר אַליין) באַוויזן אַזאַ מין נאָטיץ:

די פרוי דאָקטאָר נעבעל האָט אָפּגעגעבן אַלע אירע כוחות און טירחה די מיליטערישע עשעלאָנען. איר טעטיקייט פלעגט פאָרקומען אויף די וואָקזאַלן אונטער דער השגחה פון דער עלטסטער שוועסטער ניימאַן. די דאָזיקע שוועסטער האָט געהערט פון די סאַניטאַרן, אַז די פרוי דאָקטאָר נעבעל האָט כלומרשט. געהאַט בדעה, בעת דורך בישאָפסבערג איז דורכגעגאַנגען אַ צוג מיט געפאַנגענע רוסישע אָפיצירן, צוצוגיין צו זיי און פאַרלייגן זיי אָפּפרישן זיך מיט קאַווע. מען האָט איבערגעגעבן, אַז אַלס ענטפער אויף די וואָרענישן האָט זי געמאָלדן: „מיין גאָט, זיי זיינען דאָך אויך מענטשן!" דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז די פּאַטראָנעסע פון דעם שפּייזפּונקט פרוי אורבאַך האָט פאַראָרדנט דער עלטסטער שוועסטער ניימאַן — זי זאָל מעלדן דער פרוי דאָקטאָר נעבעל, אַז דער שפּייז־פּונקט פון וואָקזאַל זאָגט זיך אָפּ פון איר ווייטערדיקער וואוילטעטיקער אַרבעט. די עלטסטע שוועסטער ניימאַן האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט דעם פּשוטן איבערגעבן די דאָזיקע פאַראָרדענונג, נאָר, אויסדריקנדיק איר אויפגעבראַכטקייט, האָט זי איר נאָך באַליידיקט מיט די באַמערקונגען וועגן „מאַנגל פון פּאַטריאָטיזם" וכדומה. אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען האָט זי אויף זיך געהאַט אַ פּראָצעס. וועגן דעם ענין האָט מען אַרויסגערופן עדות, וואָס זיינען אייגנטלעך ניט געווען נייטיק, ווייל דעם ריכטער איז געלונגען צו פאַרענדיקן דעם ענין אויפן פרידלעכן אופן. נאָך דער מעלדונג פון דער קלאָגערין, אַז זי האָט קיין זאַך ניט געטאָן פאַר

די רוסן, נאָר פאַר זייער קאָנוואָי און דעם סאַניטאַרן פּערסאָנאַל, האָט די באַשולדיקטע דערקלערט, אַז הערנדיק אַזאַ פאַרזיכערונג, דריקט זי אויס איר חרטה אויף די ווערטער, וואָס זי האָט געזאָגט און נעמט זיי צוריק. דעם פּראָצעס האָט מען מבטל געמאַכט און די געריכט־הוצאות האָט מען אַרויפגעלייגט אויף דער באַשולדיקטער.

נאַטירלעך, האָבן די קריגסגעפאַנגענע פון דעם לאַגער־שפּיטאָל קיין זאַך ניט חושד געווען וועגן דער דאָזיקער נאָטיץ, און זי איז אין גאַנצן — פון אָנהייב ביזן סוף — געווען אַן אָפּווייכונג פון דער נאָוועלע וועגן פיאַדאָר לעפּענדין. נאָר אַפילו פיאַדאָר לעפּענדין גופא — איז דאָך אויך געווען בלויז אַן אָפּווייכונג פון אַ צווייטער נאָוועלע, — אַ שרעקלעכערע און אַ אכזריותדיקערע, איידער זיינע.

ער האָט זיך אויסגעמייסטערט צוויי קורצע קוליעס און קישעלעך פאַר זיינע רעשטלעך פיס, וואָס זיינען געווען ענלעך אויף קליינע מילך־קאַנען מיט בייכיקע זייטן, און האָט גענומען וואַרטן ווען וועט מען אים ערלויבן אַראָפּגיין פון געלעגער.

אָבער געגאַנגען איז ער ניט לאַנג. אין אַ וואָך אַרום פלעגט אים ביינאַכט אָנכאַפּן אַ פיבער, און שטיין אויף די רעשטלעך פיס האָט מען ניט געקענט, הגם ער האָט אָנגעשפּאַרט אין זיינע קענדלעך אַ פּאַק מיט וואָליק.

אין פונקט אין דער צייט האָט דער עלטסטער אָרדינאַטאָר פון דעם שטאָטישן שפּיטאָל, וואָס אויפן נאָמען פון דעם ראַטמאַן אָטטאָ־מאָזעס מילך געמאַכט עקספּערימענטן מיט דעם נייעם מיטל פון אָרטיקער אַנעסטעזיע ביי דער אַמפּוטאַציע פון ענדגלידער.

פון דעם לאַגער פון די קריגסגעפאַנגענע האָט מען אַוועקגעשיקט פיר סאָלדאַטן, וואָס מען האָט זיי גענדאַרפט מאַכן אַן אַמפּוטאַציע.

לעפּענדינען האָט מען אָפּגעשניטן די רעשטלעך פיס.

דער שעף־דאָקטאָר איז געווען פולקום צופרידן מיט דעם נייעם מיטל פון אָרטיקער אַנעסטעזיע און האָט אויסגערוי־כערט אין דעם טאָג פון דער אָפּעראַציע ניט צוויי — אַזוי ווי שטענדיק — נאָר דריי ציגאַרן.

ווען דער אָפּטיילונגס-פירער פּיאָדאָר לעפּענדין וואָלט געקרענקט לענגער, וואָלט ער אפשר מיט נאָך עפּעס אָפּגעדינט דער וויסנשאַפט. נאָר ער איז געוואָרן געזונט און מען האָט אים מער ניט געדאַרפט.

ווען לעפּענדין וואָלט געווען אַן אָפּטיילונגס־פירער אין דער זאַקסישער, בייערישער אָדער פּרייסישער אַרמיי, וואָלט מען אים געווים צוגעמאַכט מעטאַלענע פּראָטעזן פון דער מאַרקע „פּע־ניקס" און די אָרטאָפּעדן און די טעכניקער וואָלטן אים אויסגע־לערנט צו פאָרן אויף אַ וועלאָסיפּעד און גיין אויף טרעפּ. ער איז אָבער געווען אַן אָפּטיילונגס-פירער פון דער רוסישער אַרמיי, און מען האָט אים פאַרגעלייגט אויסצוקומען ווי עס איז מיט אייגענע מיטלען.

און ער איז טאַקע אויסגעקומען.

ער האָט זיך אויסגעפלאָכטן אַ קאָשיק אַזאַ, וועלכע מען לייגט אונטער אונטער אַ קוואָקע, האָט דעם דעק אויסגעבעט מיט שמאַטקעלעך, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיי און האָט צוגע־בונדן דעם קאָשיק מיט רימענדלעך צום גאַרטל. דערנאָך האָט ער פון אַ בערעזע אויסגעשניטן האַנט-ברעטלעך, ענלעך אויף קירגיזישע זאָטל־רינגען, מיט פאַרקיילעכדיקטע דעקלעך, האָט אריינגעטאָן די הענט אין די בייגנדלעך פון די האַנט־ברעטלעך, האָט זיך מיט זיי אָנגעשפּאַרט אָן דער ערד, האָט אויפגעהויבן אויף די הענט ז"עם קערפּער און, פונאַנדערגעוויגט אים, האָט ער זיך אריבערגעזעצט אויף אַ גוטן שפּאַן פאָראויס. איינגעמאַטערט זיך, האָט ער אָפּגעווישט דעם שטערן און האָט געזאָגט צום סאָל־דאַט, וואָס האָט געזען, ווי ער האָט זיך געפּייניקט:

— אַט, יונגערמאַן, כאָטש גיי אַזוי אַזש קיין קיעוו!..

ער האָט זיך צעלאַכט און האָט גענומען לעבן מיט דעם לאַ־גער־לעבן.

* *
*

1.

צום הער קאָמענדאַנט פון קריגסגעפאַנגען־
לאַגער פון בישאָפסבערג.

צו דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון דעם בערלינער אוניווערסיטעט איז דערגאַנגען, אַז אין דעם לאַגער, וואָס איז אייך אָנגעטרויט, איז אינטערנירט דער רוסישער דאָקטאָר סידאָרקין, וואָס האָט פאַר דער צייט פון זיין געפאַנגענשאַפט אויפגעזאַמלט אַ באַזונדער מערקווערדיקע קאָלעקציע פון פאַרשיידענע מינים פאַרשפּרייטער פון אינפעקציעס (pulex irritans און pediculus). דורך דעם דאָזיקן בריוו בעטן מיר אייך, הער קאָמענדאַנט, ערלויבן דעם דערמאָנטן רוסישן געפאַנגענעם פאַרקניפּן בריוולעכע באַציִונגען מיט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט מכוח דעם, כדי דער לעצטער זאָל קענען קריגן די אייבנדערמאָנטע קאָלעקציע.

אוניווערסיטעט־רעקטאָר —
דעקאַן פון מעדיצינישן פאַקולטעט —
געשעפטס־פירער —

2.

צו זיין הויכוואוילגעבוירן
דעם הער לאַגער־קאָמענדאַנט
מאַיאָר בידאַו.

פון דעם רוסישן איבערזעצער, דעם געפאַנגענעם אָפּטיילונגס־פירער, אונטעראָפיציר סערגעי גאַרקאַ.

ראַפּאָרט

איך האַלט פאַר אַ חוב צו דערלייגן אייער הויכוואויל־געבוירן, אַז די אויפרעגונג פון די קריגס־געפאַנגענע פון

דעם 7טן און 8טן באַראַק, ווי אויך פון דער וועשעריי, וועגן וועלכער מען האָט מיר איבערגעגעבן, ווערט אַלץ גרעסער. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט דערוועג איך זיך צו ווענדן אויפן דאָקטאָר סידאָרקין, וואָס באַנוצנדיק זיך מיט דער גנעדיקער ערלויבעניש צו באַזוכן די באַראַקן און די וועשעריי מיטן אויסרייד צו זאַמלען אינזעקטן פאַר וויסנשאַפטלעכע צוועקן, נוצט ער אויס די צייט אויף אַגיטאַציע, זאָגנדיק דערביי, אַז רוסלאַנד דאַרף פירן די מלחמה ביז אַ נצחון איבער דייטשלאַנד, און אַז דער־פאַר האָט דאָס רוסישע פאָלק אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַר, ווייל ער איז געווען פאַר שלום. און הגם די אַגיטאַציע האָט ניט קיין ערפאָלג, ווייל די רוסישע סאָלדאַטן ווילן שלום מיט דייטשלאַנד און מיט אירע טרייע אַליאַנטן, הערן זיך אָבער אַנדערע אומזיניקע מיינונגען, וואָס ווילן, אַז אין דייטשלאַנד זאָל פאָרקומען אַ רעוואָלוציע, און דעמאָלט, כלומרשט, וועט זיין שלום מיט אַלע נאַ־ציעס. דער דאָקטאָר סידאָרקין האָט אפילו אָנהענגער. וועגן די דערמאָנטע מיינונגען וועל איך צושטעלן אַ ראַפּאָרט, אויב ס׳וועט קומען אַ פאַראָרדענונג פון אייער הויכ־וואוילגעבוירן.

גרייט צו דינען

סערגעי גאָרקאָ.

3.

צו זיין עקסעלענץ
דעם הער רעקטאָר
פון דער בערלינער אוניווערסיטעט.

מכוח דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט דעם מעדיצי־נישן פאַקולטעט, וועלכער איז אייך אָנגעטרויט, וועגן די קאָלעקציעס פון דעם געפאַנגענעם רוסישן דאָקטאָר סי־דאָרקין, איז די קאָמענדאַנטור פון דעם קריגס־געפאַנגע־

לאַגער פון בישאָפסבערג ניט אין שטאַנד קיין זאַך צו מעלדן, מחמת דער אָנגערופענער קריגס־געפאַנגענער איז אריבערגעפירט געוואָרן אין פעסטונג וואַלדהיים (זאַקסן). מכוח אַן ערלויבעניש אויפצוטראָגן זיך מיט די קריגס־געפאַנגענע דאַרף מען זיך ווענדן צום מיליטער־קאָמאַנדיר פון דעם געהעריקן ראַיאָן.

קאָמענדאַנט פון לאַגער —
אדיוטאַנט.

4.

צום קאָמענדאַנט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער
פון בישאָפסבערג

מאַיאָר בידאו.

איך באַפעל אָנצונעמען אַלע מיטלען, כדי וואָס גיכער צו פונאַנדערקוואַרטירן די 70 פראָצענט קריגס־געפאַנגענע, וואָס האַלטן זיך אויף אין אייער לאַגער, איבער די מאַיאָנטקעס און פויערשע ווירטשאַפטן. דערביי רעקאָמענדיר איך אָפּצוגעבן די בכורה די קליינע ווירטשאַפטן און אויסמיידן צו קאָנצענטרירן אין איין ווירטשאַפט מער ווי צוויי קריגסגעפאַנגענע. איך וואַרט אויף ווייטערדיקע באַריכטן.

מיליטער־קאָמאַנדיר פון דעם ראַיאָן —
אדיוטאַנט —

* * *

און אין דער דאָזיקער צייט, אין די דאָזיקע יאָרן זיינען געווען טעג, ווען איבערן הימל פלעגן זיך טראָגן פוכיקע וואָלקנס, ווען דער ווינט פלעגט פלאָנטערן די גראָזן און אראָפּשלאָגן דאָס בליעכץ פון די לינדנביימער. ס׳זיינען געווען נעכט, ווען ס׳פלעגט אַרויספאַלן אַ טוי, אַ דורכזיכטיקער און אַ פראָסטיקער, ס׳זיינען

געוועז אוונטן, ווען אַלץ פלעגט אָפּשטאַרבן, און בלויז די לייכט־ווערעמלעך פלעגן בלאַנדזשען אין דער פינסטער.

שטעכיקער דראָט, באַגנעטן און קאַלבעס פון ביקסן, מויזערס, נאַגאַנעס, סמיטוועססאָנען, מאָרטירן, גראַנאַטן, באָמבעס, אָפּגע־שניטענע הענט, אָפּגעזעגטע פיס, אויסגעבּרענטע אויגן, דורכגע־לעכערטע שטערנס, דורכגעשטאָכענע ברוסטן, און ווידער שטעכי־קער דראָט, ווידער סמיטוועססאָנען, ווידער גראַנאַטן, באָמבעס, פוגאַסן!

שוצגריבער, ערדשטיבלעך, בלינדאַזשן, באַראַקן, לאַגערן, קאַזאַרמעס, שפּיטאָלן, לאַזאַרעטן, קליניקעס, משוגעים־הייזער, משוגעים־דערפער, משוגעים־שטעט, און ווידער שוצגריבער, ווי־דער לאַגערס, ווידער קאַזאַרמעס!

יאַטערדיקע וואונדן אויפן האַלז, אויסזעצונגען אונטער די פאַכוועס, סטרופּעס אויף די קני, לישאַיעס, מכות, קרעץ אויף די בייכער, קעפּ אָן האָר, אין פייכטע געשווירן, וואָס רינען, אַזוי ווי פאַרפוילטע קעז —

מענטשן, מענטשן —

אין דער צייט, אין די יאָרן זיינען אויסגעפאַלן טעג, ווען מען פלעגט הערן, ווי עס הייבט זיך די זומער־תבואה, און יעדן פרימאָרגן, יעדן פרימאָרגן פלעגט דאָך אָנקומען דער באַגינען!...

* *

די קאָרב, אין וועלכער לעפּענדין איז געזעסן, האָט אונטער־געסקריפּעט, די רימענדלעך האָבן געקנאַקט, דער גאַרטל האָט זיך געשפּאָלטן פון שטייפקייט. נאָר די הענט און דער בויך זיינען גע־וואָרן שטאַרק, צונויפגעשלאָגן און אָנשפּאַרן זיך מיט די האַנט־ברעטלעך אָן דער ערד, אַרויסוואַרפנדיק פאַראויס און צוריק דעם גוף, איז געווען לייכט.

דערפאַר, וואָס די ערד איז שטענדיק נאָענט צום געזיכט, דערפאַר, וואָס ער האָט זי אַלע מינוט געקנייפּט מיט די הענט — אַ וואַרעמע אַזוי ווי אַ קערפּער — איז לעפּענדין געוואָרן פריי־לעך, האָט זיך אָנגעגאָסן מיט כּוח.

לעפּענדין האָט נושא־חן־געווען ביי אַ גערטענירער — צי מיט זיין פרייליכקייט, צי מיט זיין מום, — און דער גערטענירער האָט אים גענומען צו זיך פאַר אַ בייטן־אויפזעער. ער האָט אים איבערגעגעבן די אַרבעט צו גיין נאָך גרינוואַרג, איבערבעטן די ספּעקטן־שיצער און די שייבלעך.

האָט לעפּענדין געיעט, האָט אַרומגעגראָבן, האָט זיך געדרייט אין זיין קאָרב צווישן די בייטן, פון פרי ביז נאַכט אין גרינס, אין זיסן אַראָמאַט פון איבערגעפוילטער ערד, האָט געזונגען אַ ליד:

האָבן דייטשעלעך געפאַנגען יעגערלעך,
האָט מען יעגערלעך געזעצט אין לאַגערלעך.
העי, יעגער־מעגער
שוואַרצער נעגער
אין דעם לאַגערל.
האָבן דייטשעלעך קרויט פאַרזעצט גאַנצע שטוסעלעך,
האָבן אָנגעקאָרמעט מיט די קרויט די רוסעלעך.
העי, געשוואָלן ווערן וועלן
פון די שטוסעלעך
די רוסעלעך,
העי, שטאַרבן וועלן
פון די גרינע די סאַלאַטעלעך —
די סאָלדאַטעלעך.

איינמאָל, נאָך מיטאָג, האָט לעפּענדין אַרויסגעפוזעט פון דעם ספּעקטל, דורכגעשלעפּט זיך דורך דעם גאָרטן, זיך אַוועקגעזעצט לעבן טויער. פאַר אים האָבן געברענט די ציגל־רויטע דאַבלעווקעס פון דעם דאַך, פון דעם הויכן, שטײלן און גלייכן דאַך. ער האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן אויף זיין גלאַניז, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דער הימל איז געווען ריין און לויטער. ער האָט זיך אומגעקערט מיטן רוקן צום דאַך.

פאַר אים האָט זיך געקאָלערט דאָס פעלד, וואָס איז געווען אָנגעשניטן מיט פאַרשיידנפאַרביקע פאַסן פון זריעות. פון ווייטן האָבן געשטאַרצט צוויי פאַראַיאָריקע אָפּגעזעסענע סטערטעס

שטרוי, צעשויבערטע און לייםפארביקע. ער האט לאנג געקוקט אויף די סטערטעס.

ערגעץ האט געקרייעט א האן. אין א מינוט ארום האט אים אפגעענטפערט א צווייטער.

לעפענדין האט פארזשמורעט די אויגן.

די זון האט שטארק גענומען באקן, פון פעלד איז געשוואומען דער גערויש פון תבואה, דארטן האבן ארויסגעשטארצט די סטערטעס, נידעריקע, צעפליקטע, כמעט שווארצע, אין דער צעגליטער לופט זיינען פלוצלונג געבליבן הענגען הינערשע קולות. הינטערן טויער האבן פון קראן אין פעסל אריין הילכיק געטריפט אייליקע טראפנס.

יא, ווען מען זאל פארמאכן די אויגן — טריפן די דאכרינעס אזוי ווי אין סטארע רוטשיע; אין האלבן טאג — קרייען די הענער, רוישט דער קארן, שטייען אומנייטיקע סטערטעס, אזוי ווי אין סאנשין...

נאר אז דו עפנסט די אויגן — דערזעסטו דען די דיק־בייכיקע שקאפקע, אין דעם קרייצרימען מיט דער דוהע איבער דער לאנגער גריווע, וואס טוקט זיך אין די וועג־גריבער? אדער דאס מיידל, וואס וויגט מיט דעם אויפגעהויבענעם קליידל איבער די היפטן און שארט צונויף מיט די רירעוודיקע פיאטעס די קניילבעלעך שטויב אין די רעדער־שפורן?

מיט דעם וועג, וואס האט איבערגעהאקט דעם פעלד, האט זיך צום גארטן־טויער געשווינדט דערנעענטערט עפעס א קליינע פיגור. געוועזן איז זי אן אומקלארע, א לייכטע, גלייך זי וואלט ניט אנגערירט דעם וועג, און אין דעם שיין פון דעם הימל, פון די גרינסן און פון דער זון האט מען ניט געקענט פונאנדערקלייבן — צי איז עס א מיידעלע, צי א פריילין, צי א פרוי? דארטן, וואו דער געלעגער פון וועג האט זיך אפגעצווייגט אויף ארבל און איין ארבל האט זיך אראפגעקייקלט צום טויער, דארטן האט זי זיך אפגעשטעלט. א צארטע, א דורכגענומענע מיט זון — איז זי געשטאנען

אויפֿן בערגל מיטן געזיכט צו לעפענדינען. פּלוצלונג האָט עס זיך א וויג געטאָן אנטקעגן אים, איז צוגעגאַנגען, כמעט צוגעלאָפֿן, האָט ארויסגענומען פון קליידל־קעשענע א שאַכטל פּאַפּיראָסן, האָט דערלאַנגט דעם קאַליקן און האָט שווער ארויסגערעדט:

— א פּאַפּיראָס.

און האָט אזוי געשמייכלט, גלייך זי וואָלט געבעטן מחילה.

לעפענדין האָט זיך אָנגעשטשירעט, האָט גענומען באוועגן מיט די ברעמען. דעמאָלט האָט זי ווידער א שאר געטאָן אין קע־שענע, אין אירע דינע פינגער האָט א בלישטשע געטאָן א קיילעכי־קער פּאָרטסיגאַר, זי האָט אים אויפגעעפנט —

אָבער — — — — — —

אין דער זעלבער רגע, האָט זיך איבערן וועג רוישיק אוועק־געקאָלערט א וועלאָסיפּעד, האָט א בלאַנק געטאָן מיט די ספּיצעס פון דעם אין דער לופטן זיך אויפגעהויבענעם פּאָדערשטן ראָד, און דער שווארצער מאָנומענט פון א זשאַנדאַרם האָט זיך מאַסיוו איינגעגראָבן אין דער ערד.

ער האָט צורעכט געמאַכט אויפן רוקן די קורצרעריקע בער־דאַנע, האָט א פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער גלייכער ריי קנעפּ פון דעם מונדיר און האָט ארויסגערעדט ניט הויך, גלייך ער וואָלט געשטעלט דעם פּונקט אויף דעם ערשטן טייל פון דעם מאַ־נעוווער, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט ערפאָלג.

— אזוי.

דערנאָך האָט ער א קוק געטאָן אויפן שאַכטל פון די פּאַפּי־ראָסן, וואָס האָט ארויסגעשטעקט פון לעפענדיס בוזעם, אויף דעם מיידל, וואָס איז נאָך אלץ געשטאַנען מיטן אָפענעם פּאָרטסיגאַר אין האַנט, און האָט געפרעגט איינגעהאַלטן־דראָעריש:

— אייערע פערזענלעכע דאָקומענטן, פרייליין?

— כ'האָב ניט מיט זיך.

— אייער נאָמען?

— מארי אורבאַך.

ביים זשאַנדאַרם האָבן זיך אראָפּגעלאָזן די וואָנצעס.

— אורבאכס א קרובה?

— א טאָכטער.

דער זשאַנדאַרם האָט א ביסל אויפגעהויבן דאָס היטל, האָט א גלאַנץ געטאָן מיט דעם פליך, האָט אים אָפּגעווישט מיט דער דלאָניע, האָט שטייפער אָנגערוקט דעם גלייכן דאַשעק.

— אַלץ איינס, קומט!

מאַרי איז געגאַנגען לעבנאַנאַנד מיט אים. פּלוצלונג, גלייך זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן פּאַרטסיגאַר, האָט זי אים דערלאַנגט — אַן אָפּענעם, א פולן מיט פּאַפּיראָסן — דעם זשאַנדאַרם. ביי אים האָט זיך שוין געוועזט א טרייסל געטאָן די האַנט, זיך געוועזט אויפגעהויבן א וואָנץ, ווען זי האָט—אַי קינדעריש, אַי שעלמיש— זיך גענומען באַרימען:

— עכטע רוסישע!

דער זשאַנדאַרם האָט זיך מיט עפּעס פאַרפירכעט, פאַרהוסט, זיין האַנט האָט זיך א צי געטאָן צו דעם וועלאָסיפּעד־רודער, וואָס האָט זיך גענומען דרייען, דער דאַשעק איז אַראָפּגעקראָכן אויף דער נאָז.

דעמאָלט האָט זיך מאַרי אומגעקערט.

לעפּענדין איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דעם פריערדיקן אָרט. דערזעען, ווי זי האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער זיך גענומען באַ־אומרויִקן, האָט זיך א וויג געטאָן פאַראויס, דערנאָך האָט ער אויפ־געהויבן די האַנט איבערן קאָפּ און האָט גענומען פאָכן אין דער לופטן מיט זיין האַנט־ברעטל.

ניט קיין דעליקאַטער פּעליעטאָן

לעפּענדינען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס מיידעלע, אָדער דאָס מיידל, צי די פרוי האָט צו אים געשמייכלט.

— אַך, דו... שטיפערקע...

מאַרי איז אַריין אין דעם שטאַדטראַטס קאַבינעט.

די פאַרשיידענע פאַרבן פון די שייבעלעך פון דעם ברייטן פענסטער האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויף איר אין א פריילעכער

מהנה. די שיין, וואָס איז גערונען דורך די שייבעלעך, איז געווען
פריילעך, בגילופינדיק און קלינגענדיק, אַזוי ווי די פילפאַרביקייט
פון די קאַרנאַוואַל־לאַמטערנעס. דאָרטן, אין דער פאַרפלאָנטערטער
נעץ פון די צינענע צווישנשיידן, האָבן זיך אויסגעמאָדעלירט רובי־
נענע, שמאַראַגדענע, טורקאָזענע קאַפּטורס, בערעטן, קאַפעלושן,
קאַמזוילן, פאַריקן, זאָקן, הויזן, גאַרטלען, רוקנזעק, שיך און
וועסטן. אין פאַרביקע, בונטע, שיכורע פוצעכצן האָבן זיך אויסגע־
פוצט מענטשן. אין פאַרביקע, בונטע, שיכורע מענגעס האָבן זיך
מענטשן געדרענגט ביי די זייטן פון אַ פעסטער ביר־פאַס, וואָס
אַ זעלטענער באָנדער האָט אויסגעמייסטערט. שיכורע, שרייענ־
דיקע, מיט ביר אָנגעגאָסענע, פון געלעכטער צעריסענע, מיט גראָ־
בע בייכער, מיט גראָבע באַקן — שלעפן זיי די ביר־פאַס אָן אַ זייט.
זיי האָבן זיך איינגעשפאַרט מיט די פיאַטעס אין דער ערד, די הענט
איינגעקלאַמערט איינע אין די אַנדערע — זיינען די הענט ביי זיי
אַריינגעפאַלן אין די בייכער, און די בייכער — פלאַצן אָט־אָט
פון געלעכטער. אַ בונטע מענגע פון דיקע מענטשן רעכטס פון דער
פאַס, אַ בונטע מענגע — לינקס. אַנו! ווער וועמען? כאַ־כאַ! אַנו!
און סיי לויט דער פאַרב פון די זאָקן לינקס, און סיי לויט דעם שניט
פון די הויזן רעכטס איז געווען קלאָר פאַר יעדערן, אַז דאָרטן —
זיינען נידערבאַכער, און דאָ — בישאָפסבערגער. און דאָס איז ניט
קיין קאַטאָוועס, דאָס גייט אום דער בכבודיקסטער בכורה, אום
דעם ערשטן אָרט — אפשר אום דעם גאַנצן פאָטערלאַנד: אום דעם
כבוד אָנצורופן זיך מיטן נאָמען דער ערשטער שיכור פון דעם
שיינעם פאָטערלאַנד! אַנו, ווער וועט וועמען אַריבערציען? נידער־
באַך אָדער בישאָפסבערג? ווער וועמען? כאַ־כאַ! צי־צי! איז
דען ניט קיין כבוד פאַר אַזעלכע שטעט אָנצורופן זיך מיט דעם
נאָמען „דער ערשטער שיכור פון פאָטערלאַנד!" שיכור, בונט, פיל־
פאַרביק איז אין דעם שטאַדטראַטס קאַבינעט־פענסטער.

נאָר לענג־אויס דעם פענסטער האָט זיך אַוועקגעצויגן אַ גע־
דיכט־רויטער מדבר פון אַן אַרבעטס־טיש. אין מיטן דעם מדבר,
אין אַ בלויער גלאָז, האָבן הילפלאָז געשטאַרצט אַנטבלויזטע האַל־
טערס און בלייפעדערס, אַזוי ווי שטאַרבנדיקע פאַלמען־שטאַמע־

אין אַן אויסגעטריקנטן אָזיס. ניט ווייט פון דעם אָרט האָט זיך איינגעגראָבן אין דער ערד אַ טיפער ברונעם — דער איינציקער אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון די פריידלאָזע שטרעקעס: דער טינטער. ביי די ברעגן פון דעם מדבר איז אָנגעגאַנגען אַ באַוועגונג פון אַקטן. אין די בלויע, ווייסע, גרינע טעקעס, הינטער די נומערן, די בוכשטאַבן און די דאַטן, האָבן זיי זיך איבערגערוקט פון מערב פון דעם מדבר, וואו דער רעפערענט האָט זיי אוועקגעלייגט, אויף מזרח, פון וואַנען עס האָט זיי אַראָפּגענומען דער סעקרעטאַר. אין דער טיף פון דעם מדבר זיינען אַריינגעדרונגען בלויז זייער ווייניק אַקטן, און דעמאָלט האָבן זיי געמאַכט זייער אַ לאַנגן אָפּרו אונטער דעם קאַרגן שאָטן פון די שטאַרבנדיקע פאַלמען: אויף מערב פון די גלעזער מיט די בלייערס.

דער שטאַדטראַט איז געזעסן אין אַ פאָטעל, צווישן אַ פריילעכער מחנה, וואָס האָט זיך געאַמפּערט איבער דעם ביר און דעם געדיכט־רויטן מדבר פון זיין טיש. ניט די בישאָפסבערגער און ניט די נידערבאַכער־איינוואוינער האָבן געגראַגערט און זיך געקימערט הינטער זיין פּלייצע, נאָר פאַר זיי האָט זיך אויסגעשפּרייט דער מדבר, און צו אים האָט געהערט דער שטאַדטראַט, ניט צו די פריילעכע שיכורים. ער איז געווען טרוקן, פריידלאָז, פאַרבלאָז.

— פריילין אורבאַך? — האָט ער געפרעגט און האָט מיטן מעסערל אָפּגעשניטן דאָס עקעלע פון ציגאַר.

— איך וואונדער זיך ניט, וואָס אייך האָט אַהער געבראַכט דער צופאַל, וועגן וועלכן דער פּאָליציי־סעקרעטאַר האָט מיר ראַפּאָרטירט. זעצט אייך.

דער שטאַדטראַט האָט פאַררויכערט דעם ציגאַר.

— כ'קאָן אייערע געערטע עלטערן און קאָן אייך. דאָך דערוועג איך זיך צו זאָגן: כ'וואָלט זיך גאָרניט געחידושט, ווען מיר וואָלט אויסגעקומען צו באַשולדיקן אייך אין מלוכה־פאַרראַט. איר פאַרשטייט, וועגן וואָס איך רייד?

דער שטאַדטראַט האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— קענטיק, אַז איר אָנערקענט די גאַנצע שווערקייט פון אייער טאַט. ניט וועגן דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען היינט, רייד

איך. דאָס איז — אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון אייער גאַנצער פריערדיקער פירונג. איך זאָג... איר פאַרשטייט, וועגן וואָס איך רייד, פרײַלין?

דער שטאַדטראַט האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום אַקט, וואָס איז געלעגן אין דער טיף פון מדבר.

— אין דער פּאָליציי זיינען שוין לאַנג דאָ אינפאָרמאַציעס וועגן אייערע באַציִונגען מיט די רוסן.

ער האָט געגעבן אַ הויב אַרויף די טרוקענע, פאַרבלאָזע אויגן און האָט זיי אָפּגעשטעלט אויף מאַרין.

— איר הערט: וועגן אייערע באַציִונגען מיט די רוסן.

דער שטאַדטראַט האָט שטאַרק פאַרצויגן דעם רויך פון ציגאַר

— אייער שווייגן, פרײַלין, איז פריער פאַר אַלץ ניט העפ־לעך. איך זע אין דעם איין די פּרוכט פון דעם חברן זיך מיט דעם־אָ, ווי הייסט ער...

דער שטאַדטראַט האָט דורכגעבלעטערט דעם אַקט.

— זיין פאַמיליע... איר זייט גרייט צו ענטפערן?.. איך רייד אַזוי בלויז דערפאַר, ווייל איך אַכט אייערע עלטערן, קודם־כל — אייער מוטער, פרוי אורבאַך. אַניט וואָלט איך געפונען די מיטלען צו צווינגען אייך, איר זאָלט זיך האַלטן, ווי עס דאַרף צו זיין, מיט אַן אָפיציעלן מענטשן...

דער שטאַדטראַט האָט אַראָפּגעלאָזן און ווייכער געמאַכט דעם טאָן:

— ניט־שוין-זשע פאַרשטייט איר ניט, אַז אייער אויפפירונג איז אומדערלאָזלעך? גיט נאָר אַ טראַכט, פרײַלין, אין וואָס פאַר אַ לאַגע איר שטעלט אַוועק אייערע עלטערן! אייער מוטער, פרוי אורבאַך — איז אַ פּערזאָן, וואָס איז פון אַלעמען געאַכט, איז אָנ־גענומען ביים הויף פון זיין מאַיעסטעט, איז אַ באַזיצערין פון אָרדנס, אַן ערנמיטגליד פון פאַראיינען. אייער ברודער... וועגן אייער ברודער שרייבט מען דאָך אין די צייטונגען, ווי וועגן אַ נאַ־

ציאַנאַלן העלד! ער איז —דער איינציקער אָפיציר אין גאַנץ בי־שאָפסבערג, וואָס האָט באַקומען דעם אָרדן pour le mérite! ער איז דער איינציקער אין גאַנץ בישאָפסבערג! ער האָט זיך אויס־געצייכנט הינטער ווערדען! ער איז איינער פון די ערשטע אַריין אין מאָבעזש! באַטראַכט נאָר! און פּלוצלונג... ניין, דאָס איז אוממ־ווערדיק, דאָס איז עקלהאַפט! לויט דער פליכט פון מיין אַמט, מוז איך... אָבער ערלויבט, ניט שוין-זשע רעדט ניט אין אייך דאָס געוויסן? ניט שוין־זשע ישפּירט איר ניט קיין חרטה?

דער שטאַדטראַט האָט זיך אָפּגערוקט פון טיש, האָט אויסגע־שריען:

— אָבער דאָס איז דאָך שרעקלעך, שרעק—לעך!

דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, איז זיך דורכגעגאַנגען דורכן קאַבינעט, האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און האָט גענומען ריידן איינטאָניק:

— איך פאָדער, אַז איר זאָלט מיר ענטפערן: צי אָנערקענט איר, אַז איר זייט באַגאַנגען אַ חטא, וואָס באַפלעקט דעם כבוד פון אייער הויז, און צי זאָגט איר מיר צו, אַלס פאָרשטייער פון דער מאַכט, ניט צו טאָן ווייטער אַזעלכע זאַכן? ענטפערט... וואָס באַ־טייט דאָס שווייגן? הערט, איר!..

דער שטאַדטראַט האָט גענומען אַרומלויפן לענג־אויס דעם צימער און האָט אויסגעשריען:

— איר זייט אַ נישטיק מיידל! ווי דערוועגט איר זיך צו שווייגן, ווען איך פאָדער ביי אייך אַן ענטפער? ווי דערוועגט איר זיך? איך וועל אייך אָנלערנען, כ׳וועל אייך אַרעסטירן, כ׳וועל פאַרעפנטלעכן אייער נאָמען, כ׳וועל אייך אָנמאַכן חרפּות! מען וועט אייך אַרויסטרייבן פון הויז, אַרויסטרייבן פון שטאָט, מען וועט אויף אייך טייטלען מיט די פינגער, איר הערט, מיט די פינ־גער טייטלען, איר! מיט די פינגער, מיט די פינגער!

דער שטאַדטראַט האָט גענומען אַרומלויפן לענג־אויס פון דעם פאַרביקן פענסטער. אויף זיין געזיכט, וואָס איז געווען אָדערדיק און גלאַט, וואָס האָט זיך צונויפגעפּרעסט, אַזוי ווי

א פּויסט — האָבן זיך גענומען צאַפּלען די בונטע פייערן פון די שייבלעך. ער האָט געשריען:

— איר מיינט, איך וועל אייך שאַנעווען? איר מיינט, איך וועל דולדן, אז אַ נישטיק מיידל, וואָס האָט פּאַרפלעקט איך משפחה, זאָל אומבאַשטראָפט אויסשטעלן אויף חרפּות דעם כבוד פון דער דייטשער פרוי? כ׳וועל אייך אָפּגעוויינען פון ארומשלעפּן זיך איבער די פאַרפלוכטע רוסן, דער טייוול זאָל עס נעמען! איר זייט דאָך... איר ווייסט ווער איר זייט? איר זייט — אַ גאַסנ־מיידל, איר זייט ערגער פון אַ גאַסנמיידל, ווייל יענע איז פּאַטריאָ־טישער פון אייך און ערלויבט זיך ניט...

און פּלוצלונג האָט אַזוי ווי אַ שטראָם צעבראָכן גלאָז, וואָס באַטויבט מיט זיין קלינגעריי, זיך אַ גאָס געטאָן אויפן שטאָדטראַט:

— האַלט ס׳מויל! איר הערט, האַלט ס׳מויל!

ער איז כמעט אַנידערגעפאַלן אויפן פאָטעל און איז פאַר־שטאַרט געוואָרן.

און מאַרי, אַ גלייכע, אַן אויסגעצויגענע, גלייך ווי ארומ־געכאַפּט פון אַ שטאָלענעם פורעם, איז מיט דייטלעכע טריט אוועק צו דער טיר, האָט זי אויפגעעפנט, איז דורכגעגאַנגען דורך די קאָ־רידאָרן, דורכן זאַל, וואו ביי די פּולטן האָט געשמאַכט דער פּאָלי־צייסעקרעטאַר, איז דורך דורך דעם אויפנאַם־צימער — אויפן גאַס ארויס. און דאָרטן, ניט איינבייגנדיק זיך, אַלץ אַזאַ דייטלעכע, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, פאַרביי די מענטשן, אַזוי ווי איבער די מענטשן, ניט באַהאַלטנדיק זיך —

דאָס ערשטע מאָל פאַר די דאָזיקע יאָרן, ניט באַהאַלטנדיק זיך — גלייך דורך דעם פּלאַץ צו דער נידעריקער טיר מיט דער באַראָק־שניצעכץ, און ווייטער, איבער די טרעפּ, העכער, העכער, קיין איינמאָל ניט —

— קיין איינמאָל ניט ארומגעקוקט זיך —

אין דער טיר, לעבן וועלכער עס האָט אַזוי געקלאַפּט דאָס האַרץ.

אין דעם שטאָדטראַטס קאַבינעט האָט זיך באַוויזן דער פּאָ־ליציי־סעקרעטאַר, גלייך ער וואָלט געווען אַריינגעבלאָזן פון אַן אומזעעוודיקן דעליקאַטן גייסט.

— הער שטאָדטראַט?

דער שטאָדטראַט האָט אויפגעציטערט, האָט אָנגעכאַפּט דעם אַקט, וואָס איז געלעגן אונטערן האַנט, האָט אים אַוועקגעלייגט אויפן מיטן טיש — צו מערב פון דעם גלאָז מיט די בלייפעדערס — און האָט געזאָגט:

— כ'האָב זי אָפּגעלאָזן דערווייל, הער סעקרעטאַר. באַלד וועל איך דורכקוקן די ציימונגען.

און דער סעקרעטאַר איז אומגעהערט צעגאַנגען געוואָרן, אַזוי ווי אַ קליין קנײלכבעלע דאַמף אויפן פּראָסט. און דער שטאָדטראַט האָט איבערגעלייענט:

„וואַרף אַריין 10 פּעניג —
וועסטו דערזען די מלחמה!"

אין בערלין, אין פּאַסאַזש-טעאַטער מעטראָפּאָל, איז פּאַראַן אַ פּאַנאָראַמע-אויטאָמאַט. פראַנצויזעלעך אין בלויע רעק און רויטע הויזלעך פּאַרטיידיקן אַ פעסטונג. קעננאַי־בער האָבן זיך איבער די טראַנשייען און שוצגריבער צע־שאָטן די גרויע פּעמפּיקעס... פּראַכטפול, אויף מיין וואָרט!

דערהויפּט, אויב מען זאָל נעמען אין אַכט, אַז יעדער פּאַרבייגייער קען זיך לייכט איבערציינגן, ווי ס'זעט ווירק־לעך אויס די וועלט־מלחמה. אַגב, וואָס וואָלט עס גע־ווען פּאַר אַן אויטאָמאַט, ווען ער וואָלט ניט פּאַרשפּראָכן אַ סך מער תענוגים? אין דער הויך איז דאָ אַ לעכל. אָ, ווי ער לעכצט נאָך דעם ניקל. איבער דעם לעכל איז פּאַראַן אַן אויפשריפט:

„וואַרף אַריין 10 פּעניג —
וועסטו דערזען די מלחמה!"

אין בערלין זאָרגט מען זיך וועגן אַלעמען! פּאַר צען פּעניג קען יעדערער האָבן אַן אייגענע קליינע מלחמה. וואַרף אַראָפּ אין לעכל אַ קליינע ניקלנע מטבע (אין ערגסטן פאַל, מעג די מטבע זיין אַן אייזערנע), — וועט דאָס דאָס קרעמל, ווי די בערלינער זאָגן, אין איין אויגנבליק,

נעמען אַרבעטן: די האַרמאַטן וועלן נעמען קנאַלן מיט זייערע פּראָפּנס, די סאָלדאַטן וועלן נעמען שטעכן, בראָקן, שיסן, — ממש אַ תענוג! דו באַוויזט ניט אַרומצוקוקן זיך, — זיינען שוין אַלע פראַנצויזן אויסגעהרגעט, פּאַר-נומען אין געפאַנגענשאַפט, און די דייטשן גייען אַריין אין פעסטונג. און דערנאָך — וואָס וואָלט עס געווען פאַר אַן אווטאָמאַט? — אַלץ שטעלט זיך אַוועק צוריק אויף זיין אָרט. ס'איז אָנגענעם, וואָס די דאָזיקע געשיכטע קען זיך שטענדיק אָנהייבן פון דאָס ניי. לאָז אַראָפּ נאָך אַ פּרוטה — וועלן תיכף נעמען דונערן די האַרמאַטן, די סאָלדאַטן וועלן נעמען האַקן, בראָקן... און צום סוף — וועט אַלץ בלייבן ווי פריער. און אַזוי ווייטער, ביז ס'וועט ניט אויסגיין דאָס גאַנצע ניקל. אַזוי איז געווען, אַזוי וואָלט געקענט זיין לאַנג. אין פּאַריז איז אויך געווים פאַראַן אַזאַ אווטאָמאַט, ווייל אין דער צייט פון דער מלחמה איז דער גוטער גע־שמאַק אינטערנאַציאָנאַל. אָבער דאָרטן איז אַלץ, נאַטיר־לעך, פאַרקערט: דאָרטן צעשיסט מען און מען נעמט אין געפאַנגענשאַפט די דייטשן, און דערנאָך שטעלט זיך אַלץ אַוועק אויף זיין געהעריקן אָרט.

ניט לאַנג איז איין סאָלדאַט, קומענדיק פון פראָנט, דורכגעגאַנגען דורך דעם בערלינער פּאַסאַזש. ער האָט באַ־קוקט דעם אווטאָמאַט און, אַזוי ווי ער איז געווען גע־ווייזט אויפן פראָנט צו די האַרבן וואָרט, האָט ער זיך אויס-געזידלט. אָבער אַזוי ווי אַחוץ דעם איז ער אויך געווען אַ זשורנאַליסט, דאָס הייסט, אַ מענטש אַ נייגעריקער, לויט זיין פּראָפעסיע, און דערצו האָט ער נאָך געהאַט בדעה אָנ־צושרייבן וועגן דעם אין צייטונג, האָט ער אַריינגע־וואָרפן אין דעם אווטאָמאַט אַ קליינע ניקלנע מטבע.

און ס'האָט פּאַסירט אַ נס! די שלאַכט... האָט זיך ניט אָנגעהויבן. די האַרמאַטן האָבן געשטומט, די סאָלדאַטן האָבן ניט געהאַט בדעה — ניט צו שטעכן, ניט צו בראָקן,

ניט צו שיסן. א טרייסלעניש, א שטויסעניש. קיין זאך האט זיך ניט גערירט. דער אוטאמאט איז צעבראכן געווארן.

עפעס א דורכגייער, וואס האט זיך געפרייט פון דעם אומזיסטן ספעקטאקל און איז געווען טיף אפגענארט אין זיינע ערווארטונגען, האט געוואלט, וואס עס זאל ניט זיין, רופן דעם שווייצאר. ער איז פעסט באשטאנען אויף זי'ן קליינער מלחמה, פאר וועלכער אן אנדערער האט באַצאלט, ער האט אומבאדינגט געוואלט זען בלוט! נאר דער, וואס האט אראפגעלאזן די קליינע מטבע, האט עס אפגעווארפן.

דען הגם ער איז געווען א זשורנאליסט, דאס הייסט א מענטש, וואס גלויבט ניט לויט זיין פראפעסיע אין וואונדער, אבער דאך האט זיך אים פון דעם שטארקן איינקוקן זיך אויסגעוויזן, אז די פראנצויזן און דייטשן האבן כלומרשט געקוקט איינע אויף די אנדערע גאר פריינדלעך.

— לאזט אפ, — האט ער ערנסט געזאגט, — ווען עס איז דארף זיך עס דאך טרעפן?

ער האט געזאגט „א גוטן טאג” און איז אוועק.

דער שטאדטראט האט צונויפגעלייגט די ציימונג, האט אנגעקלונגען.

ס'איז אריין דער וועכטער.

— אט־וואס, — האט דער שטאדטראט געזאגט, — אט די ציימונג, איר זעט? — אט די ציימונג זאלט איר מיר ניט דערלאנגען.

דאָס קאַפּיטל וועגן ניין הונדערט אַכצנטן.

ד ע ר   ו ו ע ג

דער אַלטער בייזער הונט, וואָס האָט געגריזשעט זיך אַליין אין משוגעת, האָט ביים אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. מיט אַ נאַסער צונג האָט ער גענומען אַרומ־לעקן די וואונדן אויף זיינע לענדן און מיט דער פּאַרבלוטיקטער מאָרדע האָט ער אַריינגענומען אין דעם אויפגעטרעטנטן בויך די אַרויסגעפאַלענע איינגעווייד.

און אַרום דעם הונט האָט זיך געדרויכערט ווייראויך, און די גלעקלעך פון די ווייראויך-כלים האָבן זיך אַריבערגעגאָסן איבער זיינע אויערן, און די ליבלעכע פּאַטערס, קאַרדינאַלן, גלחים זיינען געגאַנגען אין אָרדענונגספולער האַרמאָניע, און די רבנים האָבן גע־פּרעפּלט זייערע טויזנטיאָריקע צויבערשפּרוכן, און מלאכים־קולות האָבן אָפּגעהילכט אין דער פאַרגליווערטער לופט:

און אויף דער ערד איז שלום...
באַווייליקונג צווישן מענטשן...

און דער הונט האָט געקרעכצט פון גסיסה־ווייען, און זיינע בלינדע אויגן זיינען געוועזן באַצויגן מיט אַ טריבער טרער.
אַזוי האָבן מענטשן באַגעגנט דעם שלום.

ער איז געקומען אומגעריכט, הגם מען האָט אויף אים גע־וואַרט אַלע מינוט, טאָג און נאַכט, סיי אין וואָר סיי אין חלום. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַלץ, וואָס ער האָט געקענט מיט זיך ברענגען נאָך אַנטוואָרפן, מאַרנע, שאַמפּאַן, נאָך טריעסט, די קאַרפּאַטן און!

די מאַזורער בלאָטעס. ער איז געווען פונקט אַזוי ווייכהאַרציק, ווי שעדליך, און פונקט אַזוי גרויסמוטיק, ווי בריסק.

אָבער ער האָט פאַרענדיקט מיט זיך איין טערמין און האָט אָנגעהויבן אַ נייעם טערמין. עס זיינען געפאַלן די לעצטע בלעטלעך פון דעם קאַלענדאַר, וואָס איז בראַשירט געוואָרן דורך דעם שטאָב אין סאַראַיעווע, און ס'איז געקומען די שעה פון געזעגענען זיך און פון צעשיידונג.

פאַר אַנדרעיען איז די דאָזיקע שעה געקומען קורץ פאַר דעם שלום, ווען מען האָט אים געמאָלדן, אַז מען קען זיך אומקערן צוריק אַהיים. זי איז געווען ביטער — די דאָזיקע שעה — זי איז געווען אינגאַנצן דורכגעזאַפּט מיט בענקשאַפט, אַזוי ווי דער סטעפּ־ווינט מיט ביטער־גראָז. אָבער זי האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ פרישקייט ניט צו באַמערקן. פונקט אַזוי ווי די שטיקעניש פון דעם סטעפּ־ווינט אַנטהאַלט אין זיך די אויפרעגנדיקע קילקייט פון ים.

פאַרוואָס קען מען ניט ריידן וועגן געפילן, רירנדיקע און נאַיווע, אַזוי ווי אַ פּלאַפּל פון אַ קינד? ווער האָט אַרייפגעלייגט אַ פאַרבאָט אויף צאַרטע זיפצן, אויף פאַרגעסמיכניטן, אויף אַ ריינעם, וואַרעמען, קוש? ווער האָט זיך דערוועגט צו זאָגן, אַז רחמנות איז נידערטרעכטיקער פאַר אַכזריות, בשעת־ווען דאָס ליבע־געפּליסטער הערן מיר זעלטענער, ווי דעם קרעכץ פון דעם דערהרגעטן?...

מאַרי האָט זיך געזעגנט מיט אַנדרעיען.

זיי זיינען געזעסן, אַרומגענומען, אין צימער, וואָס איז פאַר זיי פון אַ תפיסה געוואָרן אַ פרייהייט, און פאַרלאָזן דאָס צימער אויף שטענדיק איז געווען פונקט אַזוי אומהיימלעך, ווי צו טראַכטן וועגן דער צעשיידונג.

זיי האָבן געקוקט מיט פאַרשטאַרטע אויגן אויף די אויסגעשטודירטע זאַכן, און אַלץ איז צעשמאָלצן געוואָרן פאַר זיי אין עפּעס אַ פוסטקייט, אַזוי ווי די צוקונפט, וואָס איז זיי פאַרגעשטאַנען.

און כדי אָפּצוטרייבן פון זיך דאָס סאַמע שרעקלעכע, האָבן זיי איבערגעחזרט איינע די אַנדערע אומפאַרשטענדלעכע, אומ־פאַרשטאַנענע ווערטער:

— אוודאי וועלן מיר זיך טרעפן.

— אוודאי, מאַרי! אַלץ גייט דאָך אויפן בעסטן אופן.

— איך ספק ניט קיין איין מינוט, אַנדרעי!

— איך בין זיכער, מאַרי, איך בין אַבסאָלוט זיכער!

דערנאָך האָבן זיך זייערע געזיכטער אָנגערירט איינע אָן די אַנדערע מיט די באַקן, די פינגער האָבן באַרירט די פאַרפּלאָנטער־טע האָר, און דאָס שטיל געוואָרענע צימער האָט איבערגעחזרט זייער גלייך איינגעהאַלטענעם אָטעם.

— זאָלסט אָנשרייבן פון וועג.

— אומבאַדינגט, אומבאַדינגט.

— גלייך ווי דו וועסט קומען.

— גלייך ווי איך וועל קומען.

טיף אונטערן אָפענעם פענסטער האָט זיך געפּלעסקעט אָן איינזאַם שטרעמעלע פון דעם פאָנטאַן—פון דעם אַלטן, פאַרגרינטן. פון וואַסער אויסגעפרעסענעם און פון דער צייט צעבראָקלטן. דער קלונג פון דעם וואַסער האָט זיך אָפּגערופן אין די ווייטע ווינקלען פון דעם פּאַלאַץ און איז געווען פיינלעך גלייכמעסיק און אומעטיק.

— איך וועל קומען גלייך, ווי דו וועסט זיך איינאָרדענען.

— איך וועל זיך גיך איינאָרדענען, זייער גיך, מאַרי.

— נו, ווי מיינסטו, אין אַ האַלב יאָר אַרום, אָדער...

— וואָס רעדסטו, מאַרי! אין אַ צווי חדשים, צום העכסטן...

— הייסט עס, אין צוויי חדשים אַרום קען מען זיך שוין קלייבן אין וועג?

— דו דאַרפסט זיין גרייט, מאַרי, יעדער טאָג. דאָס אַלץ וועט זיך דאָך שנעל איינרעגולירן, איך וועל דיר אָנזאָגן דורך אַ טעלעגראַם.

— דורך אַ טעלעגראַם?

— געוויס.

— איך וועל שטענדיק זיין גרייט.

און זיי האָבן ווידער שווייגנדיק געקוקט פאָראויס פאר זיך, און די לאנג באַקאַנטע זאכן האָבן זיך פארלאָרן אין דער פוסט־קייט, און די הענט האָבן געטאַפּט און געצופּט די בלומען, וואָס זיינען איבערגעלאָזן געוואָרן צווישן די פיס אויפן דיוואַן.

און פּלוצלונג האָט זיך מאַרי אַ ריס געטאָן פון דיוואַן, האָט זיך מיטן געזיכט אָפּגעקערט צו אַנדרעיען, האָט אין די דלאָניעס פארקוועטשט זיין קאָפּ און האָט קורץ געזאָגט:

— שוין צייט!

אַנדרעי האָט זיך אַ צי געגעבן צו איר, האָט זי אַרומגענומען, האָט זיך געוועלט אויפהייבן, נאָר ער האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און האָט זי אַראָפּגעלאָזן אויף זיך. און אַזוי האָבן זיי זיך ניט באַוועגט עטלעכע מינוט — מאַרי, אַריינגענומען זיין געזיכט אין אירע דלאָניעס, ער — אַרומגענומען איר אויסגעבויגענעם קער־פּער מיט די פארשטאַרטע גרויסע הענט.

דערנאָך האָט ער פונאַנדערגענומען די הענט, האָט אַרויס־באַפרייט זיין קאָפּ און האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין. ס'האָט אויסגעוויזן, ווי זי האָט אים ניט געזען. ער האָט געזאָגט מיט אַ דומפּן קול:

— מאַרי, אפשר... זאָל איך בעסער ניט אוועקפאָרן... בלייבן מיט דיר?

זי איז אָפּגעשפּרונגען פון אַנדרעיען מיט אַזאַ קראַפט, גלייך זי וואָלט אים געוואָלט אַ טרייסל טאָן און אין איר בליק האָבן זיך איבערגעמישט שרעק מיט פרייד.

— אַנדרעי, — האָט זי כמעט אויסגעשריען, — דו האָסט אַזוי לאַנג געוואַרט אויף דער דאָזיקער שעה!

— אָ, יאָ... אומענדלעך לאַנג! אָבער, מאַ־רי! אַוועקגיין פון דיר...

— וואָס הייסט — אַוועקגיין? — האָט זי איבערגעשלאָגן.־ מיר וועלן זיך דאָך זייער גיך טרעפן....

— געוויס, איך פּלאַפּל נאַרישקייטן, — האָט ער שנעל גע־

זאָגט און האָט זיך איינגאַנצן געגומען באַוועגן, געגומען איילן, גלייך מיטאמאָל וואָלט אַנטשטאַנען די צייט צו איילן זיך ערגעץ.

— געווים אַ נאַרישקייט. אַ קליינמוטיקייט. דו פאַרשטייסט, אין דער מינוט־אַ האָט זיך מיר אָפּגעדוכט, אַז מיר וועלן... אַז איך וועל קיינמאָל ניט...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מאַרין.

אירע אויגן־לעפּלעך זיינען געווען שטייף פאַרקוועטשט, און אַ פליטער־פעדימל האָט צונויפגעשמידט די וויעס אַזוי ווי מיט בליי.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר.

— מאַרי־י!

ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט, האָט זי אַוועקגע־טראָגן און אַוועקגעלייגט אויפן דיוואַן, האָט זיך לעבן איר אַוועק־געלייגט און האָט זי געוואָלט אַ קוש טאָן, נאָר זיין קאָפּ איז אַראָפּ־געפאַלן אויף איר געזיכט, און זייערע טרערן — שנעלע, איילקע — האָבן זיך צונויפגעמישט.

די צעשויבערטע בלומען זיינען אַראָפּגעפאַלן פון סאָפע אויפן דיל און האָבן פאַרלוירן די צעקנייטשטע בלעטלעך.

* * *

פאָול העניג איז אַריינגעגאַנגען רוישיקער ווי אַלעמאָל און זיין שטימע איז געווען העכער, ווי געוויינלעך.

— כ'דאַרף אייך זאָגן, אַנדרעאוס, אַז אייער שטאַנדהאַפטי־קייט איבעראַשט מיך. אָבער קיין זאַך איז ניט אייביק אויף דער דאָזיקער בעסטער פון אַלע וועלטן, מאָג זי זיין הונדערט מאָל... ווי זאָגט מען עס: Andere Städtchen — andere mädchen, איר וועט געפינען אַן אַנדערע.

— לאָזט אָפּ, הער העניג...

— אַזוי ווי מיר גייען זיך פונאַנדער פּאָליטיש, דאַרפן מיר זיך, נאַטירלעך, אויך אין דער פרויען־פראַגע פונאַנדערגיין, כאַ־כאַ!.. נאָר כ'וועל אייך זאָגן, אַנדרעאוס, אַז מיר איז אַ ביסל אומע-

טיק, וואָס איר פּאָרט אַוועק. וועמען וועל איך אויפרעגן? און אויסער דעם, ווערט אויף דער וועלט אַלץ אומרויקער און אומרויִקער.

— איר האָט געמיינט, אַז אַלץ אַנטוויקלט זיך איז דער בעסטער אָרדענונג.

— אַנדרעאוס, אַנדרעאוס! ערשטנס, פּאָרט איר אַוועק, און איך האָב ניט קיין גרונד צו באַהאַלטן פון אייך... נו, יאָ, אַז אין איניקע פּרטים האַלט איך מיט אייך. צווייטנס, זע איך, אַז...

העניג האָט אַ קרעק געטאָן און האָט זיך געגעבן אַ פּאַטש איבער די די שענקלען.

— לאָמיר ריידן אָפן! דער פּאַטריאָטיזם — איז אַ געמאַכטע זאַך! דער טייוול זאָל אים נעמען — דאָס אימפּאָנירט טאַקע. אָבער...

— מיך עקלט פון אים.

— די ליבע צום פאָלק...

— ניט מיט דער ליבע צום פאָלק. כ'האָב אייך הונדערט מאָל געזאָגט וועגן דעם. ניט מיט דער ליבע צום אייגענעם פאָלק, נאָר מיט דער שנאה צו פרעמדע.

— כ'וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרשטיין. אָבער איך אַכט אייער שטאַנדפּונקט, הגם ער איז ניט פּראַקטיש. איר וועט זיך איבערצייגן, אַז האַסן עמעצן—איז ניט נייטיק פאַר דער מענטשלעכער עקסיסטענץ. אָבער איך אַכט... איך אַכט אייך, אַנדרעאוס. איר האָט שוין איינגעפּאַקט די זאַכן? דאָס גאַנצע רייכטום? כאַ־כאַ, אַ קלויסטער־מויז, אַנדרעאוס, וואָס?

— יאָ, כ'בין גרייט.

פּאול העניג האָט אַ זיפץ געטאָן.

— באַגלייטן איז בכלל ניט גוט. באַגעגענען איז בעסער.

ער האָט זיך אָפּגעקערט און האָט פּלוצלונג אַ ברום געטאָן מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער גראַפין האָט גענומען קלינגען אויפן טיש:

— אַז דאָס דאָזיקע צימער וועט ווערן ליידיק, וואוהין וועל איך, צום טייוול, גיין ריידן מכוח פּאָליטיק? מורעשקעס לויפן מיר איבערן רוקן!

ער איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַ פּויק געטאָן מיט די פּיס איבערן דיל און האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ צייטונג.

— פּונקט איצט ווערט אומרויִק. פריער איז דאָס ניט געווען. פריער איז געווען אַנדערש. מיר מוזן דורכהאַלטן — און מיר, דייטשן, וועלן דורכהאַלטן. אָ! אַט וואָס ס'איז געווען פריער. איצט האָט מען גענומען אָכצען.

— איך זאָג דאָס אייך שוין גוטע צוויי יאָר.

— נאַר—רישקייטן, אַנדרעאוס! איר זייט פּונקט אַזוי בלינד ווי איך. איר זאָגט... כ'וועל אייך בעסער איבערלייענען...

הער העניג האָט פונאַנדערגענומען די צייטונג און האָט זיך צוגערוקט צום לאָמפּ.

— כ'וועל אייך איבערלייענען אַן אַנאָנס, אַ סאַמע איינפאַכן אַנאָנס, צו דרייסיק פעניג אַ שורה נאָנפּאַרעל, ווי עס שרייבן די צייטונגס־מענטשן. הערט:

א דייטשער סאָלדאַט פון אַ פיינער משפּחה, וואָס האָט אויף דער מלחמה פאַרלאָרן אַ פוס, און צוליב דעם האָט אים די כלה אַוועקגעוואָרפן, זוכט אַ חברטע אין אומגליק פאַר אַ לעבנס־באַגלייטערין. מען בעט זייער די־יעניקע דאַמען, ביי וועמען ס'פעלן אָדער ס'זיינען באַשעדיקט די אונטערשטע ענדגלידער, נאָר האָבן אַ גוט האַרץ און אַ גוטן כאַראַקטער, זיי זאָלן זיך דורכנעמען מיט רחמנות צו אַ צעבראָכענער, איידעלער נשמה אין אַ צעשעדיקטן גוף און ווענדן זיך, מיט פולן צוטרוי און מיט אָנווייזונגען אויף דער פאַמיליענלאַגע און אויף דעם געזונט־צושטאַנד, לויט דעם שיפער 5518 אין דער אַנאָנסן־אָפּטיילונג פון בישאָפסבערגער מאָרגנצייטונג.

דער הער העניג האָט אויסגעהאַלטן די פֿייערלעכע פּויזע און האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט אויסגעשטרעקט דערביי די האַנט מיט דער צייטונג און געטרייסלט זי מיט מאַיעסטעטישן צאָרן:

— די גראַנדיעזע וועלט־געשעעניש איז ווירקלעך פֿאַרשיידנאַרטיק דורך די נייע לעבנספֿאָרמען. אַ צעקאַליעטשעטער סאָלדאַט, אַ פֿאַררעטעריין אַ כּלה, אַן אומבאַקאַנטע הינקענדיקע פֿרוי, וואָס דאַרף פֿאַרלייכטערן די ליידן פֿון דעם אומגליקלעכן און ווייכער מאַכן די גרויזאַמקייט פֿון דעם פֿאַרראַט, — וואָס פֿאַר אַן אומאויסשעפּלעכער שטאָף דאָס איז פֿאַר אַ פֿעיִקן דראַמאַטורג!

ער איז פֿאַרשטאַרט געוואָרן מיט דער אויסגעשפּרייטער צייטונג איבערן קאָפּ.

— ס'האָט מיך גערירט. כ'בין אַ מענטש מיט אַ האַרץ, אַנדרעאוס, איך פֿאַרשטיי די דינע געפֿילן. כ'האָב אייך קיינמאָל ניט דערציילט, אַז פֿון מיין זיכרון גייט ניט אַרויס מאָסיע פֿעדס. ער איז געווען אַ שטילער מענטש און האָט געשפּילט אויף אַ האַרמאָניק, און מען האָט אים גענומען און פֿאַרשפּאַרט אין צוטאַדעל. דאָס רירט. פּאָליטיק — פֿאַרשטיי איך זייער גוט. אָבער אויסער פּאָליטיק איז פֿאַראַן אַ מענטשלעכער „מען מעג" און אַ מענטשלעכער „מען טאָר ניט". מיר האָבן גענומען אָכצען. הייסט עס, אַז מיר זיינען דערגאַנגען צו דעם מענטשלעכן — „מען טאָר ניט"...

אַנדרעי איז צוגעגאַנגען צו העניגן און האָט אים אָנגענומען פֿאַר דער האַנט.

— איך דאַרף שוין גיין. צום ווידערזען, הער העניג. איך דאַנק אייך פֿאַר אַליץ, איך דאַנק אייך. מיר איז אויך אומעטיק צו צעשיידן זיך מיט אייך.

ער האָט צוגעצויגן העניגן צום פֿענסטער. זיי זיינען געשטאַנען און האָבן שווייגנדיק געקוקט אויפֿן פּלאַץ.

— פֿיר יאָר דאָ, צוויי יאָר — דאָרטן, דריי יאָר — ערגעץ־אַנדערש, — אָט אַזוי שטעלט זיך יונויף דאָס לעבן. אונז דוכט

זיך שטענדיק אוים, אז אָט־אָט וועלן מיר אָנהייבן לעבן אויף צו׳ן אמתן, אָט בלויז איבערוואַרטן עפּעס, בלויז צוגיין ערגעץ. און דערנאָך, אז מיר קוקן זיך ארום — לאָזט זיך אוים, אז מיר זיינען שוין לאַנג אונטערן בארג, מיר זיינען שוין אים לאַנג דורכגעגאַנגען. לאָזט זיך אוים, אז דאָ—זייט ניט בייז אויף מיינע ווערטער, הער העניג, — אז אָט דאָ, אין דער דאָזיקער טורמע, האָב איך געלעבט אויף צו׳ן אמתן. און איצט פארלאָז איך אן אייגענעם מענטשן.

— איך ווייס, אנדרעאוס. כ׳ווינטש אייך, איר זאָלט זיך ווידער טרעפן מיט אים. צום ווידערזען.

ער העניג האָט זיך פּלוצלונג פארפירכעט, האָט זיך אומגעקערט מיטן פנים צום וואַנט און האָט זיך פארהוסט.

— צום ט־טייוול... אזא הוסט... און א כריפּעניש... קכאָ־קכא־אָ!.. נעכטן האָב איך אין מיין פּארטיע באַדאַרפט נעמען דעם אייבערשטן C — זיך איבערגעריסן, קכא־אָ!..

אנדרעי איז אוועק צום טיש, אָנגעטאָן דעם קאַפּעלוש, האָט גענומען דעם טשעמאָדאַן און זיך ארומגעקוקט. אויפן דיל, לעבן דער סאָפקע, האָבן זיך געוואַלגערט פארוועלקטע, צעקוועטשטע קליינע בלומענקוסטעס. ער האָט זיך שנעל איינגעבויגן, האָט איינעם פון זיי אויפגעהויבן און האָט ארייגעגרוקט אין קעשענע.

— פון איר? — האָט הער העניג געפרעגט.

— יאָ, — האָט אנדרעי געענטפערט, — פון איר. אדיע, הער העניג!

* * *

אין א קליין פּויליש שטעטעלע, אויף דעם דורך דער מלחמה אָפּגעמעקטן רוסישן גרעניץ, האָט זיך צונויפגעשטעלט אן עשעלאָן פון קראַנקע און פארוואונדעטע קריגס-געפאַנגענע. פון די לאַגערן און לאַזאַרעטן האָט מען ארויסגעשאַרט די אומטויגלעכע מענטשן און געטריבן זיי אהער, ניט געאיילט, ווי מען טרייבט פּארשיעס מידע בהמות.

די טעג האָבן זיך געצויגן לאַנגע, כמורנע, און די מענטשן האָבן געשמאַכט אונטער די פּייפּערייען, אונטער דעם פּוילן בראַזגען פון דעם אייזן אויף די ליניעס, פון דעם וואַרטן. וואָס קאָן שוין זיין קומערפולער פון אַ משא־וואַגאָן, וואָס מען האָט אָפּגעקייטלט פון דעם באַן-קאָמפּלעט און אוועקגעוואָרפן אויף דער רעזערוו־ליניע אין אַ טעמפּן ווינקל? די פאַררויכערטע לאָקאָמאָטיוון פון דער אַלטפּרענקישער קאָנסטרוקציע האָבן גאַנצע טעג געשטויסן די וואַגאָנעס איבער דער קרייצליניע, האָבן זיי געפירט פון איין אָרט אויפן צווייטן, האָבן זיי פאַראייניקט און אָפּגעקייטלט, און הונדערטער אויגן האָבן גלייכגילטיק געפויזעט נאָך די וואַגאָנעס, אַזוי ווי דאָך־פּענדלעך נאָך דעם ווינט.

טיילמאָל פלעגט מיטן אַנקומען פון אַ נייער פּאַרטיע געפּאַנגענע אויפגעבויטעט ווערן דער אומעט. דעמאָלט פלעגט זיך אָנהייבן אַן ארומשיקעניש, אַ פונאַנדערפרעגעניש, דערנאָך — אַ לוסטיק מאַכן זיך:

— אָהאָ, ווי זיי האָבן זיך דאָס אַ ביסל צעפּאָרן! תיכף ניב זיי „ראַסיי!״ ניין, ברודערל, קאַרמע אַ פריער אַן דאָס פּוילישע לייזל, דערנאָך וועלן מיר זען. ביז ראַסיי קענסטו נאָך אויסציען די פיס!

— ביסט דאָך אַריינגעפאַלן אַהער, אַזוי ווי אויף אַ הוליאַנקע. האָסט נאָך ניט באַוויזן אַ נאָס צו טאָן — ביסטו שוין ביי דעם דייטש אויף דער פירמע. און צוריקוועגס — שטיפּסטו שוין!..

— און דו ווי ביסטו אַריינגעפאַלן, אויף אַ לאַפּעט אוודאי, ניין?

— מיר האָבן צוזאַמען, ברודערל, געריבן אין שנוק!

— ביז ראַסיי איז ווייט, וועסט ניט דערלויפן, פון אַלע זייטן געפינען זיך איצט דייטשע לענדער, דער פּאַליאַק גייט איצט מיטן דייטש.

— די אונטערשטע שורה, אַ פּאַסקודנער אָרט, די דאַזיקע

סקוואַלמערשיצאַ; מיר זיצן דאָ שוין דריי וואָכן — און מען זעט דאָ גאָר קיין לעבעדיקן מענטשן ניט.

ביסלעכווייז זיינען זיי שלום געוואָרן, זיך צוגעוויינט איינער צום אנדערן, האָבן געוואָרט אויף נייע פּאַרטיעס, כדי צו לוסטיק מאַכן זיך.

צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט מע ברענגען צו טרייבן פון מזרח מחנות פּאָליאַקן און יידן — אָפּגעריסענע, שמוציקע, — וואָס פלעגן אַרומגערינגלט ווערן פון די באַגנעטן פון דעם קאָנ־וואָי אַזוי ווי מיט אַ גראַטע. דורך דער גראַטע האָבן זיך געזען אויפגערייצטע אויגן און קינבאַקן, וואָס האָבן זיך שטענדיק באַ־וועגט, גלייך זיי וואָלטן געקייט.

— דאָס פעלקעלע איז אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן, איז אונ־טערגעפוילט געוואָרן.

— מיט די־אָ איז איצט קאַפּוט, ברידערלעך. מען טרייבט זיי צום סאַמע ריין, גראָבן קוילן אין די שאַכטעס. די שאַכטע איז דאָרטן צוואַנציק ווירסט די לענג, אַ גאַנצן טאָג דאַרף מען פאָרן. אַ היץ איז דאָרטן, אין דעם ריין, אַזאַ, אַז מען קען אָפּבאַקן אַן איי. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די קוילן ברענען די גאַנצע צייט.

— אונזערע, וואָס מען האָט אַהין אַוועקגעטריבן, זעט מען עפּעס ניט.

— קאַפּוט! ווייל מען קען ניט אויסהאַלטן — דעם פייער.

— דו ליגסט, בחורל, כ'בין אליין געווען אין אַ שאַכטע, ס'איז קיין זאַך אַזעלכעס ניטאָ.

— וואו ביסטו געווען? וואו? אפשר ביסטו געווען ביי אונז אויפן דאָן? און איך דערצייל דאָך דיר וועגן ריין. דער פראַנ־צויז האָט צוגענומען ביי דעם דייטש די שאַכטעס, און אָן קוילן איז דער דייטש קאַפּוט. אָט דעריבער איז ער אַוועק אין דער ערד, אין ריין. אויף אַזאַ זאַך שאַנעוועט ער שטעלן זיין אייגענעם ברו־דער, טרייבט ער אַהין דעריבער פאַרשיידענע פּראָלעטאַריער —

פאַליאַקן, אַ ביסל זשידעס, אויך אונזערע. אויב זיי זיינען ניט קיין קריפּלען. איך, ברודערל, זאָג שוין ריכטיק!

די־יעניקע, וועלכע מען האָט געטריבן פון מזרח, האָבן זיך געטרייסלט אַזוי ווי פון קעלט, געקוקט נעבעכדיק, אַזוי ווי הינט, ווי די געפאַנגענע קייען געקאָכטע בוריקעס, און האָבן צוזאַמען מיט זיי באַוועגט מיט די קינבאַקן און באַלעקט די טרוקענע ליפּן. לאַנג האָט מען אָבער זיי ניט געהאַלטן און געטריבן ווייטער אויף מערב.

אין דער פּאַרטיע, וואָס איז אָנגעקומען אין דעם טאָג, ווען דער עשעלאָן האָט באַדאַרפט אָפּגיין, זיינען געווען אַנדרעי און פּיאָדאָר לעפּענדין.

אַנדרעיען און דריי ציווילע געפאַנגענע מיט אים האָט מען באַגעגנט שווייגנדיקערהייט.

לעפּענדין האָט זיך תיכף איינגעלעבט, האָט גענומען אַרומקריכן צווישן די קאַליקעס האָט אויסגעזוכט זיינעם אַ לאַנדסמאַן.

— אונז? אונז? — האָט ער הויך געזאָגט און האָט אונטערגעסקריפּעט מיט זיין קערבל און געקלאַפּט מיט די האַנט־ברעטלעך, — אונז וועט מען תיכף אָפּשיקן, געדענק מיין וואָרט!

— אפשר דיך, ווייל דו האָסט אַ הילכיקן קול, וועט מען אפשר אָפּשיקן, אָבער מיר, זע, וואַלגערן זיך שוין דאָ אַ חודש צייט אויפן דיל.

— געדענק מיין וואָרט! תיכף! אַ סוף, ברודערל, צו אונזערע צרות, אוים! ס'איז געווען, ס'איז אָבער שוין אַוועק, איצט וועלן מיר קומען צו פאָרן אהיים, ערד איז ביי אונז פאַראַן לרוב, נעם וועלכע דו ווילסט. ווער עס דאַרף לאַנקע, ווער עס דאַרף וואַלד, ווער עס דאַרף אַקער־ערד — נעם וויפל דו דאַרפסט, מיט יושר. אַרבעט, לעב, פיר אַ באַלעבאַטישקייט, שטיינער דיר אין די ציינער!

— אָבער אויף וואָסערע כפּרות דאַרפסטו, קאַליקער איינער, ערד?

— אָט איז אַ שוטה! ווי אַזוי־זשע אַנדערש? צו וואָס איז די ערד? וואָס ביסטו, אַ פּויער, צי אַ בעל־מלאכה?

— מיר זיינען פון פענזע.

— מיט דיקע פיאַטעס! מען זעט עס טאַקע תיכף. איז וואָס־זשע קען איצט טאָן דער פויער אָן ערד?

— און ווי־זשע וועסטו איצט אַקערן אויפן הינטן, אָן פּיס?

— אַט אַ שוטה! צו וואָס דאַרף איך אַקערן?

לעפּענדרין האָט גענומען ציען זיין לאַנדסמאַן:

— דערציייל אים, דעם מיט די דיקע פיאַטעס, וואָס עס טוט זיך ביי אונז אין סאַנשינאַ, אין רוטשיע, דערציייל!

— מיר זיינען פון סעמידאָל, — האָט דער לאַנדסמאַן געזאָגט, — ביי אונז זינען מערסטנס דאָ יאַגדעס, סעדער, אויך אַ גאָרטן, נו און אַקער־ערד גאָר־גאָר ווינציק...

— עך! — האָט זיך לעפּענדרין אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ, — עך, ברודער! וואָס פאַר אַ כוח ס'האָט ביי אונז די יאַגעדע! קאַרשן איז ביי אונז — אַ שלל! פלוימען, אַ שטייגער, צי טאַראַנעס — עסן אַפילו קיין חזירים ניט. און אויף די ביימעלעך, ברודערל, איז אַלץ רויט פון פּאָזשימקעס, און די פּאָזשימקע — איז אַט אַזאַ־אָ, ווי אַ פויסט די גרויס! וויכטאָריע* פאַרשיידענע, גיכצייטיקע — אײ־אײ־אײ! היינט עפּל — אַ גאַנצן ווינטער פלעמען מיר זיי, און מיר ווייקן זיי, און מיר זאַלצן זיי, און מיר טרינקען זיי, און מיר קענען אַלץ ניט פאַרטיק ווערן מיט זיי — אַזוי פיל זיינען זיי דאָ! אַ מארק שטעלט זיך ביי אונז אוים אין סעמידאָל כאַפּט אַזש אַן אימה: וואו קען דאָס אַ מענטש אַזוי פיל עפּל אויפעסן?

— היינט וואָס פאַר אַ עפּל! — האָט זיך דער לאַנדסמאַן גענומען היצן, — עפּל צו עפּל זיינען ניט גלייך. ביי אונז אַן עפּל — גיב אים עטוואָס אַ קלאַפּ, ווערט שוין אויף אים אַ פלעק; לייג אים אוועק אין געבעט־שטיבל, וועט ער מיט דעם דאָזיקן פלעק אָפּליגן אַ גאַנצן ווינטער.

— וועט ניט צעפוילט ווערן? — האָט דאָס בחורל מיט די אויסגעגלאָצטע אויגן געפרעגט.

— חלילה, קיינמאָל אין לעבן ניט! — האָט לעפּענדרין אונ־

---

* וויקטאָריע, אַזאַ מין טרעסקאַפקע.

טערגעכאַפּט און האָט זיך צעלאָזן" — דער עפּל איז ממש אַן אײַ־זערנער, קיין זאַך שאַדט אים ניט! היינט די פאַרשיידענע סאָרטן, וואָס זיינען ביי אונז דאָ! אַ שטיינער, דער קייסערלעכער דאָרן, אָדער דער אַנגעגאָסענער שוועמל־עפּל, דער אַפּאָרט.

— באַרגאַמאָטן זיינען פאַראַן? — האָט דאָס בחורל גע־פרעגט.

— די באַרגאַמאָט־בערנע עסט מען ניט ביי אונז. דאָס איז אַזוי ווי בוריקעס, דאָס רוב גיט מען דאָס פאַר די בהמות.

— אונז וואָלט מען באַדאַרפט צומישן אַ ביסל באַרגאַ־מאָטן, — האָט זיך עמעצער צעלאַכט.

— יאָ, מען וועט אייך צומישן.

דאָס בחורל האָט טרויעריק אַ זיפץ געטאָן:

— אונזערע געגנטן זיינען סטעפּיקע, הייסע, אַלץ ברענט.

— די היץ, אויב זי איז זייער קליין, איז זי אויך נוציק, — האָט זיך אָפּגערופן דער סעמידאָלער.

—— נישקשה, ברודערל, זיי ניט אומעטיק, קום אַראָפּ צו אונז, אויף די בייטן — האָט לעפּענדרין געזאָגט. — ערד איז איצט פאַראַן גענוג, נעם וויפל דו קענסט. געפעלט ניט — קענסטו אַוועק־גיין. געפעלט — פאַרנוץ אויף וואָס דו ווילסט. אָט איך, אַ שטיי־נער, בין געבליבן אָן פיס, צוליב דער מלחמה. דערפאַר טויג איך, צו אַ גאָרטן. די אַרבעט איז אַ שווערע, אַפילו אַ פּויערטע קען אויך ניט אויסהאַלטן. אָבער וואָס אַרט עס מיך? איך רוק אַריין די האַנט אויף אַ האַלב אַרשין די טיף אין דער ערד און בויג אַפילו דעם רוקן ניט איין. אַ מחיה!

— אָהאָ, ס'איז אַ פריילעכער!

— וואָס האָב איך צו וויינען? עך, ליבינקער, מיר פאָרן אַהיים, אויף דעם פרייען לעבן, דעם פּויערשן!

— ווער זיינען דאָס ביי אייך די פּאַסקודניקעס?

— די ציווילע.

— די הערן?

— ווי זאָל איך אייך זאָגן? — האָט לעפּענדרין אַ טראַכט

געטאָן, — זיי זיינען טאַקע געבילדעט, דאָס איז אמת. פונדעסט־וועגן נישקשה.

— ביי אונז, זאָגט מען, זיינען זיי שוין איצט ניטאָ.

— מען קען ניט זאָגן, אַז זיי זיינען ניטאָ, נאָר צו די פּויע־רים מישן זיי זיך ניט.

— יאָ־יאָ.

לעפּענדרין האָט געבראַכט מיט זיך מזל: צו אָוונט האָט מען צונויפגעשטעלט אַן עשעלאָן, מען איז צוגעטראָטן אַריינצוזעצן דעם עולם אין די וואַגאָנעס.

לעבן אַנדרעיען האָט זיך איינגעאָרדנט אַ ריזיקער באַבער־דיקטער פּאַרשוין, אין אַ קורצן שעפּסנפּעלצל. אין זיין אומגע־ווינלעכער הלבשה האָט ער אים אויסגעוויזן אומגעלומפּערט צווישן די צעפּליקטע בלוזעס און היטלען. זיינע האָר און די מעכ־טיקע רוסישע באָרד האָבן זיך געוויקלט, אַזוי ווי ספּיראַלן, אַזוי ווי הובלעכץ פון סאָסנע־האָלץ. דאָס געזיכט איז געווען אויסטער־ליש קליין אין דער דאָזיקער געדיכטעניש פון די האָר, די דורכ־זיכטיקע אויגן־לעפּלען האָבן אויף דער העלפט פאַרשטעלט די ברע־נענדיקע שוואַרצע אייגעלעך. דער פּויער איז געווען זייער אַ הויי־בער, און זיינע פּלייצעס האָבן זיך אַראָפּגעקאָלערט אין ברייטע שיפּועים, נאָר ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און תיכף, ווי ער איז אַריין אין וואַגאָן, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן באַנק, האָט אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ דאָס פּעלצל און האָט באַהאַלטן אונטער אים דאָס היטל.

— אַ קראַנקער, צי וואָס? — האָט לעפּענדרין געפרעגט, ווען אַלע האָבן זיך איינגעאָרדנט, יעדערער אויף זיין אָרט, און ער האָט זיך גענומען וויגן איבערן וואַגאָן, האָט באַקוקט די שכנים און האָט פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס.

דער פּויער האָט אויפגעהויבן די פלאַכע ברוסט, זי האָט גענומען סקריפּען, אַזוי ווי אַ צעריסענער בלאָזזאַק, און ער האָט אָנגעוויזן אויף איר מיטן פינגער.

— א-א, — האָט לעפּענדין געזאָגט, — דו ביסט קראַנק אויף דער ברוסט, כ'פאַרשטיי...

— כ'שפּיי מיט בלוט, — האָט דער פויער אַ זאָג געטאָן מיט אַ דינינקן שטימעלע, וואָס מען האָט ניט געקענט דערוואַרטן פון אַזאַ וואוקס, פון אַזעלכע פּלייצעס, פון אַזאַ רציחה־פּולער, ריזיקער באָרד.

— ס'איז גאָר־ניט־שט! — האָט לעפּענדין זאָרגלאָז אויסגעצויגן. — דאָס איז בײַ דיר פון דער געפאַנגענשאַפט. ווי נאָר דו וועסט קומען אַהיים, וועט עס באַלד איבערגיין. ווי ביסטו אַרײַנגעפאַלן?

— מען האָט מיך גענומען אויף אַרבעט, אויף פּליטן.

— פונוואַנען?

— פון דער היים, פון הינטער מינסק, איך האָב דאָרטן אַ ווירטשאַפט.

— רוצחים. ס'איז מסתמא דײַן ווילן אַזוי געווען, גאָט! פון דער ווירטשאַפט!

דער פויער האָט פאַרזיכטיק אַ הוסט געטאָן, ניט עפענענדיק דאָס מויל, דערנאָך האָט ער אַראָפּגעלאָזן די דינע אויגנלעפּלען אַזוי ווי אַ הון.

— ער דאַרף האָבן רויִקייט, — האָט אַנדרעי געזאָגט.

— ער האָט ליב די רו־ו! — האָט זיך דערהערט איראָניש.

דער פויער האָט אומרויִק צורעכט געמאַכט דאָס שעפּסנפעלצל און האָט ווידער פאַרזיכטיק אַ הוסט געטאָן.

הינטער די רוקנס פון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אויפגעזאַמלט אַרום לעפּענדינען, האָט אַנדרעי באַטראַכט אַ בײַנערדיק געזיכט, וואָס איז געווען אַזוי ווי אויפגעשלאָגן פון שטיינער. דער שאַרפער גלײַכער שטריך האָט פונאַנדערגעהאַקט זײַן שטערן.

— פון רויִקייט וועגן האָט ער זיך אָנגעדונגען צום דײַטש אויף אַרבעט, און דער דײַטש האָט אים דאָס געלט ניט באַצאָלט, איז אָט מאַטערט ער זיך

דער פּויער האָט, ניט עפּענענדיק די אויגן, געזאָגט:

— די ווירטשאַפט האָט מען חרוב געמאַכט, ווי־זשע זאָל מען זיך צוריקשטעלן אויף די פיס?

— פאַר דיין ווירטשאַפט וועסטו דעם טייוול די נשמה פאַר־קויפן.

לעפּענדין האָט די סאָלדאַטן געגעבן צו דערקלערן:

— לאָזט נאָר, ברידער, כ'וועל אַ קוק טאָן אויף אים, וועד־איז ער דאָס אַזעלכער, וואָס רעדט אַזוי וועגן דער ווירטשאַפט. אַ, אָט ווער דו ביסט, אַ בעל־מלאכה, קענטיק — טאָ ווי־זשע קענ־סטו ריידן וועגן ווירטשאַפט, זאָג, איך בעט דיך?

דער מענטש מיט די אַרויסגעשטאַרצטע באַקנביינער האָט זיך אָנגעכמורעט אויף לעפּענדינען און האָט אַ וויש געטאָן די הענט.

— און פאַרוואָס זאָל איך ניט ריידן?

— ווי־זשע זאָל מען זיך ניט פּלאָגן צוליב דער ווירטשאַפט? אַ פּויער קען דען לעבן אָן ווירטשאַפט?

— וואַרט נאָר, דו אַמפּער זיך נאָר ניט, דו הער נאָר אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגן. מען קען האָבן אַ פאַרשיידענעם קוק אויף דער ווירטשאַפט. אין רוסלאַנד האָט דער פּויער מיט אַמאָל אייני־געאָרדנט זיין ווירטשאַפט: דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געאַרבעט אויף די פּריצים, און דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז וויבאַלד די אַרבעט איז זיינע — געהערט דאָך במילא די ווירטשאַפט אויך צו אים, און ניט צו קיין אַנדערן. האָט ער גענומען און האָט צוגע־טיילט די פּריצישע ערד צו זיינע חלקים, און די גאַנצע ווירטשאַפט איז געוואָרן אַ פּויערשע. אָט אַזאַ ווירטשאַפט האָט אַ ווערט.

— ריכטיק! — האָט זיך דערהערט ערגעץ פון הינטן.

אַרום איז שטיל געוואָרן. די סאָלדאַטן האָבן געקוקט מיט חשד אויף דעם מענטשן מיט די אַרויסגעשטאַרצטע באַקנביינער, ער איז, קענטיק, געווען אַ פרעמדער צווישן זיי, — אַ פעסטער, אַ צונויפגעשלאָגענער פון שטיין, אין אַ רעקעלע און מיט אַ נידע־ריקן היטל אויפן קאַרק. קיינער האָט ניט באַמערקט, מיט וואָס

פאר א פארטיע ער איז געקומען און ווען האט ער זיך אריינגע־גאסן אין דעם עשעלאן. און דער מענטש מיט די ארויסגעשטארצטע באקנביינער האט געפירט מיט די פארזשמורעטע אויגן איבער די סאלראטישע קעפ, און דער שארפער קווער-שטריך אויף זיין שטערן האט זיך צונויפגעצויגן און אויסגעצויגן אזוי ווי א מאס.

— א ווערט האט נאר יענע ווירטשאפט, פון וועלכע דער פויער האט א נוץ, און אזא מין ווירטשאפט, וועלכע ברענגט אים שאדן — אזא ווירטשאפט לוינט זיך ניט צו האלטן. אט אויף דעם־א פויער איז א צער־בעלי־חיים, ער איז א קראנקער, מיט איין ווארט א טובערקולעזער. פונדעסטוועגן קאכט אויף אים דאס הארץ: מיטן גוטן ווילן גענומען און אנגעדונגען זיך צום דייטש, כדי צו קענען קלייבן מטבע און לייגן לאטעס אויף די תחתונים. און ביי אונז אין רוסלאנד גיט מען תחתונים אומזיסט, — ס'איז דא גענוג פאר אלעמען! ער וואלט בעסער באדארפט אוועק אהין, וואו די מענטשן האבן גענומען לעבן אויף א נייעם שטייגער, און ער איז גאר אוועק פאר א שקלאף, כדי אפצושפארן א קאפיקע. ער גלויבט ניט, אז ביי אונז גיט מען איצט אוועק דאס גאנצע פוערשע פאר־מעגן פאר אומזיסט.

— פאר אומזיסט! — האט עמעצער גענומען צווייפלען. — צו פלינק מאכסטו דאס עפעס.

— און דו האסט דען ניט געהערט, וואס?

— הערן האבן מיר געהערט, אבער דו ביסט דען דארטן גע־ווען, וואס דו צעשענקסט אלץ אזוי ברייטלעך?

דער מענטש מיט די ארויסגעשטארצטע באקנביינער האט אונטערגעפינטלט מיט די אויגן און האט געריבן די הענט.

— געוועזן צי ניט געווען, דאס איז קיינעמס דאגה ניט, אבי איך וויים...

מען האט אים ארומגענומען אין א פעסטן קלאמער פון פלייצעס, ברוסטן און הענט, און צענדליקער אויגן האבן נאכגעפאלגט זיין רירעוודיקן בליק. פלוצלונג האט ער זיך צעלאכט.

— דעם דאָזיקן פויער רופט מען — קיסעל, פעטער קיסעל. האָב איך אים געגעבן א טאַפּ — איז ער ווירקלעך א צעקראָכענער.

דער קראַנקער האָט זיך גענומען באַרבלען און האָט צורעכט געמאַכט דעם פעלצל אונטערן קאָפּ.

עמעצער פון די סאָלדאַטן האָט זיך צעלאַכט.

— אומזיסט, קינדערלעך, באַדויערט איר אים. מיט רחמנות קען מען גאָרנישט מאַכן, איצט איז ניט אַזאַ צייט. אייך דאַרף מען אויך באַדויערן, — ווער ס'איז קראַנק, ווער ס'איז אָן א האַנט, ביי וועמען ס'איז ניטאָ קיין פיס. מיר דאַרפן זיך אַליין באַדויערן.

דער סעמידאָלער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— דו פאַררייד נאָר ניט די ציינער, ליבער מענטש, מיר ווייסן אַליין, וואָס מיר האָבן צו טאָן. דו דערצייל בעסער, וואָס ווייסטו וועגן רוסלאַנד?

— וועגן רוסלאַנד? ממ... מען קען.

דער מענטש מיט די גרויסע באַקנביינער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט שטיל געזאָגט:

— לאָמיר אָקאָרשט גיין אַהין, דאָרטן איז גראַמער.

ער האָט זיך אַרויסבאַפרייט פון די קערפּערדיקע קלאַמערס, וואָס האָבן זיך גערעדנגט לעבן אים, און — א פלינקער, א רירעוו-דיקער — האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אין דעם פּוסטן וואַגאָן-ווינקל. די סאָלדאַטן מיט די שפּיצקע אַקסלען, די וואַקלדיקע, פאַר-קריפּלטע סאָלדאַטן האָבן זיך א שאָט געטאָן נאָך אים און האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן די ווענט און אָן די בענק.

לעפּענדין איז געזעסן אומבאַוועגלעך אין זיין קויש.

דער פעטער קיסעל האָט אויפגעעפנט די אויגנלעפּלען, האָט א בלישטשע געטאָן מיט די ברענענדיקע אויגן אויף אַנדרעיען, אויף לעפּענדינען און האָט א הוסט געטאָן.

— וואָס, ס'איז אמת, וואָס מען זאָגט, — האָט ער שטיל גע-פרעגט, — אַז אין דער היים האָבן אַלע גענומען האָבן א סך געלט?

— דאָס געלט איז געוואָרן ביליק, דאָס איז אמת, — האָט אַנדרעי געזאָגט

דער פעטער קיסעל האָט געפּירט מיטן דינעם פינגער איבערן פּעלצל און האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן.

לעפּענדרין האָט פּלוצלונג אַ זעץ געטאָן מיט די האַנט־ברעט־לעך אָן דיל, האָט זיך אויפגעהויבן אויף די הענט און האָט בייז געזאָגט:

— שרעק זיך ניט, פאַר דיין פּעלצל וועט מען גלייך געבן אַ טויזנטער!

ער האָט פונאַנדערגעוויגט דעם גוף, האָט זיך איבערגעזעצט, האָט ווידער אַ קלאַפּ געטאָן מיט כּוח מיט די האַנט־ברעטלעך אָן דיל און איז אַוועק צו די סאָלדאַטן, וואָס זיינען אַנטשוויגן גע־וואָרן אין ווינקל.

* *
*

אויף וויפל דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן, איז דאָס פעלד געווען באַשאָטן מיט מענטשן און פּעקלעך. דאָס משאַדיקע גערייד־דעריי האָט זיך שוועך אויפגעהויבן איבער דער קרייץ־ליניע. די צונגען זיינען דורכגעגאַנגען טאַפּנדיק, האָבן זיך לאַנג פאַרהאַלטן אויף די וועג־סיגנאַלן און האָבן געפּרוווט די רעלסן, אַזוי ווי מענטשן, וואָס טאַפּן אין אַ זומפּיקן וועג. פון די שייטערס האָט זיך איבער די קעפּ געשפּרייט אַ שיטער, בייסנדיק רויכל.

די לאַגערן זיינען געווען צעוואָרפן אין אַ סאָסנע־וועלדל. הינ־טער דעם דראָט, וואָס איז געווען אַראָפּגעריסן פון דער פאַרצאַמונג און אָנגעוויקלט אויף די ביימער־שטאַמען, האָבן אַרומגעבלאָנקעט סאָלדאַטן אין הילצערנע שיך, וואָס האָבן געבראַזגעט איבער דער ערד, אַזוי ווי פּעסלעך.

אין דער קאָלאָניע האָבן איבער די יידישע קאָנורעס און גע־וועלבלעך אַרומגענישטערט, אַזוי ווי קייקעלעך קוועקזילבער. קורצע באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך דאָ צעשאָטן, דאָ זיך צונויפ־געקאָלערט אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ, אַ פּלייצע צו אַ פּלייצע.

— איר פאָרט אויף דרום? כ'וואָלט אייך קיינמאָל ניט גע־ראָטן.

— אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס? איך זאָג אייך — אַ גאָלדענער דעק, אַ גאָלדענער דעק.

— וואָס גייט דאָרטן?

— פאָלבערגס סאַכאַרין.

— כ׳וועל דאָס קיינמאָל ניט גלויבן! פאָלבערג גייט אויף מאָסקווע.

— אָבער אָט האָט איר דאָך אַ מענטשן, אַ לעבעדיקן מענטשן פון קיעוו...

דאָס רירעוודיקע באַשעפעניש האָט, שטויסנדיק אַלעמען אין פּלייצע, געשפּריצט מיט שפּייעכץ:

— אין מאָסקווע קענט איר אין צוויי טעג איבערקערן אַ וועלט, אויף מיין וואָרט! איר גלויבט מיר ניט? איר גלויבט ניט?

— מען דאַרף האָבן אין זינען דעם וועג!

— דעם וועג, דעם וועג, דעם וועג — מען דרייט אַ מוח וועגן דעם וועג! איצט איז די פּאַרעניש אומעטום גלייך, איר מעגט מיר גלויבן. כ׳האָב דורכגעמאַכט פערציק טויזנט וויאָרסט.

— מען דאַרף קענען ריזיקירן.

— אין מאָסקווע קען יעדערער ריזיקירן.

— וואוהין פאָרט איר?

— קיין וואַרשע.

— ווי איז דאָרטן מיט פּאָסט־מאַרקעס?

אין די אַלטע אָקאָפּעס, וואָס זיינען געווען באַוואַקסן מיט גראָז, האָבן געלעבט מענטשן, וואָס זיינען געווען ענלעך צו ציגיי־נער — מיט קינדער, מיט אַלטע פרויען, מיט אויסגעוויישטע שיכ־לען און מיט צעבראָכן געשיר.

אין די ערד־שטיבלעך האָט געשריען אַ געווינערין, אונטער אַ וואָגן פון דריי רעדער האָט געערדט פון היץ אַ טיפוס־קראַנקער, אויף אים האָבן זיך — אין שטרוי — געשפּילט שמוציקע צוויי־יאָריקע מיידעלעך.

אַ האַלב־נאַקעטע פרוי, מיט בריסט ווי פּוסטע זעקלעך, האָט אַרומגעגומען די לייז פון אירע טראַנטעס. אַ סאָלדאַט אָן פיס האָט

געבאקט קארטאפל אין אש און האט מיט א לאנגער וויצע אפגע־טריבן די קליינע קינדער.

די מענטשן האבן זיך געקנוילט ארום די שייטערהויפנס אזוי ווי עלנטע ערשט־געבארענע באשעפענישן, און אויף דער ערד, וואס איז געווען צעשניטן פון די שוצגריבער, צעגראבן פון די אויפ־געריסענע הארמאטן־קוילן, — אויף דער פאראומריייניקטער, פארמיאוסטער ערד — איז מען געבארן געווארן, געשטארבן, זיך געליבט, אין בענקשאפט און האס געזוכט א נייע, ריינע ערד.

פון מערב, פון דער געפאנגענשאפט, האבן זיך טאבונעסווייז געשלעפט אויסגעמאטערטע סאלדאטן, מיט די אויגן צו מזרח, צו זייער היים. מען האט זיי אויך אפגעפירט אין די באראקעס, אויף דער צווייטער זייט פון דער קרייצליניע, הינטער דער הויכער צאם. אבער מיידנדיק דעם דראט, די פארקאנעס, און די פארצאמונגען, פלעגן זיך די מענטשן אויפקומען פנים אל פנים און די רייד וועגן מזרח, מערב, צרות, נויט און האפענונגען — האבן זיך געשפרייט איבער די קעפ אזוי ווי דאס בייסיקע רויכל פון שייטערהויפן.

ווען פאר אנדרעיס אויגן האט זיך אין דעם וואגאן־פענסטער פונאנדערגעוויקלט דאס דאזיקע מענטשן־פעלד, האט אים עמעצער א שטויס געטאן. ער האט זיך אומגעקערט. הינטער אים איז געשטא־נען דער יונגערמאן מיט די ארויסגעשטארצטע באקנביינער אין דעם נידעריקן היטל אויפן קארק. זיין שטערן איז געווען גלאט, דער שטריך איז פארשוואונדן, די אויגן האבן געברענט לעבעדיק און דעם מויל האט דורכגעצוקט א צופרידן געלעכטערל.

— דאס האבן מיר פארקאכט! — האט ער געזאגט, געגעבן א שאקל בשעת מעשה מיטן קאפ אויף דעם מוראשניק און געריבן די הענט.

פון אים האט געוויט א פרישקייט פון א גוט אויסגעשלא־פענעם מענטשן, און ער האט זיך עלאסטיש געצויגן און געקנאקט מיט די געלענקען פון די קאנטיקע הענט.

— זייער א גוטע ראשטשינע, זעסט, ווי עס בלעזלט זיך! איך

מיין, — האָט ער געזאָגט און האָט אראָפּגערוקט די ברעמען — אַ אַזעלכע קעסלען דאַרף מען האָבן וואָס מער.

און ווידער שטאַרק געריבן די הענט, האָט ער דערקלערט:

— דאָס פּעלקעלע ברידערט זיך.

דערנאָך האָט אַנדרעי געזען, ווי ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן אויפן פעלד אין דער קופּקע מענטשן, האָט דאָרטן אַ נישטער געטאָן, איז צוריק אַרויסגעשוואומען, איז אַריבערגעלאָפן צו אַ צווייטער קופּקע, צו אַ דריטער. מען פלעגט אים באַגלייטן — דאַ מיט אַ געלעכטער, דאָס מיט אַ שטיל־שווייגן. ער האָט פאַרזייט צווישן דעם עולם עפּעס אַזעלכע מיני ווערטער און איז געווען ענלעך צו אַ שטויבעלע אין אַ אויפגעבויטעט פלעשל וואַסער... אָט גיט ער זיך האַסטיק אַ וואָרף, אָט שטעלט ער זיך אָפּ, אָט גיט ער ווידער אַ פלי, אַזוי ווי פון אַ שטויס.

ווען מען האָט זיך אַריבערגעקליבן אין לאַגער אַריין, איז דער פּעטער קיסעל אַוועק וואַנדערן צווישן עולם. דאַ האָבן זיך אויף אים אַ שאָט געטאָן פאַרשיידנשפּראַכיקע רייד, אַזוי ווי שטיינער פון אַ באַרג־אַראָפּהאַנג, און ער האָט זיך גענומען וואַרפן איבערן פעלד, אַזוי ווי אַ פאַרסמטע חיה.

— קיין רויִק לעבן איז דאָרט, פּעטערל, ניטאָ. טאַקע די זעלביקע גוואַרדיע קומט צו גיין — גיב אַ פערד. דער פּויער, פאַרשטייסטו דאָך אַליין, איז שוצלאָז, — גיט ער.

— ביי אונז זיינען איצט די פּויערים אַזוי ווי גזלנים: אין יעדן הויז האַלטן זיי באָמבעס, אין שייער — קוילנוואַרפערס, ביי זיך האָבן זיי שטענדיק אַ מעסערל. אָן דעם קענסטו ניט אויסקומען.

— גענוג צו האָקן ליגנס. ביי מיר איז אַ בהמה אַוועקגעפאַלן, בין איך אַוועקגעגאַנגען. און דאָס לעבן איז אָנגענעם, פאַראַן אַלץ איבערגענוג.

— ווען דאָס לעבן וואָלט געווען אַ דערטרעגלעכס, וואָלטן מיר דען אַוועק אויף אַזעלכע צרות? מען האָט שוין מער ניט געקענט אַריבערטראָגן.

— יאָ, דער מענטש איז אויף זיך אליין אַ האר. וואָס ער פארלאנגט, דאָס נעמט ער. כ'זאָג דיר, פאַר און טראַכט ניט, וועסט קיין חרטה ניט האָבן.

סאָלידע דייטשן אין רוסישע בלוזעס האָבן מיט אַ געהיים־נישפולן שמייכל גערעדט אויף אַ געבראָכענעם לשון:

— רוסלאנד גוט, דייטשלאנד גוט, אַלץ גוט, ווען ס'איז נאָר פאראַן קאָפּ.

— דער קורצער מענטש האָט, קייקלענדיק זיך, ווי אַ קייקעלע פון קוועקזילבער, געשפריצט:

— ווי אזוי האָט איר געקענט אוועקפאָרן? איר זאָגט—ס'איז שווער, און איך זאָג אייך — רוסלאנד האָט זיך געענדיקט, אינגאנצן אויסגעגאנגען, ניטאָ מער קיין רוסלאנד. אין רוסלאנד וועלן בלייבן בלויז הינט, צו עסן די ביינער. מען קען דאָרטן ניט מאַכן קיין שום געשעפטן.

דער סאָלדאַט מיטן סאָלידן אויסזען האָט געמוסרט:

— די ערד — איז גאָטס מתנה פאַר דעם מענטשן. גאָט האָט דיך באַזעצט אויף דער רוסישער ערד — איז זי דיר אַ מאַמע. נעם אָז פון איר יעטווידע עוולה, פארטראָג די שטראָף. ס'איז ניטאָ קיין גרעסערע עבירה, ווי איבערצולאָזן די אייגענע מאַמען אויף צרות און פיין.

ווען ס'איז געוואָרן פינסטערלעך, האָט זיך דער פעטער קיסעל אומגעקערט אין לאַנגער אריין און האָט זיך בשעת מעשה געוויגט אזוי ווי פון ווינט. די גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געדרייט אויף די שטרוי, זיך געוואָרפן אזוי ווי אין פיבער. אין דער פרי, ווי נאָר די סאָלדאַטן האָבן זיך גענומען באַרבלען אויף די נאַרעס, איז ער אַרויסגעגאנגען אויפן מיטן פון דער אָפּטיילונג און האָט גענומען ריידן, ציענדיק די ווערטער:

— ברידער, אַ, ברידער! הערט מיך צו, ברידער! כ'בין אַ קראַנקער מענטש, און אומעטום איז יעדערער נאָר פאַר זיך. בעט איך ביי אייך אַן עצה: וואוהין זאָל איך איצט גיין, ברידער?

קיינער האָט אים ניט געענטפערט.

ער האָט זיך לאַנגזאַם איינגעבויגן, האָט אוועקגעשטעלט אויפן דיל איין קני, נאָך איר די צווייטע.

— איך בעט אייך, ברידער, גיט מיר אַן עצה, וואוהין זאָל איך זיך איצט ווענדן, גיט אַן עצה.

לעפּענדין האָט ווידער באַקוקט די נאַרעס. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן, גלייך אַלע וואָלטן נאָך געשלאָפן, האָט ער געזאָגט:

— כ'האָב געקוקט אויף דיר, ברודער, די גאַנצע צייט, וואָס מיר זיינען געפאָרן. קיין סך איז שוין דיר ניט געבליבן צו לעבן, איז וואָס מאַכט עס אויס, וואו דו וועסט שטאַרבן. און אויף דער באַן פאַרנעמסטו אַן אָרט, דו ליגסט. אין דער צייט איז מעגלעך, אַז מענטשן, וואָס דאַרפן פאָרן אַהיים, זאָלן צוליב דיר ניט קענען אַריינפאַלן אין צוג...

דער פעטער קיסעל האָט זיך ניט אויפגעהויבן פון די קני און האָט געפרעגט:

— וואָס, ברידער, ס'איז מסתמא גרינגער צו שטאַרבן אויף דער אייגענער ערד? צו שטאַרבן, אַ?

— אונזער עצה איז אַזאַ, — האָט לעפּענדין געזאָגט. — בלייב דאָ, ווייל קיין גוטער טויט איז פאַרן מענטשן איצט אין ערגעץ ניטאָ.

ער האָט פאַררוקט אונטער זיך דעם קויש, האָט פאַרצויגן דעם גאַרטל און האָט זיך אָפּגעקערט.

דער פעטער קיסעל איז נאָך געשטאַנען אַ ביסל אויף די קני, האָט זיך געוויגט און פאַרמאַכט די אויגן, דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צו זיין נאַרע, האָט גענומען פון צו־קאָפּנס דאָס פּעלצל, האָט אים צונויפגעלייגט און גענומען פּלייסיק פאַרבינדן מיט אַ שטריקל. געענדיקט דערמיט, האָט ער זיך פאַר־טראַכט.

פון די נאַרעס האָט מען אים שאַרף נאָכגעקוקט, אַזוי ווי אַ פרעמדן. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, זיין באָרד האָט זיך איינגעשפּאַרט אין דער ברוסט אַזוי

ווי א ברייטע דאמבע, די הענט האבן זיך אויסגעשפרייט, גלייך ער וואלט ארויסגעלאזן עפעס אן ארבעט.

אויף לעפעדינען איז פלוצלונג ארויפגעפאלן א הוסט.

דעמאלט האט דער פעטער קיסעל אנגערוקט דאס היטל, האט ארויפגעווארפן דעם פעלצל אויפן רוקן, האט גענומען דעם זעקל און די קערבל-שטול, האט פויעריש פונאנדערגעשטעלט די פיס און איז אוועק צו דער טיר.

אין א מינוט צוויי ארום, נאכדעם, ווי הינטער אים האט זיך פארמאכט די טיר, איז געווארן שטיל. דערנאך זיינען די קרינס־געפאנגענע איינע נאך די אנדערע אראפגעקראכן פון די נארעס און האבן אלע צוזאמען, ניט קוקנדיק איינער אויפן אנדערן, פאר־לאזן דעם באראק, זיינען פארבייגעגאנגען די לאגער־טויערן און זיינען ארוים אין פעלד.

דער פעטער קיסעל האט זיך געוויגט איבער א בארג פעק־לעך, איבער די בעבעכעס זיינע, איבער די מענטשן, וואס זיינען געווען פארצויגן מיט א שיטערן רויכל פונם שייטערהויפן. דאס גרעלע שעפסנפעלצל האט ארויסגעשטארצט, אזוי ווי א הויקער, הינטער זיין רוקן, און ער האט זיך געבויגן אונטער אים, אזוי ווי אונטער אן אומדערטרעגלעכער משא.

געגאנגען איז ער מיט דעם וועג, וואס האט געפירט צוריק, אין געפאנגענשאפט אריין.

דער יונג מיט די ארויסגעשטארצטע באקנביינער איז פאר־שווארצט געווארן ערגעץ צווישן א קופקע סאלדאטן, וואס האבן מיט די אויגן באגלייט דעם פעטער קיסעל, און האט פונאנדערגעהאקט דאס שווייגן מיט שארפע ווערטער, אזוי ווי מיט א קלין:

— אט דאס איז די געשיכטע. איך זאג, אז ווער עס וויל לעבן איינזאם, מיט זיך אליין — דער איז ניט פאר אונזערע צייטן. מענטשן האבן איצט גענומען לעבן אין שלום, אין אחדות. אויף גלייכע רעכט. אזעלכע מענטשן, ווי דער, דארפן מיר ניט האבן.

און דער יונג האט א מאך געטאן מיט דער האנט אין יענעם

אָרט, וואו עס האָט זיך באַהאַלטן דער הויקער פון דעם שעפּסנ־פּעלץ.

לעפּענדרין האָט זיך אַ בייג געטאָן צו אים און האָט זיך אָפּ־גערופן אויף אַ ביי־קול:

— כ'האָב אים טאַקע אַזוי געזאָגט: מיר דאַרפן ניט אַזעלכע, גייט אייך געזונטערהייט!..

* * *

— דער וועג, דער וועג!

דורך מתים־גריבער, פאַרגאַסענע מיט קאַלך, דורך אָפּגע־האַקטע שטיקלעך קערפּערס, וואָס פּויזען, אַזוי ווי שרצים, דורך געיאָמערס, דורך זיפצן און דורך קרעכצן, איבער דער ערד, וואָס איז פאַרזייט מיט טויט — ליגט דער וועג צום לעבן.

אין דעם וואַגאָן-שפּיטאָל, וואָס איז געווען צוגעקייטלט צו דעם עק פון צוג, האָט מען מיט נאָדל־דינע שפּריצערס אַריינגע־שפּריצט דיגאַלען און מאָרפי אין אויסגעדאַרטע הענט און פיס, און אין די בלוט־געפעסן, וואָס זיינען געווען אויפגעלאָפן פון די פּעקלעך, האָט מען אַריינגעגאָסן זאַלץ־צעלאָזונגען. די דופּקס, וואָס האָבן אָפּגעציילט די באַשטימטע שטויסן, האָבן זיך פונדאָסניי אָנ־געפילט מיט שווער בלוט, די ליפּן האָבן זיך ווידער גענומען באַ־וועגן און האָבן ווידער אַרויסגעלאָזן אַ געפּליסטער:

— שוועסטער, מיר זיינען שוין געקומען?

— באַלד וועלן מיר קומען

— אין וואָס־פאַר אַ... גוּבערניע זיינען מיר?

— אין סמאָלענסקער

— ביז טאַנ־באָווסק איז נאָך ווייט?

— באַלד באַלד.

די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט פון אויבן ביז אונטן די פאָדערשטע וואַגאָנעס, האָט מען דעם נאַרקאָז ניט אַריינגעשפּריצט. נאָר זיי האָבן זיך געוויגט, אַזוי ווי שיכורע. גלייך זיי וואָלטן

איינגעטעמט אין זיך א פרילעכמאכנדיקן גאז, האבן זיך געהאנגען אויף די פענסטער און אנטקעגן דעם ווינט, וואס האט גע־שמעקט מיט קארן, און האבן געשאלט מיט זינלאזע לידער. פלוצ־לונג האט אויפגעוואכט דאס גוטע, וואס איז געווען טיף פארזונ־קען, און די מענטשן האבן איינע פאר די אנדערע זיך צעעפנט אזוי ווי פרילינגס-פענסטער — האבן געהאלפן פארבינדן די זעק־לעך, האבן זיך געטיילט מיט די בוריקעס, האבן אפגעטראטן די בענק פאר די שוואכע און קראנקע, — מיט געלעכטער און מיט מגושמדיקער פראסטקייט.

דער צוג האט זיך געגנבעט דורך דעם געפלעכט פון רעלסן, און האט אויסגעבויגן אזוי ווי א שלאנג זיינע גרינע געלענקען און איז פארקראכן אין די שפאלטן צווישן די צעבראכענע וואגאנעס. וואס לאנגזאמער ס'איז געווארן זיין גאנג, אלץ מער האבן זיך אנגעזאמלט ביי די זייטן טויטע צוגן, און אט האט ער זיך אפגע־שטעלט.

דער יונג מיט די ארויסגעשטארצטע באקנביינער האט זיך אנגעשפארט אן אנדרעיס פלייצע און האט דייטלעך ארויסגעפלים־טערט:

— זע־נאר.

אין א פוסטן וואגאן, וואס איז געשטאנען אויף דער דער־בייזיקער ליניע, האט א דייטשער סאלדאט, זיך ארומקוקנדיק אויף די זייטן, שנעל ארויסגענומען פון קעשענע א צונויפגעלייגטן מע־סער, האט אפגעשניטן דעם פענסטער־רימען, האט אים צונויפגע־וויקלט ווי א ראליק, האט אים באהאלטן צוזאמען מיט דעם מעסער אין קעשענע און איז נעלם געווארן פון וואגאן.

— י־יא, — האט דער יונג מיט די ארויסגעשטארצטע באקנ־ביינער אויסגעצויגן, — ס'הייבט־זיך־אן!

ער האט זיך א צאפל געטאן פון דעם דריבנעם ניט־געהערטן געלעכטער, און זיינע אויגן האבן זיך ארומגעוועבט מיט א נעץ פון דינע קנייטשעלעך, אזוי ווי מיט שפינוועבס. נאר פלוצלונג האט ער זיך אויסגעגלייכט:

ערגעץ ווייט האָט אַ קנאַל געטאָן אַ קורצער שאָס אַזוי ווי אַ צעבראָכענע שויב.

דער מענטש מיט די אַרויסגעשטאַרצטע באַקנביינער האָט זיך אומגעקערט צו די סאָלדאַטן, האָט אַראָפּגענומען די היטל און האָט הויך און דייטלעך אַרויסגערעדט:

— איך באַגריס אייך, טייערע חברים, מיט דעם גליקלעכן קומען אַהיים

פון די דאָזיקע גלאַטיקע ווערטער האָט זיך דער צוג אַזוי ווי אַ ריס געטאָן, און אַלץ אין וואַגאָן האָט זיך פריילעך אַ שאָט געטאָן צוריק.

אַנדרעי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל פון דעם מענטשן מיט די אַרויסגעשטאַרצטע באַקנביינער און, פאַלנדיק, האָט ער אים אַריינגעקוקט אין געזיכט אַריין. דאָס געזיכט האָט געלויכטן מיט קינדערשער פרייד, און אויף אים איז ניט געווען קיין סימן פון קנייטשן.

— שטעל זיך, שטעל זיך, חבר, — האָט ער געזאָגט און האָט געהויבן אַנדרעיען פאַר די הענט.

און דעמאָלט האָט אַנדרעיען אַ זעץ געטאָן עפּעס אַ היץ, און ער האָט זי אַריינגעצויגן אין זיך, אַזוי ווי די לופט, וואָס עס ציט אַריין אין זיך אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך, און האָט זי תיכּף אַרויס־געטעמט מיט אַ ווילדן געיאָמער.

און דער גאַנצער וואַגאָן האָט אַ מאָל הונדערט אונטערגע־כאַפּט דעם דאָזיקן געיאָמער און פון צענדליקער וואַגאָנעס האָט ער זיך אָפּגערופן אין הונדערטער ברוסטן. אַזוי ווי אַ קאָלערנדיק אייזן האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון די פענסטער און טירן, האָט צע־קוועטשט, צעבראָכן, פאַרשטיקט דעם גערויש פון צוג און איבער בערג שטאָל און שטיינער האָט ער זיך אַוועקגעטראָגן אין די פעל־דער, אויף דער פריי.

און אין דעם שפּיטאָל־וואַגאָן, אין דעם עק פון צוג, האָט דער מענטש, וועלכן מען האָט אָפּגעהיהט מיט די דיגאַלען־טאַבלעטן, שעפּטשענדיק געפרעגט:

— ביז טאַנ-באָ־ווער איז נאָך ווייט, שוועסטער?

— באַלד, באַלד...

פון דאַנען ביז טאַמבאָווער גובערניע איז געווען אַ שפּאַן. ס'איז געווען נאָענט פון יאַראָסלאַווער און ניט ווייט פון אָמסקער. דאָ איז אַלץ געווען דערגרייכלעך, פּשוט, לייכט. דאָ איז געווען די היים.

די סאָלדאַטן האָבן דערשפּירט מיטן חוש־הריח די אומבאַמערקלעכע באַוועגונגען פון דעם ווינטעלע און האָבן אַזוי ווי הינט מיט זייער אייבער־הוש, דערשפּירט די היימישע ריהות פון די סעדער, פעלדער און טאָלן.

ביסלעכווייז, מיט יעדער שעה, איז אַלץ שיטערער געוואָרן דער וואָקזאַל.

די מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעהיט די צופעליקע צוגן, האָבן זיך פאַרקליבן אין די וואַגאָנעס אונטער די בענק, אויף די זעק, האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף די טרעפּלעך און די בופערס, און זיינען געלאָפן, געלאָפן אין די רחבותן, אין די פעלדער, קיין רוסלאַנד.

און ווען פּיאָדאָר לעפּענדין האָט דערפילט, פון וואָסער זייט עס טראָגט זיך דער ריח פון די רוטשיער סעדער, — פון די שוועמלעפל, פון דעם קייזערלעכן דאָרן און פון דעם אַניס*, — און האָט פאַרשטאַנען, אַז יעדערער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך אַליין האָט ער שטייפער פאַרצויגן די רימענס פון דעם קויש און האָט אויף זיינע פעסטע דעמבענע הענט גענומען שפּרינגען צום וואַגאָן, וועלכן די סאָלדאַטן האָבן גענומען מיט שטורעם.

— העלפט, ברידער־חברים, אַ קאַליקן, — האָט ער גענומען הויך רופן, געשלאָגן בשעת מעשה מיט די פּלייצעס אין די סאָלדאַטישע קני און זיך דורכגעשטויסן צום וואַגאָן, — לאָזט דורך אַן אינוואַליד, זייט באַרעמהאַרציק... אַ מענטש אָן פיס, אַן אומגליקלעכן, ברידער־חברים!

עמעצער האָט אים אויפגעהויבן אויף די טרעפּלעך, און ער האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפן גאַניק פון וואַגאָן, אַזוי ווי אַ זעקל תבואה. איבער אים האָבן גענומען גיין האַרטע פיס.

* מינין אַזעלכע עפּל.

אַנדרעי האָט נעקוקט אויף די געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך געוואָרפן איבער די ליניעס און די פּלאַטפאָרמעס, אַזוי ווי ווילדע טאַבונעס פערד. ער האָט זיך געפּלייסט צו כאַפּן עמעצנס אַ בליק. נאָר די אויגן, פאַרקוועטשט פון די ברעמען, פאַרבאַהאַלטענע, אומפאַרשטענדלעכע, האָבן געגנישטערט אין אַלע זייטן, אַזוי ווי די מענטשן — איבער דעם וועג־פלאַנט; די פרילינגס־פענסטער, וואָס האָבן זיך ביי דעם ערשטן פרייד־געשריי געהאַט אויפגעבראַלט איינע קעגן די אַנדערע, האָבן זיך פלוצלונג פאַרהאַקט, אַזוי ווי לאָדנס אויף געשמידטע ריגלען.

אַלץ איז געבליבן פון הינטן: די מתים-גריבער, וואָס זיינען געוועזן פאַרגאָסן מיט קאַלך, דער הונגער, די אויסגעשרייען, די באַפעלן, די שטיקעניש פון די באַראַקן, די פאַרראָסטע שטעכיקע דראָט און די פענסטער־גראַטעס, — אַלץ, וואָס האָט געהאַט פאַראייניקט די מענטשן אין אַ געהאַרכזאַמער טשערעדע.

די מענטשן זיינען דורכגעגאַנגען דעם וועג, די מענטשן האָבן זיך אַרויסגעקראָגן אויף דער פריי. און יעדער האָט גענומען לעבן פאַר זיך, בלויז פאַר זיך אַליין, — אויף דער פריי, אין דער היים, אין רוסלאַנד.

אַנדרעי האָט דערהערט הינטער זיין רוקן אַ טרויעריק ליד, וואָס איז געווען געמישט מיט אַ כריפּען פון צעריסענע שטימען:

> פּאָטער הימלישער, העלף אונז, העלף אונז שוין.
> פון דעם קריגערס קאָפּ נעם די דערנער קרוין
> און לעש אויס, פאַרטרייב — זאָרג, מלחמות נויט,
> קער דעם פויער אום צו זיין רויִק ברויט.

דריי בלינדע האָבן, אַרויפלייגנדיק איינע די אַנדערע די הענט אויף די אַקסלען, זיך לאַנגזאַם דורכגעלייגט אַ וועג צו דער פּלאַטפאָרמע. געפירט האָט זיי אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט מיט דעם מאָגערן הענטל באַזייטיקט די אַנגעגעננטע סאָלדאַטן.

די קעפּ פון די בלינדע זיינען געווען אויפגעהויבן און פון יעדן טראָט האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די דינע העלזער מיט די

גאַמבעס פּאַראַדיס. זייערע אויגן זיינען געווען אָפן און מילך־ווייסע — און האָבן זיך געדרייט אין אויפהער אין די בלאַטיקע, ניט פינטלענדיקע אויגנלעפּלען. דעם בליק פון די דאָזיקע מענטשן האָט מען געקענט זען. מיט קיין ברעמען איז ער ניט געווען פאַר־שטעלט. ער איז געווען פוסט.

אנדרעי האָט זיך דערמאַנט אין דעם פּאַרק פון די זיבן סאַזשלקעס און אין די בלינדע איטאַליענער, וואָס אין זייערע אויגן האָבן זיך געשפּיגלט די צווייגן פון די ביימער, און אין מאַרין, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון אים מיט א באַרג פון בלינדע.

און פּלוצלונג האָט ער זי קלאָר דערזען א צוגעטוליעטע, גלייך זי וואָלט געווען צוגעבונדן צו א בוים, מיט הענט, וואָס זיינען הילפלאָז אַראָפּגעהאַנגען איבער דער ערד, און מיט פעסט פאַרמאַכטע אויגן. ער איז אָפּגעגאַנגען צום וואַנט, האָט זיך אָנ־געשפּאַרט אין איר און זיינע הענט זיינען הילפלאָז געבליבן הענ־גען, אזוי ווי דעמאָלט ביי מאַרין.

און אויך איצט, פּונקט אזוי ווי דעמאָלט, האָט אנדרעיען אָפּגעטיילט פון מאַרין בלויז דער וועג.

אַן שוואַרץ און ווייס

פאַרשטייט זיך, אז אַלץ איז אים דאָ געווען פרעמד. וועגן דער דאָזיקער שטאָט האָט דער לערער פון געאָגראַפיע, וואָס האָט זיך בעת מעשה געוויגט אזוי ווי א ווייכער אומרו איבערן קלאַס, דערציילט אמאָל:

— זי איבערראַשט מיט איר ווילדקייט, וואָס א סך רייזנ־דער זיינען נוטה אָנצונעמען פאַר שיינקייט. אַלע סתירות פון דעם רוסישן לעבן, דער גאַנצער כאַאָס פון דעם וועלט־פּאַרנעם פון דעם רוסישן פאָלק האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער אומגעלומפּערטער אַרכיטעקטור פון דעם פינסטערן און נאַיווען קרעמל. דער איטאַליעני־שער מיטלאַלטער האָט זיך אין אים צונויפגעמישט מיטן שפּע־טערדיקן ביזאַנץ, און צוליב דער מאַנגאַלישער רייכקייט פון זיינע

באַפוצונגען און די אַנגעבויטע טורעמס איז ניט שווער צו דער־קענען דעם דאָזיקן געמיש. איצט איז מאָסקווע — דער דאָזיקער־דענקמאָל פון באַרבאַרישן לעבנסשטייגער, די ליבלעכע סטיכיע פון דעם רוסישן מענטשן — ארומגערינגלט מיט אַן אַזיאַטישן מאַרק און מיט אייראָפּעיִשע הייזער, וואָס זיינען אויסגעבויט לויט דעם דייטשן שניט און דורך דייטשע אינזשענערן, אָבער דער ציוויליזירטער אויסלענדער ליידט אין דער דאָזיקער שטאָט פון דער דיסהאַרמאָניע פון אירע טיילן און פון דער רייצנדיקער רייכקייט פון די בנינים.

— קורט וואַן, וואָס קענט איר עפּעס זאָגן וועגן דער שטאָט מאָסקווע?

קורט וואַן איז אויפגעשפּרונגען און האָט געזאָגט:

— מאָסקווע איבערראַשט דעם ציוויליזירטן רייזנדער מיט איר ווילדער שיינקייט.

— כ'האָב געזאָגט: מיט איר ווילדקייט, וואָס אַ סך זיינען גענייגט אָנצונעמען פאַר שיינקייט.

— געוויס, אין דער דאָזיקער שטאָט איז אים אַלץ געווען פרעמד — פון די קלויסטער־קופּאָלן, וואָס זיינען ענלעך צו בורי־קעס, ביז דעם פורמאַנס דראָזשקע, וואָס איז געווען אויסגעבויגן אַזוי ווי אַ שוואַן.

נאָר אין די אָוונטן, אין דער שעה פון זונאויפגאַנג, האָט מען ניט געקענט ניט ארומבלאָנקען איבער די פּוסט געוואָרענע גאַסן ביז מיד ווערן.

די אָפּגעשיילטע זיילכעלעך פון די הייזער, די גוטמוטיקע האַלבע לייבן און האַלבע הינט לעבן די פון שטויב פאַרשאָטענע טירן, די אין אכטלען געפלאָכטענע גראַטעס פון די לאַנג פּוסט גע־וואָרענע קעלערן, — האָבן אַן שנאה געקוקט אויף די שאַכטעלעך, וואָס האָבן זיך געהויבן אַזוי ווי שפּייכלערס, וועלכע זיינען גע־ווען דורכגעלעכערט מיט אַן אַ שיעור פענסטער.

יעדן אָוונט איז קורט געגאַנגען איבער די וויסטע געסעלעך, און יעדעס מאָל האָבן זיי אים פאַרפירט אין זייערע געהיימע אויסבייגן, אַזוי ווי אַ געהיימער אונטערערדישער גאַנג פאַרפירט אין זיינע קער־פונקטן. און ווידער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אומגעריכטער האַרמאָניע פון די פון קיינעם און אין ערגעץ ניט איבערגעחזרטע ליניעס.

אין דער דאָזיקער שעה האָט דער גלאָקנקלאַנג פאַרטרונקען די געסלעך און די שטומקייט פון די הייזער האָט ער פאַרטיפט ביז דער שטילקייט פון אַן אונטערוואַסערדיקער גרוב, און, פונקט אַזוי ווי אין גרוב, האָט זיך אים געגומען דוכטן, אַז אַלץ איז טויט, אַלץ שטייט אויף איין אָרט, גלייך אַ בליק פון אַ סאָם, און די קלויסטערס, וואָס זיינען געווען רויט פון דער שקיעה, האָבן אויסגעזען, ווי אַ דערטרונקען קיניגרייך.

דעמאָלט האָט זיך קורט אַרויסגעקראָגן פון די געסעלעך און איז געגאַנגען אַהין, פונוואַנען עס האָבן זיך געזען די קרעמעל־טורעמס. זיי זיינען אַרויסגעשוואומען פאַר אים בין־השמשותדיקע, שווערע, גלייך אַ מצבה אויף אַ שטאָט, וואָס איז פאַרשוואונדן געוואָרן אונטער דער ערד, און הינטער זייער אויסטערלישער גע־שטאַלט האָט זיך אים פאַרגעשטעלט זיין אייגענער „בורג", וואָס איז מיט דער קרוין פון יאָרהונדערטן געלעגן איבער נירנבערג.

אָבער קורט האָט געקענט אַן אַנדער מאָסקווע, און דעם קיניגרייך, וואָס האָט זיך דערטרונקען אין דער אונטער־וואַסער־גרוב האָט ער בלויז אָפּגעגעבן די שעה פון זונפאַרגאַנג.

קען מען דען געפינען נאָך אַזאַ שטאָט אויף דער וועלט, וואָס זאָל האַלטן הונדערט־טויזנטער פודן פּראָוויאַנט — אין פּאַלאַצן, פוטער פאַר די פערד — אין די גרעסטע מאַגאַזינען, פעס־לעך מיט צעמענט — אין די דירות פון די פאַבריקאַנטן און אייזן־רויוואַרג — אויף דער הויפּט־גאַס?

אַלץ, וואָס איז געלונגען צונויפצוזאַמלען פאַר מאָסקווע און וואָס ס'איז אָנגעקומען אויף אירע וואָקזאַלן, איז אַריבערגעטראַנס־פּאָרטירט געוואָרן אין דעם צענטער שטאָט און איז מיט דער גרעס־

מער שווערקייט פונאַנדערגעשטעלט געוואָרן איבער די רעסטאָ-ראַנען, טאַנץ־זאַלן און ווילעס פון די סוחרים. אין צענטער שטאָט האָט מען די משא איבערגעוואויגן, איבערגעטרייסלט, און — צע-טיילט אויף סאַמע קליינע טיילן — האָט מען זיי טראַפּנווייז, הויפנווייז צעפירט איבער די עק־שטאָטישע שפּייכלערס און עלעוואַטאָרן, וואו ס'איז געווען מער מייז, איידער סחורה און תבואה.

פון פרימאָרגן אָן האָבן זיך די לאַסט־אויטאָס געקאָלערט אַזוי ווי העלפאַנדן איבער די לעכער און גריבער, און פון זייערע טריט האָבן געציטערט די געמויערטע הייזער און געפּלאַצט די שויבן. איבער דעם קרייז פון לוביאַנקער פּלאַץ, פון די מיאַסניצ-קער טויערן און פון פּאָקראָווקע, איבער דעם שיפּוע פון „טעאַט-ראַלני פּראָיעזד" און אין „טרעטיאַקאָווסקי פּראָלאָם" פלעגן די העלפאַנדן אַרויפפליען' איינע אויף די אַנדערע, ברומענדיק און טרייסלענדיק די משא אויף זייערע רוקנס, און — קוקנדיק אויף זיי, האָט מען געהאַט דאָס געפיל, גלייך קיין מאָסקווע וואָלט אַרי-בערגעפאָרן עפּעס אַן אומבאַוואוסטע, אָפּגעבראָכענע פּלאַנעט.

און דורך דעם טעאַטער־פּלאַץ, איבער מאָכאָווער, און ווייַ-טער — איבער וואָלכאָנקע, אָסטאָזשענקע, האָבן זיך געאיילט אַזוי ווי דערשראָקענע העלפאַנדן די נשרפים פון דער אומבאַוואוסטער פּלאַנעט — מיט די זעקלעך אויפן פּלייצע — אין אַן ענדלאָזער ריי, איבער דעם טייל גאַסן, וועלכע די שטאָט האָט אָפּגעטראָטן פאַר די טראַמווייען.

אויף אָסטאָזשענקע, לעבן קרימער בריק, האָט זיך די לאַנגע ריי מענטשן אַריינגעגאָסן אין אַ ווייסן הויז, און אַרום דעם דאָזיקן הויז האָבן זיך פאַר די וויטרינעס און די ראַמען פאַר די פּלאַקאַטן קוים באַוועגט איינזאַמע פיגורן פון נשרפים.

אויפן בולוואַר, לעבן דעם געוועלבל, וואָס האָט געהאַנדלט מיט אימיטירטן זייף און עסיק־עסענץ, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ גלעזערן קעסטל מיט מאָדעלן פון מענטשלעכע געדערים.

און אין דער הויך איבער די קליינע בוכשטאבן, וואס האבן דער־קלערט דער מענטשהייט די פונקציעס פון די נירן און דעם מילץ, האט זיך באוויזן א גרויסע אויפשריפט:

פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאר־איניקט אייך!

צוגעשפרונגען אויף א גוטן קלאפטער, האט זיך א פלאקאט מיט זיילעכלעך ציפער, פון הינטער דער טשוהונענער קראטע, גע־ווענדט צו דעם מיליטערישן מאגאזין, און טויזנטער נולן האבן געשריען וועגן דעם, ווי די וויסנשאפט פון דעם נייעם רוסלאנד איז פאר אלעמען צוטריטלעך און מעכטיק.

דאס נייע רוסלאנד!

דאס איז זי — מיט די זעק אויף די פלייצעס מיט דער לאנ־גער ריי נשרפים — אראפגעקומען אומבאוואוסט פון וואס פאר א פלאנעט אין דעם ווייסן הויז אריין, וואו די ליצעישע מונדירן האבן זיך ארטיק פונאנדערקווארטירט און — אן אומדערמידלע־כע, א האוועגדיקע — האט זי אנגעפילט די זאלן, די טרעפ, די בוידימער, די קעמערלעך. און אין דער שמייעניש פון די נשרפים האט זיך אין דעם ווייסן הויז געשריבן דער ערשטער פונקט פון דעם בונד־אפמאך צווישן די מעכטיקע צדדים — צווישן דער וויסנשאפט און רוסלאנד. דער דאזיקער פונקט איז געווען אומ־ענדלעך לאנג, אזוי אז אין דער קאנצעלאריע האבן אן אויפהער געארבעט א גאנצע ריי מאשיניסטינס, און אין גאנצן הויז איז ניט געווען קיין איין ווינקל, וואו עס זאל זיך ניט דערטראגן די קלא־פעריי פון די אונדערוואודן, גלייך מען וואלט געהאט פארריכט א אייזערנעם דאך.

אין דעם קעלער־שטאק האבן זיך אן אויפהער געדרייט די ראטאטארן, און דער דרוקער־ארטעל האט זיך באגאסן מיט שווייס איבער די טויזנטער, הונדערטער טויזנטער בלעטלעך, וואס האבן דעציילט וועגן דעם אומדערהערטן בונד־אפמאך.

איבער די קארידארן און וועסטיבילן האט פון דער רווישע־

ריי פון די אונדערוואודן און פון דעם ריח פון דער ראָטאַטאָרישער פאַרב געזעצט אַ שאַרפע מונטערקייט, און די מענטשן זיינען גע־לאָפן פאַרנעפּלטע פון די אומבאַרעכנלעכע ציפער, מיט וועלכן מען האָט געמאָסטן די וויסנשאַפט, דאָס גליק, די מענטשהייט, רוס־לאַנד.

איז זאַל, מיט די באַגולדטע מעבל לענג־אויס די ווענט, זיי־נען איבער די אויסגעצויגענע לייוונטן אויפן פּאַרקעט געשפּרונגען פּרויען און מאַנסביל. אויף די לייוונטן האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ בלוי־הויטיקער מענטש פון צוויי גאָרנס די הייך, און הינטער אים זיינען געלעגן אָנגעוואַלגערט רויִנען פון גראַניטענע בנינים. כדי צו באַטראַכטן די מאַלעריי, האָבן די מאַלער אַרויפ־געקלעטערט אויף צונויפגעלייגטע לייטערס אונטערן סופיט און האָבן זיך דאָרט געוויגט, אַזוי ווי עלעקטראָמאָנטערן.

קורט וואַן האָט מיט דער האַנט, וואָס איז געווען אַנט־בלויזט ביזן אָרעם, געצייכנט די לופט:

— כ'האָב געזאָגט! דעם בלויען קוב דאַרף מען צונעמען. דעם גרינעם — אין צווייען פאַרקלענערן. דער אַקסל איז איינגע־פאַלן. ס'איז אַרויסגעקומען אַ קאַליקע. פאַרוואָס?

די קליינע פרוי האָט איבערגעזעצט אויפן גאַנצן זאַל:

— פאַרוואָס איז אַרויסגעקומען אַ קאַליקע?.. דאָס הייסט, מען דאַרף ניט, ס'זאָל אַרויסקומען אַ קאַליקע, מען דאַרף אָפּמעקן דעם בלויען קוב און קלענער מאַכן דעם גרינעם. דעמאָלט וועט ניט זיין קיין אַקסל... דער אַקסל וועט ווערן... איר פאַר־שטייט?

פרויען און מאַנסביל האָבן מיט פאַרקוועטשטע פּאַפּיראָס: אין די מיילער און מיט פאַרקאַשערטע שמוציקע כאַלאַטן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די לייטערס אויפן דיל.

קורט האָט זיך מיט אַ פּענזל אין האַנט געטראָגן איבער די לייוונטן און האָט געשריען:

— חבר, ווי דאַרף מען זאָגן אויף רוסיש: פאַרטיפט די פלאַך פון שטערנביין?

די קליינינקע פרוי האָט איבערגעזעצט:

— דער חבר וואָן זאָגט, אַז מען דאַרף מאַכן אַן ענערגישן שטערן.

דעמאָלט האָט זיך עמעצנס אַ פענזל צוגערוקט צו דעם בלויטיקן מענטשן און צוגעלייגט צו זיין שטערן אַ קאָבאַלטענעם פענזל פאַרב.

אַז ס'איז געוואָרן פינסטער, האָבן זיי, אָפּווישנדיק די הענט אָן די צייטונגען, זיך אַראָפּגעלאָזן אונטן. און איבער די הערינגטעלער האָט די איבערזעצערין דערציילט קורטן, ווי אַזוי עס פאַרשווינדן די לעפל אין עסצימער, און ווי אַזוי מען קען מיט איין טאָלאָן באַקומען צוויי פּאָרציעס זופּ. קורט האָט געלאַכט, האָט געקייט קוואַטשיק ברויט, און האָט גערעדט דורך געלעכטער און דורך דעם קוואַטשיקן ברויט:

— אַן אויסערגעוויינלעך פאָלק! אַ וואונדערלעכס! וואָס שייך לעפל — איז דאָס קאָמיש. נאָר בכלל. ווי אַזוי האָט עס געוואָגט דאָס אַלץ צו טאָן?

ער האָט מיט די אויגן אַרומגענומען די פּנימער, וואָס זיינען געווען אַריינגעטאָן אין די טעלער און האָט ווידער געלאַכט:

— דאָ שמעקט אַפילו די זופּ מיט וועקסטוך און מיט ראַטאַטאָר. וואָס זיי צעשרייבן דאָס! אַ וואונדערלעך פאָלק!

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו דער שכנה און, אַראָפּלאָזנדיק זיין שטימע, האָט ער געהיים אַרויסגערעדט:

— אין דעם אַלעמען זע איך אַ גרויסן שכל. זייער אַ גרויסן, געזונטן שכל.

• • •

אַמאָל האָבן אין קאַדאַשער אַרבעטער־קוואַרטאַל געוואוינט די צאַרישע וועבער, וואָס זיינען געווען פּונקט אַזוינע געדולדיקע, ווי די מייסטערס. פון זייער קוואַרטאַל פלעגן זיי אַוועקגיין בלויז בעת אַ שריפה, ווען זיי פלעגן אַרויסטראָגן די בעבעכעס און דעם לייוונט אויף די דערבייִיקע פּוסטע פּלעצער. נאָך דער שריפה פלעגן

זיי זיך נעמען בויען, פלעגן פאַרריכטן די וואַרשטאַטן, זיך זעצן וועבן. אויף די אָפּגעברענטע ערטער פלעגן זיך וואַלגערן נבלות, קיינער פלעגט זיי ניט אויפראַמען און איבער זיי פלעגן זיך דרייען ראָבן און הויערן אויף די נאַקעטע געבליבענע קוימענס, אויף די פאַרקוילטע זיילן, אויף די נייע, ניט געדעקטע סטרעכעס. די וועבער האָבן געהאַלטן די שריפות, די נבלות, די ראָבן פאַר זייער אַרב, פלעגן זיך בויגן טאָג איין טאָג אויס, פון פינסטער ביז פינסטער, איבער די טישטעכער פאַר דער צאַרישער דינערשאַפט; זיי פלעגן אָפּברענען, זיך צוריק אָפּבויען און פלעגן אויך לערנען די קינדער און די אייניקלעך די מלאכה פון וועבן.

פון יענער צייט אָן איז דער קאַדאַשער אַרבעטער־קוואַרטאַל באַוואַקסן געוואָרן מיט שטיינער. פון דרום זייט פון אים איז אויסגעוואַקסן אַ שטאָט, און דאָס גערעכעניש וועגן די וועבער איז אָפּגעמעקט געוואָרן. נאָר ס'קען זיין, אַז זייערע אור־אייניקלעך זיינען נאָך געגאַנגען צום נאַכט־געבעט אין דעם קאַדאַשער תחית־המתים־קלויסטער.

פונקט ווי פאַר די צייטן פון דעם שטילסטן צאַר אַלעקסעי, פלעגן זיי דורכגיין דורך די קליינע געסעלעך און וואַרפן קרומע בליקן אויף די נבלות און זיך צלמען, ווען פון הינטערן ראָג פלעגט אַרויספליען אַ קליינע טשאַטע ראָבן. און אויף די שיידוועגן פלעגן — פונקט ווי אין די פאַרגעסענע צייטן, נאָך די שריפות אַרויסשטאַרצן די נאַקעטע קוימענס און אויף די קופּעס זשוויר האָבן געשלאָסן פריינדשאַפט אָפּגעקראָכענע הינט.

לעבן דעם גראָבן האָבן אין קאַדאַש, זייט ביי זייט מיט די פּיליגרימען, אפשר מיט די לעצטע איבערבלייבסן פון די צאַרישע וועבער, געוואוינט די בעל־עגלות — אַ חוצפּהדיק, שווער פאָלק. אום האַלבע נאַכט פלעגן זיי אַרויספירן איבער אָרדינקע די גע־פּגרטע פערד און אָפּוואַרפן די נבלות אין אַ געסל לעבן די צופאַר־טרעפּ פון אַ סוחרס אַ הויז, וואו ס'האָט זיך געפונען

די אָפּטיילונג פאַר שטאַטישע איינאָר־
דענונגען פון זאַמאָסקוואָרעצער ראַט
פון אַרב., פויער. און רויט־אַרמ. דעפּ.

און מיטן באַגינען, פֿלעגן אויפֿן דאַך פֿון דעם סוחרים הויז, אויף דעם שילד פֿון דער אָפּטיילונג פֿאַר די שטאָטישע איינאָרדענונגען, אָנפֿליען ראָבן, פֿלעגן קראַקען, זיך אַראָפּלאָזן אויף די נבֿלות און עקבערן די פֿערדישע שאַרבנס מיט די פֿעסטע שנאָבלען.

אויסשפּרייטנדיק די פֿיס אויף די וועגענער, אַזוי ווי ראָגאַטקעס, פֿלעגן די משא־פֿורמאַנעס פֿליען צו די וואָקזאַלן. דורך דער קלאַפּעריי פֿון די רעדער און די פּאָדקאָוועס האָבן זיי פּונקט מיט דעם זעלבן קול, מיט וועלכן זיי פֿלעגן טרייבן די שקאַפּעס, שרייען אויף דער לאַנגער ריי מענטשן, וואָס האָט זיך געצויגן איבער די טראַמוואַי־שינעס.

— פּריי־לע־כער, מיט־העלפֿער־לעך, פּריי־לע-כער!

— ח־ב־רים, נג־אָא, ריר־זיך!

— מיט-העלפֿער־לעך!

אַזאַ מאָסקווע האָט אַנדרעי דערזען פֿון דעם ערשטן טאָג אָן, און אַזאַ איז זי פֿאַר אים ערשינען יעדן פֿרימאָרגן.

איינגעהויקערטע שאָטנס, וואָס פֿאַרשווינדן אונטער די קלויסטער־געוועלבן; קרעציקע הינט אויף קופּקעס פֿאָמיעס און מיסט; געפּגרטע פֿערד אויף די וועגן; משא־פֿורמאַנעס, וואָס טרייבן די שקאַפּעס מיט געשריי און מיט זידלערייען, פֿאַרביי מענטשן, רוינען, דורך נבֿלות און זשוויר:

— ע־עך! טייערע מיט־העל־פֿער־לעך, האָ־רע־וועט!

און איבער דעם אַלעם — כמאַרעס פֿון ראָבן, וואָס האָבן פֿאַרשטעלט דעם הימל און האָבן אויסגעקראַקעט אַ ווידוי פֿאַר מאָסקווע, און מאָסקווע גוססט, אַ צעקלעמטע, אויף אירע בערגלעך.

און אַנדרעי האָט געוואוסט, אַז אין דער דאָזיקער שטאָט ערגעץ איז איר מיטן האַרץ, אין דעם קנופּ פֿון די געסלעך, איבער דעם ניט הויכן הויז, קנאַקט מיט די ברעגעס, די דרייפֿאַרביקע —

schwarz-weis-roth

שוואַרץ-ווייס-רויט —

פֿאָן.

פונקט ווי פליגלען פון אַ נבלות־פּרעסער, וואָס לויערט אויף די סטאַדעס.

די פאָן האָט זיך עקשנותדיק געיאָגט נאָך אַנדרעיען, האָט זיך אַנגעהאַנגען אויף אים אין דער שטילער קילקייט פון ראָזענאַו, האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן בישאָפּסבערגער מאַנסאַרדע, און איצט האָט זי אים ווידער דעריאָגט — אַ טריומפירנדיקע, אַן אומברחמנותדיקע, אַ רויבערישע

— schwarz-weis-roth

און אָט האָט זיך אַנדרעי איינמאָל, אין אַ פרישן האַלבן טאָג, פלוצלונג דערזען אין דעם געסעלע פון דער דײַטשער אַמבאַסאַדע און האָט אויפגעהויבן די אויגן צום דאַך פון דעם ניט הויכן הויז.

אונטער דעם פאָנשטעקן איז געשטאַנען אַ מענטש און האָט אָפּגעבונדן דעם שנירל פון פאָן.

אַנדרעי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער מענטש האָט אַראָפּגעלאָזן די פאָן, האָט זיך אוועקגעזעצט אויפן ברעג דאַך, און אין זײַן האַנט האָט עפּעס אַ בלאַנק געטאָן. אין דער שטילקייט פון דעם געסעלע האָט זיך דערהערט אַ דראָבנער אויסגעצוויגענער קנאַק, גלײַך מען וואָלט אויף דעם אײַזערנעם דאַך אַ וואָרף געטאָן אַ הויפן אַרבעס, און זיי האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט איבער דעם שיפּוע פון דער דאַך־רינע. דער קלאַנג האָט זיך איבערגעחזרט איינמאָל, צוויי מאָל. דער מענטש האָט זיך אויפגעהויבן און האָט שנעל גענומען אַרומטאַפּן דעם שנירל.

דעמאָלט האָט זיך פון דעם דרײַפאַרביקן לײַוונט, וואָס איז געלעגן ווי אַ קנויל אויפן דאַך, אָפּגעטיילט אַ שמאָלער פּאַסיק און האָט זיך גענומען וואַרפן אין דער הויך אויפן פאָנשטעקן, פונקט ווי אַ ווימפּל.

אויפן מאַסט פון דער דײַטשער אַמבאַסאַדע האָט מען אַרויפגעצויגן אַ רויטע פאָן.

דער מענטש האָט אויפגעהויבן דאָס שוואַרץ־ווײַסע רעשטל

פון דער פאַן, האָט עס צונויפגעדרייט, האָט פאַרשטעקט אונ־טערן פּאַכווע און, צוזעצנדיק זיך אויף די קני, איז ער פאַר־שוואונדן געוואָרן הינטער דעם דאַך־פענדל.

אין הויף האָט געגומען רוישן אַ מאָטאָר, גלייך ער וואָלט זיך אָפּגעריסן פון אַ קייט און אין דעם זעלבן מאָמענט האָט אים פון הינטער דעם נאָענטן ראָג אָפּגעענטפערט אַ צווייטער. צוויי אווטאָמאָבילן האָבן זיך צונויפגעשטויסן לעבן טויער. אַ גלאַנ־ציקער, אָפּגעשייערטער, פאַרמאַכטער אווטאָמאָביל — איז אַרויס־געפאָרן פון דעם הויף פון דער אַמבאַסאַדע, און אַ פאַרשטויב־טער, צעקנייטשטער, ווי אַ וואַגאָנעטל פון אַ שאַכטער, — איז צוגעפלויגן צו דער אַמבאַסאַדע איבער דעם געסעלע.

אַנדרעי האָט באַוויזן צוצולויפן צום טויער.

ביי דעם פאַרשטויבטן אווטאָמאָביל האָט זיך ניט געעפנט דאָס טירל, און די פּאַסאַזשירן זיינען אַרויסגעשפרונגען פון דער מאַשין דורך דעם באָרטן פון אווטאָמאָביל־קויש. די גרויע קורט־קעס פון די דייטשן און די געל געוואָרענע שינעלן פון די רוסן האָבן זיך פּלוצלונג צונויפגעמישט אין אַ געדיכטער קופּע, און ס'איז אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן זיך די דאָזיקע מענטשן געקענט אויסזעצן אין איין אווטאָמאָביל. די טירלעך פון דער גלאַנציקער מאַשין האָבן זיך לאַנגזאַם געעפנט, און אַ גלאַטער מענטש איז אַרויס אויפן טרעפּל.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט, און פאַרריסן איין ברעם אין דער הויך.

דאָס נידעריקע סאָלדאַטל האָט, אַראָפּרוקנדיק דאָס אָפּגע־בלאַקעוועטע היטל אָן דעם דאַשעק אויפן קאַרק, דייטלעך געמאָלדן אויף דייטש:

— אין מאָסקווע האָט זיך פון די דייטשע געפאַנגענע גע־בילדעט אַ ראַט פון סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן פון דייטשלאַנד.

דער גלאַטער מענטש האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעם.

— וואָס גייט דאָס מיך אָן, וואָס אין מאָסקווע האָט זיך געבילדעט? איך בעט מאַכן אַ וועג פאַר מיין מאַשין.

— דער ראַט פון די סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן פון דייטשלאַנד־

אין מאָסקווע האָט באַשלאָסן איבערצונעמען אַלע ענינים פון דער אַמבאַסאַדע פון דער געוועזענער דייטשער אימפּעריע.

— איך חזר איבער, אַז מיר גייט ניט אָן די פאַראָרדענונגען פון דעם ראַט, וועגן וועלכן איר רעדט.

דער גלאַטער מענטש האָט לייכט אויפגעהויבן די האַנט און האָט באַפוילן דעם אַמבאַסאַדע־סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אונטערן ביקס:

— רייניקט מיר אָפּ דעם וועג און פאַרמאַכט דעם טויער.

אָנשטאָט צו דערפילן דעם באַפעל, האָט דער סאָלדאַט באַוויזן מיטן ביקס אויפן דאַך.

דער גלאַטער מענטש האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דעמאָלט האָט עמעצער פון די אָנגעפּאַרענע אויסגעשריען:

— צוריק!

דעם גלאַטן מענטשן האָט מען אַריינגעשטויסן אין טירל, און דאָס טירל פאַרהאַקט, אָנגעשפּאַרט זיך, אַזוי ווי לויט אַ קאָמאַנדע, מיט די אַקסלען אויפן ראַדיאַטאָר און די פליגלען און אַריינגעקייקלט דעם אווטאָמאָביל צוריק, אין הויף אַריין. דער שאָפער האָט מיטן רודער געהאָלפן לענקען די מאַשינע, און איבער זיין פאַרווינטיקטן געזיכט איז דורכגעלאָפן אַ קוים באַמערקלעכער קרומער שמייכל.

אַנדרעי האָט זיך אַ נייג געטאָן צום סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אונטערן ביקס.

— וואָס איז געשעען?

אַ שטיינערנער בליק האָט זיך איינגעשטאָכן אין אַנדרעיען, און דינע ליפּן האָבן פּלייסיק אַרויסגערעדט צעבראָכענע ווערטער:

— Товарытш нье снает, Германиа органисофаль софьет? Германия Россия фместье. *

אַנדרעי האָט ניט געהערט וואָס דער סאָלדאַט האָט גערעדט. ער האָט געקוקט אין הויף אַריין, וואו פאַר דעם גלאַטן, מאָגערן

---

* חבר, איר ווייסט ניט, דייטשלאַנד האָט אָרגאַניזירט אַ ראַט? דייטשלאַנד מיט רוסלאַנד גייען צוזאַמען?

מענטשן, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון אויטאָמאָביל, האָבן זיך געדרענגט דייטשע קורטקעס און רוסישע שינעלן.

עפּעס אַ גלייכער און גראָדער סאָלדאַט האָט פונאַנדערגע־דוקט דעם המון, איז צוגעגאַנגען צו דעם גלאַטן מענטשן און האָט אים אַ וואָרף געטאָן צו די פיס דעם שוואַרץ־ווייסן פלאַג. דער גלאַטער מענטש האָט זיך קיין ריר ניט געגעבן, און דער שטאָף איז געלעגן פאַר אים, אַזוי ווי אַ טרויער־בענקעלע.

אַנדרעי האָט זיך איינגעקוקט אינעם סאָלדאַט, וואָס האָט עס געבראַכט, און האָט אַ שליידער געטאָן דאָס שוואַרץ־ווייסע רעשטל פון פלאַג.

— קורט! — האָט ער אויסגעשריען און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום טויער.

דער סאָלדאַט האָט געקוקט אויף אים, ביז וואַנען ער איז אַריבערגעלאָפן דעם הויף, דערנאָך איז ער אָפּגעטראָטן אויף אַ שפּאַן און האָט שטיל געפרעגט:

— אַנדרעי?

— קורט! קורט!

דעמאָלט האָט זיך דער סאָלדאַט אַ ריס געטאָן צו אַנדרעיען, האָט צונויפגעפרעסט זיין קאָפּ אין זיינע גלייכע, גראָדע הענט און האָט נאָך שטילער אַרויסגערעדט:

— אַנדרעי, ליבער פריינט...

* * *

— ווען איך וואָלט די דאָזיקע צייט אָפּגעזעסן ערגעץ אין אַ וואַרשטאַט, איז מעגלעך, אַז די וועלט וואָלט מיר אויסגעזען, אַזוי ווי פריער, ווי עפּעס אַ גאַנצס. ווי מיר האָבן פריער גערעדט און באַגריפן — די מענטשהייט, די וועלט — און געקוקט בשעת מעשה אין דער הויך. און איך בין געלעגן אונטן, אונטערן דיל און האָב געזען, ווי דאָס איז אַלץ איינגעאָרדנט. בכלל — איז עס אַ טעאַטער. קיין שום גאַנצע זאַך איז ניטאָ. די מענטשהייט — איז אַ פיקציע.

קורט האָט פאַרדרייכערט אַ דינע, דורכגעבּרענטע לולקע און האָט אויסגעצויגן די פּיס. דערנאָך האָט ער ווייטער גערעדט, גלאַט, לאַנגזאַם:

— פריער איז אַלץ געווען קאָמפּליקירט, אַזוי ווי אַ מאַרש־ראַטע. אַ מענטש איז געווען צוגעפּעסטיקט צו אַ מענטשן, אַזוי ווי אַ ברעט צו אַ ברעט אין אַ טיר. איצט איז עס אַלץ צע־קראָכן געוואָרן. צווישן צוויי ברעטלעך — זיינען פאַראַן שפּאַלטן. אַ בלינדער אַפילו זעט, אַז אַלץ גייט קידער־ווידער.

ער האָט זיך צעלאַכט.

— האָסט קיינמאָל ניט געפּרוווט שרייבן?

— ניין, ניט געפּרוווט, — האָט אַנדרעי געזאָגט.

— איך אויך ניט. נאָר אַנוסטן האָב איך געטראַכט, אַז ראָ־מאַנען שרייבט מען פּונקט אַזוי, ווי מען מאַכט קאַסטנס: יעדע ברעט דאַרף זיך מיט אַלע אירע זייטן צונויפקומען מיט די אַנדערע ברע־טער. אַזוי האָט מען, לכל־הפּחות, געשריבן ראָמאַנען ביז דער מלחמה. איצט קען מען אַפילו אין אַ ראָמאַן אויך ניט צונויפפּירן צוזאַמען מער ווי צוויי מענטשן. דער פּאַפּ טויג ניט, ער האַלט ניט.

— אַלטער פּאַפּ? — האָט אַנדרעי געפרעגט.

— אַוודאי, אַלטער. דורך דעם שטעכיקן דראָט זעט מען עס קלאָר, אַזוי ווי דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. די מלחמה וועט מען ווען עס איז נאָך בענטשן. אָט די גאַנצע מוזיק, וועגן וועלכער דו טראַכסט מיט אויפשווידערונג — די באָמבעס, די דריי־ליניקע און — באַזונדערס די הויביצעס, — וועלן מיט דער צייט ווערן הייליקע דענקמעלער. און אַ 42סאַנטימעטערדיקער האַרמאַט וועט מען נאָך אַרויפשטעלן אויף דעם העכסטן פּיעדעסטאַל מיט אַן אויפשריפט:

„די רעטערין פון דעם מענטשלעכן מין".

כ'זאָג עס ערנסט. ווען ניט אָט־די־אָ קאַנאָנאַדע, וואָלטן מיר נאָך לאַנג ניט געהאַט געקומען צום שכל. און איצט איז אונזער קאָפּ קלאָר, און דאָס האַרץ איז דורכגעלופטערט.

קורט האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, האָט עס פּאָרזיכטיק צו־געטראָגן צום לולקע און האָט זי ווידער פאַררויכערט.

— אָט דאָס איז מיין געשיכטע, און אָט דאָס זיינען מיינע אויספירן. יענע ברעטלעך, וואָס האַלטן זיך נאָך, דאַרף מען פונאַנ־דערנעמען, אפשר צעברעכן, מחמת זיי זיינען קינסטלעך צונויפגע־קלעפּט און מחמת מיט אַזאַ פּאַפּ קען מען קיין מענטשן ניט צו־נויפקלעפּן אין אַ מענטשהייט. און סוף־כל־סוף באַשטייט דאָך אין דעם אונזער ציל. מסכים?

— מסכים, — האָט זיך אַנדרעי אָפּגערופן.

קורט איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים אָנגענומען פאַר־ן האַנט.

— נו אָט. גוט. און איצט בעט איך דיך, זאָלסט מיר זאָגן אָפן, אַז איך בין געווען אַ בהמה... אין נירנבערג, אין טראַמוואַי.

אַנדרעי האָט אים ארומגענומען און האָט זיך צעלאַכט.

— ניין, ניין, — האָט קורט אויסגעשריען, און איז אָפּגע־גאַנגען אָן אַ זייט, — דו דאַרפסט מיר זאָגן, וואָס דו האָסט דאַ־מאָלסט געטראַכט

— מיר איז געווען שרעקלעך. כ'האָב שיר ניט געוויינט, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אָן דיר... ווי דו האָסט דאַמאָלסט אויסגעזען...

קורט האָט זיך אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט איבערן קאָפּ.

— אַ־אַ־אַ! אַ־אַ־אַ! וואָס פאַר אַ אידיאָט איך בין! אי־די־יאָט!

— די זאַך איז ניט אין דעם, — האָט אים אַנדרעי אָפּגע־שטעלט, — דו האָסט דעמאָלט ניט געקענט אַנדערש טראַכטן.

— כ'האָב געטראַכט ווי אַ בהמה.

— איצט טראַכסטו אַנדערש. אָבער סיי איצט, סיי דאַן האָט דיך די מלחמה ניט געשראָקן. האָט זיך דען אין דיר עפּעס געביטן? איך בין געבליבן דער זעלביקער וואָס פריער. דאָס וואָרט מ ל ח מ ה גופא — עקלט מיר.

— וואָרט נאָר, — האָט קורט ארויסגעזאָגט, — וואָרט

נאַר, וואַרט. איך פאַרשטיי דיך... אָבער ניט שוין־זשע קענסטו מיינען, אַז איך האָב איבער דעם ניט געטראַכט? קיין אַנדער וועג איז דאָך ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ!

ער האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און האָט וועגומען־שרייען:

— בלוט, בלוט — אַט וואָס דיך שרעקט. און די דאָזיקע אייביקע מורא, אַז שלעכטס געבוירט שלעכטס. און וואָס קענסטו מיר געבן אַנשטאָט דעם שלעכטס? פון מיר ציט מען אַדערן, פּאַרימווייז, אָן אויפהער, דאָס גאַנצע לעבן. און מיר לייגט מען דאָס פאַר צו בויען דאָס דאָזיקע לעבן אויף גוטס, ווייל — שלעכטס געבוירט שלעכטס. פונוואַנען זאָל איך נעמען גוטס, אַז אַרום און אַרום איז בלויז — שלעכטס? דערווייז מיר, אַז דורך שלעכטס קען מען זיך ניט דערשלאָגן צו גוטס.

— כ'קען דאָס ניט דערווייזן.

— הייסט עס, אַז דער וועג איז איינער?

— הייסט עס, אַז איינער.

— איז וועגן וואָס־זשע רעדסטו?

— וועגן דעם, וואָס דאָס איז שרעקלעך און... דאָס דער־נידעריקט, — האָט אַנדרעי אַרויסגערעדט מיט אַזאַ אַנשטרענ־גונג, גלייך טרערן וואָלטן אים געשטיקט.

קורט האָט געדריקט זיין האַנט.

— ליבער, ליבער פריינד. דו האָסט זיך ווירקלעך ניט גע־ביטן. איך האָב דיך מיר שטענדיק פאַרגעשטעלט פאַר אַזעלכן, — מיט דעם דאָזיקן גוטן, פאַרווירטן שמייכל. מיר וואָלט אַפילו באַנג געטאָן, ווען דו וואָלסט דעם שמייכל פאַרלאָרן. און, הער, איך בין — דיין אמתער פריינד, אויף שטענדיק. דו געדענקסט נירנ־בערג, פון בארג? כ'האָב דעמאָלט פאַרזוכט דעם טעם פון גליק. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געלעבט מיט אַ פרוי, דאָס הייסט לאַנג און גוט. וואָס איז דאָס פאַר אַ געפיל? אויב ס'איז אַזאַ ווי דעמאָלסט, אויפן בארג — און ס'איז אַלע מאָל אַזאַ, שטענדיק — דאַרף מען געווים געבאָרן ווערן מיט ; באַ־

זונדער באַגאַבונג, כדי צו קענען אויסהאַלטן. דאָס פאַרמאַטערט. דו דערגאַנצסט מיך. מיר איז גוט, ווען איך ווייס, ליבער פריינד, אַז דו ביסט אַזאַ, מיט דיין פּאַרווירטן שמייכל. איצט וויל איך, אַז מיר זאָלן דאָ, אין מאָסקווע, נאָך דעם אַלעמען, וואָס איז פאַרגעקומען, איבערחזרן אונזער שבועה, און אַז דו זאָלסט פאַרגעסן דאָס, וואָס מען דאַרף פאַרגעסן.

אַנדרעי האָט צוגעצויגן קורטן צו זיך, האָט אַרומגענומען זייןברייטן רוקן.

— כ'געדענק בלויז איינס, קורט: ווי מיר האָבן געזאָגט איינע די אַנדערע — אויף אייביק.

— ביזן סאַמע טויט! — האָט קורט אַרויסגערעדט, און האָט געקוקט אויף אַנדרעיען מיט אַזאַ שטרענגער דורכדרינגלעכקייט.

דערנאָך האָט ער אַ שמייכל געטאָן און, ניט גוט צונויפגעבונדן די ווערטער, האָט ער, ווי אַ לערער, וואָס לאָזט אַרויס דעם בוך פון די הענט, צוגעגעבן:

— כ'ווייס ניט, וואָס פאַר אַ געפיל איך האָב צו דיר, צי פון אַ שול־חבר אָדער פון עפּעס אַנדערש. אַ פריינדשאַפט, עפּעס מיסטישס. אָבער מיר ווילט זיך ניט ראַנגלען מיט דער צאַרטקייט, וואָס איך שפּיר צו דיר. הגם דאָס אונטערבאַוואוסטזיניקע — איז לעכערלעך.

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט און האָט ווידער גענומען ריידן, אַזוי ווי פון בוך.

— איך רעכן, אַז עס טאָרן ניט זיין קיין געפילן, וואָס זאָלן זיין אומוצטריטלעך פאַר דעם פאַרשטאַנד. און, נאַטירלעך, דאַרף מען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַלע געפילן מאַכן אונטערטעניק צום שכל. בלויז אין דעם־אַ פאַל קענסטו געפינען הינטער דעם אומזין — אַ זינען און הינטער די ליידן — פרייד.

— פונדעסטוועגן איז אָט, — האָט זיך קורט אַליין איבערגעשלאָגן, — האָבן איך וועגן דעם אַלעמען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, דערציילט, און וועגן דיר ווייס איך נאָך גאָרנישט.

דערציייל, איך וועל שווייגן. איך וועל מער קיין וואָרט ניט ריידן.
פאַרוואָס ביסטו אומעטיק?

אַנדרעי האָט געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ אין פענסטער.

אין דעם געלבלעכן בין־השמשות האָט געטונקלט דער נאַ־קעטער, ניעסקוטשנער סאָד און די אונטערהאַלטערס פון דעם קרימער בריק האָבן זיך געוויגט, גלייך זיי וואָלטן געווען פון פּאַפּיר. אונ־טער אים איז געשוואומען דער שווארצער טייך מאָסקווע, און איבער דעם סאָד, איבער דעם בריק, איבערן טייך האָט זיך גע־דרייט אַ טשאַטע ראָבן, אַזוי ווי אַ טאָוול, דורך וועלכן דאָס אויג קאָן ניט דורכדרינגען.

— ס'גרוילט. דער דאָזיקער שרעק־שאָטן פאַרשטעלט מיט זיך אַלץ. דער הונגער! כדי צו קענען איבערשפּרייזן אים, דאַרף מען זיין זייער דרייסט. און וואָס איז נאָך אים?

— עך, דו, רעוואָלוציאָנער! מיאוס, אַנדרעי.

— איך בין — אַ רעוואָלוציאָנער? איך שעם זיך דאָך נאָך ביז היינט צו גיין פאַרביי אַ קאַליקע און ניט געבן אים קיין נדבה.

— פונדעסטוועגן האָבן זיך ביי דיר היינט געטרייסלט די הענט, ווען די סאָלדאַטן האָבן אין דער אַמבאַסאַדע געזאָגט, וואָס פאַר אַ היץ זיי וועלן פאַרגעבן די אייבערשטע צען טויזנט אין דייטשלאַנד!

— אַך, קורט, דייטשלאַנד... ווי מיר וואָלט זיך איצט גע־וואָלט זיין דאָרטן...

קורט האָט שאַרף אָנגעקוקט אַנדרעיען און האָט טרוקן אַרויסגערעדט:

— דאָרטן איז פאַר דיר קיין אָרט ניט. דאָס קומט ביי דיר פון מידקייט אָדער פון ניט פאַרשטיין, אַז דיין אָרט איז דאָ, אין רוסלאַנד. ביי מיר האָט דערגעבליצט אַ געדאַנק... הער. מיך באַ־שטימט מען אין אַן אָפּגעלעגענעם געגנט צו עוואַקויִרן די געפאַנ־גענע, צו בילדן פון זיי אַ ראָט. דאָס איז אין סעמידראָל — אַ פאַר־וואָרפענער, פאַרגעסענער ווינקל. פאָר מיט מיר. דאָרטן וועט קלעקן אַרבעט, וואָס איז נייטיק פאַר אַלעמען. וועסטו פאָרן?

— מיט דיר — יאָ, — האָט אנדרעי געענטפערט און ניט אָפּגעריסן די אויגן פון דעם אומבאַוועגלעכן פונקט ערגעץ אין דער לופטן, הינטערן פענסטער.

— וואויל, גוטע נשמה! אָט וועלן מיר דאָס פיין אַ לעב טאָן! מיר וועלן בערג איבערקערן! גענוג דיר צו קוקן אויף די ראָבן! קאָמישער מענטש! בלייב נעכטיקן, וועסטו ניט דאַרפן הערן און איבעריקן מאָל דאָס בייזע קאַרקען איבערן קאָפּ. מאָדנער מענטש. און דערציייל טאַקע, דערצייל וועגן אַלץ, פון סאַמע אָנהייב, לע־בעדיק!

ער האָט גענומען צופּן אנדרעיען פאַר די אַקסלען, האָט אים אָפּגעשלעפּט פון פענסטער און האָט זיך גענומען פונאַנדערצו־ברענען דאָס פאַררויכערטע קעראָסין־מאַשינקע און האָט פונאַנ־דערגעשליידערט דעם מיסט, וואָס האָט זיך אים אונטערגעוואַרקט אונטער די פיס. קורטס צימער האָט דאָ, אין מאָסקווע, אויפן בוידעם פון דעם געוועזענעם ליציי, דערמאָנט זיין נירנבערגער דאַכשטיבל.

און ביינאַכט, ווען קורט מיט אַנדרעיען האָבן זיך, צו־דעקנדיק מיט די שינעלן, געלייגט אויף דער שמאָלער צעראַטענער קושעטקע, וואָס איז געווען ענלעך אויף יענע, וועלכע שטייען אין די אויפנאַם־צימערן, — אין דער מאָסקווער קלאַנגלאָזער נאַכט, — האָט אנדרעי דערציילט זיין פריינד וועגן מאַרין מיט ווערטער, וואָס פלעגן אין נירנבערג קומען צו אים אַזוי פּשוט.

ער האָט דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש ווינטערצייט אויפן לאַושע און וועגן די ראַנדעוואוען אין פּאַרק פון די זיבן סאַזשל־קעס, און וועגן דעם, ווי ער האָט אויפגעמאַכט די טיר פון זיין צימער אין דער באַשטעלטער שעה, און ווי אַזוי מאַרי האָט זיך אין די הייסע נעכט געגנבעט איבער די פּראָמענאַדעס.

ער איז צוגעקומען ביז דער לעצטער באַגעגעניש, ביז דער פאַרזיכערונג, וואָס ער האָט מאַרין געגעבן אין דער לעצטער מינוט. דעמאָלט האָט זיך קורט צוגערירט צו זיין ברוסט און פונקט

אזוי שטיל, ווי אנדרעי האָט גערעדט, האָט ער, כמעט מיט אַ גע־פּליסטער, געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, פאַרוואָס דו ווילסט אַהין.

און אזוי ווי אנדרעי איז אנטשוויגן געוואָרן, האָט ער, נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעוואַרט אייניקע מינוט, געפרעגט:

— הייסט עס, אַז די גרעסטע זאַך אין דיין לעבן פאַר די דאָזיקע יאָרן — איז געווען די ליבע?

אנדרעי האָט געענטפערט:

— יאָ.

און ווידער אָפּגעוואַרט עטלעכע מינוט, האָט קורט אַרויס־גערעדט אין דער פאַרגליווערטער נאַכט, אין דער פינסטערניש:

— און אין מיין לעבן איז די גרעסטע זאַך געווען — די שנאה.

יאַגעדעם

אריינפירן דעם לעזער אין אַ טעות מכוח דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל — האָט ניט קיין זינען. די קאַפּיטלען, וואָס זיינען געווידמעט די בלומען, האָבן קיין שום שייכות ניט מיט דעם, וואָס איז ווייטער באַשריבן. אַלעמען איז, נאַטירלעך, באַ־וואוסט, אַז נאָך די בלומען קומט די צייט פון יאַגעדעס, און בלויז דער איין פאַרגלייך פון די דאָזיקע ווערטער קען אַמאָל אַרויסרופן אַ מחשבה, אַז דער דאָזיקער ראָמאַן איז טענדענציעז.

נאָר מיר זיינען ווייט פון וועלכער ס'איז טענדענץ און, כדי צו באַזייטיקן יעטווידן ספק מכוח דעם, וועלן מיר תיכף ברענגען דעם דאָקומענט, וואָס האָט אונז באַוואויגן אָנצורופן דעם דאָזיקן קאַפּיטל מיט אַזאַ צווייידייטיקן נאָמען און וואָס איז אומבאַדינגט נייטיק פאַר די צילן, וועלכע ליגן פאַרבאָרגן פונם אויבנאויפיקן אויג.

אין דעם רעכטן ברעג פון זומער האָט זיך אויף די שפּאַלטן פון דער אַלעמען געשעצטער „בישאָפּסבערגער מאַרגנצייטונג" באַ־וויזן פאָלגנדיקער אויפרוף:

אלע אין וואלד נאָך יאַגעדעס!
לאָזט ניט אין ניוועץ גיין דאָס גוטס!

דייטשע פרויען! זאָל דאָס דאָזיקע וואָרט דערגרייכן צו יעטווידער פאַרנינפטיקער פאַטריאָטין. אַלע דאַרפן קומען צו הילף דער גרויסער זאַך!

אונזער ווענדונג איז באַזונדערס נוגע די הויזווירטינס פון די קליינע שטעט און די פרויען־פאַראיינען און פאַר־אייניקונגען. שטעלט איין שטענדיקע באַציִונגען מיט די דערפער און מיט די דאָרפישע געזעלשאַפטן, זייט מעורר די דאָרטיקע אָרעמע איינוואוינער צו קלייבן די וואַלד־יאַגעדעס!

די דאָרפישע געזעלשאַפטן דאַרפן זאָרגן וועגן דעם, אַז די זאַמלונג פון יאַגעדעס זאָל פאָרקומען סיסטעמאַטיש, מיט דער הסכמה פון די וואַלד־אַמטן. בשום אופן זאָלט איר ניט אָרויפלייגן די דאָזיקע גרויסע זאַך בלויז אויף די קינדער! גיט אַכטונג, אַז די יאַגעדעס זאָלן ניט אָראָפּגע־קראַצט ווערן פון די קוסטעס, נאָר זאָלן אויפגעזאַמלט ווערן מיט די הענט. דאָס אַראָפּקראַצן ברענגט שאָדן די קומענדיקע גערעטענישן, און די שוואַרצע יאַגעדעס, למשל, ערהוילן זיך ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דעם. דאָס שטרענגע אָפּהיטן דאָס דאָזיקע געזעץ וועט אויך פאַרשפּאָרן אַ סך מי, וואָס איז נייטיק אויף אָפּ־צורייניקן די יאַגעדעס פון די בלעטער פאַרן קאָכן.

די סיסטעם, וואָס ווערט אָנגעווענדט ביים זאַמלען יאַ־געדעס אין פאָגטלאַנד איז, לויט אונזער מיינונג, די צוועקמעסיקסטע. דערוואַקסענע געניטע פרויען, וואָס ווייסן אויך גוט דעם געגנט, פירן דאָרטן אָן מיט די גרופּעס קינדער. באַקומען פון דעם וואַלד־אַמט אַן ער־לויבעניש צו קלייבן יאַגעדעס, טרעטן די דאָזיקע גרופּעס צו אין צעשאָטענע רייען צו דער אַרבעט, און טראָגן אַוועק די געפונענע יאַגעדעס אין די פריער צוגעגרייטע

קווישן. די זאַמלונג הייבט זיך אָן גאַנץ פרי און פאַרענ־דיקט זיך אַרום האַלבן טאָג, ביז עס קומט אָן די היץ. די יאַגדעס פאַרקויפט מען דערנאָך אויפן וואָג. די אַרבעט באַצאָלט זיך ווײדליק דער גערעטעניש. דאָס צושטעלן די יאַגדעס אַנגראָ שפּאָרט איין צייט, וואָס ווערט געוויינ־לעך אויסגעבראַכט אויף צו וועגן די קליינע פּאַרטיעס. די פרויען־אָנפירערינס גיט מען אַרויס געלט, כדי זיי זאָלן קענען פאָרן, ווען מען דאַרף, מיטן באַן צוזאַמען מיט די קינדער. דורכפאָרן זיך מיטן צוג כאָטש איין עק פון דעם מידן וועג — באַטייט זייער אַ סך.

רעגולירט דעם נאָכפרעג און דעם אָנבאָט. אָבער זייט פאַרזיכטיק מיט איבעריקער אַרבעט. ווי נאָר ס'ווערט געדעקט די פאָדערונג פון פריוואַטע און אַנדערע ווירט־שאַפטן, שיקט אַוועק די יאַגדעס מיט דעם קירצסטן און באַקוועמסטן וועג אין די שכנותדיקע גרויסע שטעט. דאָס בעסטע איז — צו פאַרקויפן די יאַגדעס אַ וועלכן־ס'איז אַנגראָסיסט אָדער אין אַ קאָנסערוון־פאַבריק, אויב נאָר די אַנטשפּרעכנדיקע ספּעציעלע פּאַקונג גאַראַנטירט, אַז דער טראַנספּאָרט וועט זיין אויסער יעדן פאַרוואָרף.

געדענקט, אַז קיין איין יאַגדע דאַרף ניט גיין אין ניוועץ אין אונזערע פּאַטערלענדישע פעלדער! די פּראָ־דוקטן פון די יאַגדעס זיינען נאַרהאַפט און ביליק.

דייטשע פּאַטריאָטינס, נעמט זיך צו דער אַרבעט!

* * *

פון לאָושע האָט געבלאָזן אַ שטעכיקער ווינט, איבער די שטיינער און דעם אַספאַלט האָבן זיך געטראָגן רוישיקע קאַראַ־האָדן פון בלעטער. ס'איז געווען נאָוועמבער.

דער נײַנטער טאָג איז דורכגעגאַנגען שטרענג און פּשוט, ווי אַלע טאָג ביז אים — אין קאַרגקייט און אין נויט. די גאַסן זיינען געלאָפן מיט זייער ענדלאָזן לויף, קיין זאַך האָט ניט געשטערט די איינגעשטעלטע אַרבעטס־שעהן.

נאָר בלויז אויף איין מינוט און אין איין אָרט — ניט ווייט פון דעם ראָטהויז, אין אַן ענגן משופּעדיקן געסל — האָט דאָס לעבן אַ ציטער געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט.

אין דעם דאָזיקן געסל האָט זיך געפונען די באַטאַליאָן־קיך, און די סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַקומען פּאָרציעס, זיינען מיט דעם ברויט און מיט די קעסעלעך אין די הענט זיך צעלאָפן איבער די מיליטער-טיילן, וואָס זיינען איינגעשטאַנען אין די שכנישע הייזער.

עפּעס אַ לאַנגזאַמער סאָלדאַט האָט, שווער שפּאַנענדיק און זוינגנדיק זיך, פינסטער געקוקט אין זיין קעסעלע, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ גראָלעכן קנויל דאַמף. אים האָט אָנגעיאָגט די אייליקע, רירעוודיקע יוגנט, וואָס האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט געשרייען און אונטערגעפּייפט. דער סאָלדאַט איז געגאַנגען פּאַמעלעך. פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט צוגעטראָגן דעם קעסעלע צום געזיכט, האָט אַ טראַכט געטאָן, דערנאָך האָט ער זיך צעווינגט און האָט אַ שליידער געטאָן די כלי אויפן וועג, האָט היל־ביק און אָפּגעהאַקט אויסגעשריען:

— אַ!

און תיכף איז דאָס גאַנצע געסל אָפּגעשטאָרבן — יונגע סאָלדאַטן, פּאַרבייגייער, פרויען מיט קינדער אויף די הענט, אַלע האָבן געקוקט אויפן קעסעלע, וואָס האָט זיך געקייקלט אויף דער קיילעכדיקער זייט, האָבן געקוקט אויף דער געלער, שיטערער קאַשע, וואָס האָט גענומען פליסן צווישן די שטיינער און אויף דעם גראָלעכן דאַמפּל, וואָס דער ווינט האָט אונטערגעכאַפּט און צעשטרייט. דערנאָך זיינען די בליקן אַריבערגעלאָפן אויפן סאָלדאַט און זיינען אויף אים פאַרגליווערט געוואָרן.

ער האָט אַ שפּריוז געטאָן צו דעם ליידיקן קעסעלע, האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעבויגן, האָט אים אויפגעהויבן און איז פּונקט אַזוי אומגעאײַלט און שווער, ווי פריער, אַוועק מיט זיין וועג.

קיינער האָט פאַר דער גאַנצער צייט ניט אַרויסגעלאָזן קיין איין קלאַנג, און יעדערער איז געגאַנגען מיט זיין וועג שווייגנדיק,

גלייך ס׳וואָלט קיין זאַך ניט פּאַסירט, און דאָס געסעלע האָט גע־גומען לעבן אַזוי ווי פריער, אפשר עטוואָס לאַנגזאַמער.

אַזוי איז פאַריבער דער ניינטער נאָוועמבער אין בישאָפס־בערג.

אָבער אויפן צווייטן טאָג האָט דער ווינט האַסטיק אומגע־ביטן די ריכטונג.

אויפן צווייטן טאָג איז די אַלמנה פון דעם קאַוואַליער פון אייזערנעם קרייץ מאַרטאַ בירמאַן פון טייפּלסמיל געקומען צו פאָרן אויפן קבר פון איר מאַן. זי האָט אויפגעקליבן די טרוקענע בלעטער, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעקט אין דעם קרויט, מיט וועלכן ס׳איז געווען פאַרזייט דאָס קברים־בערגל, האָט אַרויפגע־לייגט אויף אים אַ קראַנץ פון פלעכטגראָז און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני. תחילת האָט זי געזאָגט אַ תפילה, דערנאָך האָט זי זיך גענומען אַרומקוקן און לייענען די אויפשריפטן אויף די שוואַרצע צלמים, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט מיליטעריש אויף די סאָלדאַטישע קברים. אויין איינציקער שטיין האָט זיך אויפגע־הויבן איבער דער שורה פון די דאָזיקע צלמים — די ברודער־מצבה פון די געשטאָרבענע קריגסלייט. אויפן שטיין איז געווען אויסגעהאַקט:

שלאָפט רויק, איר העלדן!

מיר געדענקען אייך מיט דאַנקבאַרקייט.

מאַרטאַ בירמאַן האָט איבערגעלייענט דעם דאָזיקן אויפ־שריפט, האָט אים איבערגעחזרט אין דער הויך און די ווערטער האָבן אָפּגעהילכט אינעווייניק אין איר, אַזוי ווי טויבע קלעפּ:

— מיר געדענקען אייך מיט דאַנקבאַרקייט.

— מיר געדענקען אייך.

— מיר געדענקען.

זי איז אַראָפּגעגאַנגען פון בית־עולם און לעבן טויער האָט זי פאַרלאַנגזאַמט די טריט, כדי צו באַטראַכטן, וואוהין צו גיין.

פון שטאָט־אַרויס, איבער דער ברייטער, גלייכער גאַס, האָט זיך דערנעענטערט אַ גרופּע פרויען, אָנגעטאָן אין טרויער. זיי זיי־

נען געגאנגען הארט איינע לעבן די אנדערע, אויפן מיטן וועג, געגאנגען האסטיק, און דער ווינט האט זיי אונטערגעיאגט, האט אנגעבלאזן די קליידלעך און געצופט די שווארצע שלייערס, וואס זיינען געווען ענלעך אויף פלאגן.

די שארפע גערייידעריי פון די פרויען איז באלד דערפלויגן צו מארטע בירמאנען, נאר קיין איין דייטלעכע פראזע פון דעם, וואס דער ווינט האט איר געבראכט, האט זי ניט געקענט אויפכאפן, און האט געווארט ביז די פרויען וועלן צוקומען נעענטער.

דער ווינט האט אונטערגעכאפט זייערע שטימען. און האט זיי געווארפן אין דער הויך, אזוי ווי די שלייערס, און די הענט האבן זיך געגעבן א הייב ארויף איבער די קעפ פון די פרויען, גלייך ווי פון ווינט, האבן עמעצן געשראקן, זיינען געפאלן, זיך אויפגעהויבן און מיט אויסגעשטרעקטע פינגער געוויזן פאראויס.

די אפגעריסענע און געבראכענע ווערטער האבן זיך גענומען דרייען איבער מארטע בירמאנען.

— ביי זיי איז אלץ אין ארדענונג...

— און זיי האבן איין ענטפער, אויף אלץ האבן זיי איין ענטפער!

— ...מען זעט קיין סוף ניט.

— אלץ איינס!

— זאל זיין, זאל זיין!

— ...מען האט באגראבן, בשלום...

— ...רויק. און וואס זיינען מיר דען? — בר־מיננס?

— אויפן ריגל, אונטערן שלאס, אז קיינער זאל ניט...

— בהמות אויף צו קוילען.

— באהאלטן?

— ...וועלן מיר טאקע זען...

מארטא בירמאן האט געווארט, די רוישיקע פראצעסיע זאל צוגיין צו די טויערן פון בית־עולם. זי איז געשטאנען אויסגעצויגענערהייט, אזוי ווי א צוגעבונדענע, און האט זיך געפלייסט צונויפצוקלעפן פון די שטיקלעך פראזן עפעס א געדאנק. די פרויען

זיינען אָבער מיט פאַרגיכערטע טריט פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם בית־עולם, צו דער ביסמאַרק־אַלייע. פון דעם כאַאָס פון די אויס־געשרייען, וואָס דער ווינט האָט פאַרווירבלט, זיינען אָפּגעפלויגן קלאָרע ווערטער:

— עי, גאָטס אַלמנה! דיין מאַנעלע ליגט, קענטיק, אין אַ זי־בערן אָרט?

עמעצנס האַנט האָט אָנגעוויזן אויף די בית־עולם־טויערן און ווידער האָט די זעלבע קלאָרע שטימע אַ רוף געטאָן:

— קום מיט אונז אויפצולעבן די טויטע!

און פונקט ווי מען וואָלט איבערגעשניטן די שטריק, וואָס האָט געהאַלטן פאַרבונדן מאַרטע בירמאַן — האָט זי זיך אָפּגע־ריסן און איז אַוועקגעלאָפן צום עולם.

עמעצער האָט ביי איר גייענדיק אַ פרעג געטאָן:

— אַ קריגס־אַלמנה?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, און האָט זיך פאַרבליניעט פון דעם לויפן און פון דער אומגעריכטער אויפרעגונג, — די אַלמנה נאָך דעם קאַוואַליער פון דעם איזערנעם קרייץ.

— אומגליקלעכע! — האָט זיך דערהערט אַ שטימע.

— זאָלן זיי זייערע קרייצן אויפהענגען אויף די הינט! — האָט זי דערהערט.

— מיר גייען אין שפּיטאָל אַריין נאָך די קאַליקעס! — האָט מען צו איר געשריען.

— אפשר לעבן אונזערע מאַנען?

— זיי האַלטן די קאַליקעס פאַרשפּאַרט. כדי מיר זאָלן זיי ניט זען.

— אפשר האַלטן זיי דאָרטן אונזערע מאַנען?

— אונזערע נערוון זאָלן ניט קאַליע ווערן!

— מיר האָבן שוין לאַנג ניט קיין נערוון!

— פון זינט יענער צייט, ווען מען האָט ביי אונז צוגענו־מען די מאַנען....

— צייט צו מאַכן אַ סוף מיט דער מלחמה!

מאַרטאַ בירמאַן האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָראויס, האָט ארומגעקרייזט דעם אויפגעדרעגגטן המון. האָט זיך אוועקגע־שטעלט פנים אל פנים צו די פרויען און האָט אויסגעשריען מיט אַ הייזעריקן קול:

— שטייט, שטייט! איך ווייס, וואָס אין דעם דאָזיקן שפּי־טאָל איז פאָראַן! פרויען, אומגליקלעכע פרויען! מיין מאַן איז אויך געווען אַ סאָלדאַט. ביי אים האָט אָפּגעריסן די הענט מיט די פיס. ער איז בלינד און טויב געוואָרן, ער האָט מיך ניט דערקענט, ווען איך בין צו אים געקומען, אָט־דאָרטן־אָ, אין שפּיטאָל, פאַרן טויט. איצט ליגט ער אָן דאָרטן. איך ווייס, דאָס גאַנצע הויז איז אָנגע־פּאַקט מיט קאַליקעס אָן פיס און אָן הענט. זאָל מען זיי ארויס־לאָזן, זאָל מען זיי באַווייזן, זאָל מען!

הארצרייסנדיקע געשרייען האָבן זי איבערגעשלאָגן:

— די פאַרוואונדעטע אהיים!

— די קאַליקעס אויפן גאַס! אַלע זאָלן זען!

— מיר וועלן זיי פירן איבער די פאַרקן און טעאַטערס!

— זאָל מען קוקן!

מארטא בירמאַן האָט אָנגעוויזן אויפן בית-עולם:

— אָט דאָרטן איז אַ גאַנצע שטאָט פון מאַנסלייט! דאָרטן איז מיין מאַן, אַלבערט. מיין מאַן. און דאָרטן איז אָנגעשריבן: „מיר געדענקען אייך, מיר געדענקען".

דאָס מויל האָט זיך ביי איר פלוצלונג פאַרקרימט, און איר קוויטש האָט צעריסן אַלע געשרייען:

— איך געדענק דיך, אַלבערט! פרויען, פרויען!

דער ווינט האָט אַ ריס געטאָן און אויפגעהויבן די יללות, די זיפצן, די קרעפּ־וואוּאַלן, די ציטערנדיקע הענט, און די פרויען אין טרויער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן לויפן.

הינטער דער מחנה פרויען, וואָס דער ווינט האָט געגומען דרייען, האָבן זיך געטראָגן, אזוי ווי קוילנשטויב, איינציקווייז און גרופּעסווייז פרויען, וואָס זיינען זיך צונויפגעפלויגן אומגע־

זען פונוואַנען, פונקט ווי בלעטער אינם סאַמע רעכטן בלעטער־פאַל.

דער ווינט האָט געבלאָזן אין דער ריכטונג פון דער ביס־מאַרק־אַלייע.

און ווען דורך די הויל־געוואָרענע רייען ליפּעס, וואָס זייַנען געווען אונטערגעשאָרן אין דער פאָרם פון קאַוועטעצלעך, האָבן אַרויסגעלויכטן די שפּיטאָל־פענסטער, אַזוי ווי פיל געשליפענער קרישטאָל, האָבן זיך די איינצלנע פרויען און די גרופּעס צוזאַמענגעגאָסן אין אַ דורכאַויסיקער אָזערע פון קעפּ, און די קרעפּ־וואָלן האָבן זיך געהויבן איבער דער אָזערע, אַזוי ווי שוואַרצע קאַמען.

— פרויען, פרויען!

יאָם גליקלעכע הויז האָט געקוקט אויף דער צערודערונג פון די פרויען, האָט פאַרנומען זייערע קוויטשערייען און האָט מיט אָנגענעמער אַנטשלאָסנקייט אָנגעוויזן אויף זיינע אָפּגעטינקעוועטע אַרויסשטאַרצן אונטער די ציגל־רויטע דאַכלעוקעס פונם דאַך.

די פרויען האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם פראָנט־אַרייַנגאַנג, און די טיר — וואָס איז געווען שווער, ווי אַ טעמפּל־טויער — האָט זיך לייכט און ברייט געעפנט.

עפּעס אַ מענטש אין אַ גלאַנציק־ווייסן כאַלאַט איז אַרויסגעלאָפן צו דעם המון און האָט אויסגעשריען פון פאַרצווייפלונג:

— שאַנעוועט די פאַרוואונדעטע, די פאַר־וואונ־דע־טע, משוגעים!

און אַלע ענטפער האָבן אים פאַרוואָרפן אַ הונדערט האַרצרייסנדיקע שטימען:

— מיר ווילן שאַנעווען!

— מיר ווייסן!

— שאַנעוועט אונז!

— מיר ווילן שאַנעווען!

— מיר ווילן שאַנעווען!

וואוהין זיינען פארשוואונדן די פארבאַטנדיקע אויפשריפטן, פּאַראַגראַפן, צעטיילונגען און פּונקטן?

ווער האָט באהאלטן די דייטלעך-באמאַלטע ברעטלעך מיט די פאַראָרדענונגען, באפעלן און אויסצוגן פון די געזעצן? וואו זיינען פארפאלן געוואָרן די מענטשן אין ווייסן, וואָס זייער חוב איז געווען אכטונג צו געבן אויף די פּאַראַגראַפן, די פאראָרדע־נונגען און דעם אָרדענונג?

אין די קאָרידאָרן, וואָס זיינען צעשמאָלצן געוואָרן אין שיין פון דעם אויסגעשייערטן בעטאָן, פון די ווייסע סופיטן און ווענט, האָבן זיך אריינגעריסן די פרויען אין שווארצן. מיט זיי איז אריינגעפלויגן אין די פּאַלאַטעס און זאלן — די גאסן־משוגעת, און פאראויס פאר זיי, איבער זיי, האָבן זיך, פארצעגפאכט דורך דער רחבות פון די קאָרידאָרן, געטראָגן מארטא בירמאנס יללות פול מיט טרערן:

— איך גע־דע־ענק, אַלבערט! כ׳געדענק!

און דערנאָך:

— אָט דאָ, ווייבער, איז געלעגן מיין מאן, מיין מאן!

און ווייטער:

— איך גע־דענק, אַלבערט, איך געדענק!

דעמאָלט האָבן זיך מיט די פרויענזיפצן צונויפגעמישט ברייטע מענערשע שטימען:

— טראָגט אונז ארויס אויפן גאַס!

— ווייזט אונז פאר מענטשן!

— טראָגט מיך אין פּאָטעל, זאָל מען זעען, וואָס איז אזוינס מלחמה! אָט, אָט, זעט, וואָס איז אזוינס מלחמה!

— נעמט אַלעמען, ווען מען קען אויפהייבן פון בעט!

און עפּעס א פארזעעניש אויף דארע פיס, ארומגעוויקלט מיט בינטן, האָט געגוואַלדעוועט דורך דער שווארצער לאָך, וואָס האָט געלויערט דורך דער מארלע דאָרטן, וואו ס׳האָט באדארפט זיין דאָס מויל:

— מיך באווייזט, איך קען גיין, מיך באווייזט, איך גיי!

אין פונאַנדערגעעפנטע כאַלאַטן, אין בינטן, אין באַנדאַזשן, מיט גיפּס־איבערבינדונגען, אויף קוליעס און שטעקנס האָבן די פאַרוואונדעטע געהונקען און געשפּרונגען פון פּאַלאַטע אין פּאַלאַטע און האָבן אויסגערופן:

— ווער עס קען — אויפן פּלאַץ, אין שטאָט אריין!

— ווער עס קען — זאָל זיך אויפהייבן!

און אויף דעם דאָזיקן רוף האָבן פון פּאַלאַטע געענטפערט קרעכצן און יללות.

און אָט האָט די מחנה פרויען אויפגעהויבן, מיט אַ קוויטש און מיט אַ וואַיען, אַ פּאָטעל איבער די קעפּ און האָט זיך געלאָזן צום ארויסגאַנג. אין דעם פּאָטעל איז אויף אַ קישעלע האַלב געלעגן אַ מענטש מיט אַ דיק־פאַרבאַנדאַזשירטן הינטער־חלק. דאָס טרעפּל פון פּאָטעל איז געווען אָפן און פּוסט.

די לינקע האַנט פון דעם קאַליקן איז געהאַנגען אַ צוגעבונדענע צום האַלז. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער שוואַך געפּאַכט און האָט דאָ באַוויזן אויף זיין גוף, וואָס איז געוואָרן דיק פון דעם באַנדאַזש, דאָ געדראָט עמעצן אין דער לופטן.

פאַר דעם פאַסאַד פון שפּיטאָל האָט זיך די פּראָצעסיע לאַנג געוויגט און איז געוואָרן אַרומגעוואַקסן פון אַ המון. די פרויען האָבן ארויסגעקייקלט אויפן גאַס די פּאָטעלן, די וועגעלעך און די שטולן, האָבן אריינגעזעצט אין זיי די פאַרוואונדעטע, און די פאַרוואונדעטע האָבן געפּאָכט מיט די קוליעס און האָבן עפּעס געשריען מיט ניט געהערטע כריפּעניש. אַ יונגער סאָלדאַט האָט, אַראָפּ־ווארפנדיק פון איין אַקסל דעם מונדיר, אויפגעהויבן די מיט ניקל און לאַק בלאַנקענדיקע האַנט, און באַלד נאָך אים האָבן די פאַרוואונדעטע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָן דער הילף פון די פרויען, אַנטבלויזט די שטאָלענע, קאַרטאָנענע, לעדערנע הענט, און די פּאַטענטן האָבן גענומען קלאַפּן, סקריפּען, נאָגן אין הארצן מיט זייערע ספּרוזשינעס און הייבערס.

און דעמאָלט האָט דער המון זיך צעוואָיעט מיט אַ ווילדן פאַרשיידנשטימיקן געוואַי, האָט אויפגעהויבן די קאַליקעס אויף

די פּלייצעס, מיט די פּאַטעלן, שטולן, טראַגבעטלעך און פּראַטעזן אין די הענט, און האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דער ביסמאַרק־אַליע, און ווייטער איבערן גאַס, פאַרביי דעם בית־עולם, און ווייטער, אויף דעם ראַטהויז־פּלאַץ.

און פאַראויס פאַר דעם המון איז געגאַנגען די אַלמנה נאָך דעם קאַוואַליער פון דעם אייזערנעם קרייץ מאַרטע בירמאַן פון טייפּעלסמיל מיט דעם קרעפּענעם וואַואַל, וואָס האָט געפלאַטערט פון ווינט, אַזוי ווי אַ פלאַג.

* * *

דאָס איז געווען אַ מאָדנער טאָג.

די „בישאָפסבערגער מאַרגנצייטונג" האָט אומגעריכט פאַרלאָרן דעם שיינעם לשון, וואָס איז איר געווען אייגנשאַפטלעך, און האָט מיט גרויס מי, ווי אַ שטאַרק שטאַמלענדיקער מענטש, עפּעס גענומען שטאַמלען וועגן די אויפרודערונגען אין דער אימפּערישער רעזידענץ. דער רעדאַקטאָר האָט זיך היים אַרויסגעזאָגט פאַר דער נייטיקייט צו העכערן דעם פּאָסט־טאַריף, און דער פעליעטאָניסט האָט באַשריבן די העראָישע פאַרטיידיקונג פון קאַמערון דורך דעם קאָלאָניאַלן חייל. דער איבעריקער טייל נומער איז געווען אָנגעפילט מיט געטלעכע נאַרישקייטן.

די פרוי אורבאַך, וואָס איז מיד געוואָרן פון דער פרימאָרגנדיקער וואַוילטועריי (אין די פרימאָרגנס פלעגט זי פּאַקן פּאַקעטלעך מיט ציגאַרן פאַר די קראַנקע און פאַרוואונדעטע), האָט זיך צוגעזעצט לעבן פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן פּלאַץ. אַרום אַ זייגער צוויי האָט זיך דער עולם גענומען קלייבן פאַר דעם ראַטהויז, און די יינגלעך זיינען אַרויפגעקראָכן אויף די אַרויסשטאַרצן פון דעם בנין, אויף די לאַמטערנעס און טראַמוואַי־סלופּעס. פרוי אורבאַך האָט געפרעגט ביי דער דינסט, וואָס איז די סיבה פון אַזאַ אויפלעבונג, און אַזוי ווי די דינסט האָט קיין זאַך ניט געוואוסט, האָט זי באַשלאָסן:

— מסתמא עפּעס אַ ניצחון.

און האָט אומצופרידן באַמערקט:

— שטענדיק די זעלבע געשיכטע: די מאַכט דערוויסט זיך וועגן די געשעענישן שפּעטער פאַר אַלעמען. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה האָט דאָס ראַטהויז קיין איינמאָל ניט אַרויס־געהאַנגען די פאָנעס באַצייטנס.

דער פּלאַץ האָט זיך גלייכמעסיק אָנגעפילט מיט עולם, וואָס האָט זיך געשאָטן פון אַלע זייטן, דורך טירן און טויערן. דער המון איז געוואָרן געדיכט, און די מענטשן האָבן זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צו דער גאַס, וועלכע פרוי אורבאַך האָט ניט געזען.

אַלץ, וואָס איז דערנאָך פאָרגעקומען, האָט זיך פונאַנדער־געוויקלט מיט אַ וואונדערלעכער, כמעט אומגלויבלעכער שנעלקייט.

פון ערגעץ איז אָנגעלאָפן אַ קליינע מחנה צייטונגס-פאַר־קויפער, האָט זיך צעשאָטן איבער דעם פּלאַץ, און די פלינקע, הילכיק-שטימיקע פאַרקויפער האָבן גענומען אַרומנישטערן צווישן דעם המון. דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן. קליינינקע ווייסע בלעטלעך האָבן זיך גענומען פלעסקען איבער די קעפּ און גענומען לויפן איבער די הענט. די עכאָס פון אַ פאַרשטיקטן הודיען האָבן זיך גענומען קייקלען פון איין עק פּלאַץ ביז דעם צווייטן.

פרוי אורבאַך האָט צוגערופן די דינסט:

— לויפט שנעל אַראָפּ אונטן און קויפט אַ טעלעגראַם. ס'האָט פּאַסירט עפּעס אויסערגעוויינלעכס!

און ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין, וואָס דאָס פלעגט מיט איר טרעפן זייער זעלטן:

— אפשר — אַ שלום?

אין דער זעלבער צייט האָט זיך דער המון אַ לאָז געטאָן צו דער גאַס, וואָס פרוי אורבאַך האָט ניט געזען, און אויפגעדרענגט זיך דאָרטן, האָט ער אַ פלייץ געטאָן צוריק, אונטערן דרוק פון דער געדיכטער וואַנט, וואָס איז געווען אויפגעשטעלט פון מענטש־לעכע קערפּערס. אויבן איבער דער דאָזיקער וואַנט האָבן זיך גע־וויגט די פאָטעלן מיט די אומפאַרשטענדלעכע שטיקער, וועלכע האָבן באַוועגט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען ענלעך צו קעפּ

און צו הענט. פלוצלונג האט זיך אלץ צונויפגעמישט אין דעם געווירבל פון פאפירענע בלעטלעך, שווארצע שטאפן, קאפעליושן, שטעקלעך און שירעמס.

אין צימער איז אריינגעלאפן די דינסט און האט דערשראָקענערהייט דערלאנגט פרוי אורבאכן א צעקנייטשט בלעטל.

אויפן בלעטל איז שווארץ אויף ווייס, אפילו ניט פשוט שווארץ, נאר בלוי־שווארץ, געשטאנען דאס װארט:

ר ע װ ו ל ו צ י ע.

און ניט ערגעץ אין רוסלאנד אדער אין כינע — װאס דאס װאלט גארניט געווען פון די אויסערגעוויינלעכע זאכן, — נאר

א י ן ד י י ט ש ל א נ ד,

װאס דאס איז שוין געווען ניט נאר אויסערגעוויינלעך, נאר אפילו

א י ב ע ר נ א ט י ר ל ע ך.

דאס סאציאל־דעמאקראטישע קליינע צייטונגל האט ארויסגעלאזן דאס דאזיקע פלוג־בלעטל.

אויף דעם רעכטן שפאלט איז געווען געמאלדן, אז דער קייזער האט זיך אפגעזאגט פון טראן און איז אנטלאפן. אויף דעם לינקן— װעגן דער פראקלאמירונג פון דער רעפובליק. אונטן האט זיך איבער ביידע שפעלטלעך געצויגן אן אויפשריפט, װאס איר באטייט איז געווען גארנישט לגבי דעם אנטלויפן פון דעם קייזער און דער פראקלאמירונג פון דער רעפובליק.

נאר די ווערטער זיינען געשפרונגען דער פרוי אורבאך אין די אויגן, און זייער באטייט האט זיך געפלאנטערט. זי האט באהעפט די שטיקלעך פון איין ידיעה מיט די אפגעריסענע ברעקלעך פון א צווייטער און מיט די אויסרופצייכנס פון א דריטער. האט זיך טאקע באקומען פונקט יענער כאאס, װאס האט באדארפט דערקלערן דאס פארגעקומענע און האט אבער ניט דערקלערט: אפגעזאגט זיך פון טראן... װאלן... רעפובליק... פארזאמלונג... סוף... גרינדונג... פליטה... שלום...

אירע אויגן האבן זיך צופעליק אפגעשטעלט אויף די שורות װעגן װאלן צום לאנדטאג, אדער צו עפעס א נייעם רייכסטאג,

אָדער צו עפּעס אַ קאָנסטיטוציאָנעלער פאַרזאַמלונג — צי דען איז עס וויכטיק? אין דעם דאָזיקן צעשאָטענעם סכום ווערטער, אין דער דאָזיקער פלוידעריי האָט זי איבערגעלייענט דאָס וואָרט — אורבאַך. און ווייל זי האָט די גאַנצע צייט, וואָס דאָס בלעטל האָט ביי איר געציטערט אין האַנט, געטראַכט וועגן זיך אַליין, וועגן איר נאָמען, וועגן איר צוקונפט, האָט זי פּלוצלונג אָנגעהויבן ניט נאָר זען, נאָר אויך פאַרשטיין. און זי האָט איבערגעלייענט מיט קאָפּ:

...צווישן די איבעריקע קאַנדידאַטורן שטעלט אַרויס אונזער קאָמיטעט אויך דעם פּאַרטיי־מיטגליד אורבאַך פון לאָושע, וואָס האָט אין משך פון צוואַנציק יאָר געשטיצט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג ניט נאָר מיט ווערטער, נאָר אויך מיט מעשים. מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן, אַז דער פּאַרטיי־מיטגליד אורבאַך, פון לאָושע, וואָס האָט זיך געזעלשאַפטלעך קיינמאָל ניט אַרויסגע־וויזן, האָט געטאָן פאַר...

פרוי אורבאַך איז אַנידערגעפאַלן אויפן אָנלען פון שטול און האָט פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן. דאָס צעקנייטשטע בלעטל האָט זיך אַרויסגעגליטשט אויפן דיל.

אָט איז די נקמה... פון איר קאָן מען זיך ניט באַוואָרענען, זי קען מען ניט פאַרקלענערן, די נקמה.

איצט, ערשט איצט, צום סוף פונם לעבן, ווערט פאַרשטענד־לעך דער דאָזיקער מענטש, ווערן פאַרשטענדלעך זיינע געהיימע פּראָיעקטן, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די שאַפעס, אין זיין פאַר־שלאָסענער ביבליאָטעק, ווערט פאַרשטענדלעך זיין אומדערקלער־לעך אוועקגיין פון שטוב. דאָס אַלץ פלעגט געטאָן ווערן הינטער פרוי אורבאַכס רוקן, אין איר הויז, אויף אירע געלט.

איצט, ערשט איצט ווערט איר טאָכטער — זיין, אורבאַכס, טאָכטער, — מאַרי, פאַרשטענדלעך מיט אירע וואולגאַרע האַנדלונ־גען, מיט דער עקשנות און מיט דעם פלעבעיִשן הפקרות. איצט קען מען שוין גלויבן די טונקעלע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך גע־

Free Public Library, Newark, N.J.

וויקלט ארום מארגן. אויף דער דאָזיקער פאַסקודנער מיידל קען מען זיך אַלץ ריכטן. זי איז דאָך — אורבאַכס טאָכטער! זי פאַרמאָגט ניט אין זיך קיין איין טראָפּן בלוט פון פאָן־פּריילעבן!

אָט איז אַלץ פאַרשטענדלעך! נקמה...

יאָ, דער דאָזיקער צו שאַנד געוואָרענער נאָמען — פאָן־פּריילעבן! ווי אַזוי האָט זי זיך געקענט באַשליסן צו באַשמוצן דעם כבוד און די ווערדע פון איר בכור, פון איר בן־יחיד, פון דעם לעצטן פון איר בלוט, פון איר שטאַלץ — היינריך אַדאָלף, וואָס טראָגט דעם נאָמען אורבאַך?

אנטלויפן! אנטלויפן, ווי דער קייזער... אָפּזאָגן זיך פון דעם הויז... פון אורבאַכן... דער סוף... די נקמה...

פרוי אורבאַך האָט זיך אויפגעהויבן, כדי צו הייסן איינפּאַקן די זאַכן, כדי איינצופּאַקן זיך און אוועקפאָרן. מען האָט זיך באַדאַרפט איילן. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי אַ שטאָלענע שטאַבע, האָט צורעכט געמאַכט דאָס קלייד, האָט גענומען אין האַנט אריין דאָס שטעקעלע מיט דעם גומענעם שפּיץ.

אין דעם מאָמענט איז אריין די דינסט, האָט דערלאַנגט דער פרוי אורבאַך אַ טעלעגראַמע און האָט זיך אומגעקערט אוועקצוגיין.

— וואַרט אַ ווײַלע, כ'וועל אייך באַלד דאַרפן, — האָט פרוי אורבאַך געזאָגט און, ווי אַ פּראַקטישער מענטש, האָט זי געוויינלעך אויפגעעפנט און פונאַנדערגענומען די טעלעגראַמע. איר טעקסט איז געווען אַ קורצער:

„דער אייבערלייטענאַנט היינריך־אַדאָלף אורבאַך איז דעם ערשטן נאָוועמבער געפאַלן ווי אַ העלד אין דער שלאַכט אונטער אַנקאָש.

שטאַב־אַדיוטאַנט פון פּאָלק".

פרוי אורבאַך האָט דורכגעלעבערט די טעלעגראַמע מיט די נעגל, האָט זיך לאַנגזאַם איינגעבויגן און האָט זיך אוועקגעזעצט אין פאָטעל. דערנאָך האָט זי זיך אַ ציִ געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער, גלייך עמעצער וואָלט איר אַ זעץ געטאָן פון אונטן, און האָט

אַרויסגעוואָרפן פאַראויס די קראַנקע פוס, וואָס איז געווען אָנ-געטאָן אין אַ שאַגרען־שוך.

אין אירע אויגן, וואָס זיינען געווען געווענדט צום פענ־סטער, האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשפּיגלט דער שווינדלענדיקער הור־האַ פון דעם פּלאַץ, און זי איז געבליבן אומבאַוועגלעך.

דאָס איז געווען דער המון.

* *
*

די דעמאָנסטראַציעס, וואָס די בישאָפּסבערגער פּאַראַיינען און געזעלשאַפטן האָבן איינגעאָרדנט, די דעמאָנסטראַציעס מיט לאַמפּיאָנען און אָרקעסטערס, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין שורות, ראָטעס, באַטאַליאָנען, און די קינדער האָבן מאַרשירט אַזוי ווי שפּילצייגענע פּאָלקן, און די פרויען — אין געשלאָסענע רייען, פּונקט ווי אין טורנזאַל. אָבער דאָס איז געווען דער המון.

די קינדער און די פרויען, די סאָלדאַטן און די בירגער, די קאַליקעס, די בעטלער, די מיסט־ראַמער, די אַרבעטער, די פּוצנ־מאַכערינס, וואָס זיינען אַרויסגעלאָפן פון די וואַרשטאַטן, און די פּאַרעבקעס, וואָס זיינען געקומען צו פאָרן פון די פערמעס, — האָבן זיך געטראָגן צווישן די הייזער אַזוי ווי אַ טאַליע קאָרטן, וואָס מען האָט אַוועקגעלאָזט מיטן ווינט.

איבער זיי האָט ניט געפלאַטערט קיין איין פאָן, קיין איין טרומייט האָט זיי ניט צונויפגערופן צום מאַרש, נאָר עפּעס אַן אומגעזעענע, פריילעכע און שרעקלעכע פאָן האָט זיי געצויגן איבער די פּלעצער, פּראָמענאַדעס און גאַסן.

פרידלעכע מענטשן, וואָס טויזנטער פון זיי האָבן איינע די אַנדערע גוט געקאָנט, און הונדערטער פון זיי האָבן ביי איין טיש געטרונקען זייער אינדערפריִיקן קופל ביר, — זיינען פּלוצלונג געוואָרן די נידעריקסטע באַשעפענישן, און פאַר זיי האָבן זיך גענומען פאַרהאַקן די טירן, פאַרשליסן די מאַגאַזינען, פאַרבאַ־האַלטן די מאַרק־מולטערס, די קאָשיקעס און די וועגעלעך.

עפּעס אַ יוסטער בירגער, וואָס האָט נאָך אַלץ געגלויבט אין דעם כוח פון די זאַכן, וואָס זיינען איינגעשטעלט פון קדמונים

אַן, פונקט ווי אַ טאַטע, וואָס גלויבט אין זיין מאַכט, ווען דער זון ווייזט צום ערשטן מאָל אַרויס זיין אומגעהאַרזאַמקייט, — עפּעס אַ יוסטער בירגער האָט, פאַרשלאָסן זיין טאַבאַק-געוועלבל און אויפגעהאַנגען אויף דער טיר אַ קאַרטאָן-שאַכטל מיט אַן אויפשריפט:

דאָ איז פאַרבאָטן צו מאַכן
רעוואָלוציע.

האָבן דאָך די מענטשן, וואָס האָבן זיך אויפגעכאַפּט דעם 10טן נאָוועמבער אין דער פרי, ניט געקענט אין דער אמתן אַראָפּ-גיין פון זינען! און אויב זיי האָבן זיך געיאָגט איבערן וועג און איבער די טראָטוארן אָן שום קענטיקן ציל, — איז דאָס, — נאַ־טירלעך, — געווען בלויז דערפאַר, וואָס סיי אויפן וועג, סיי אויפן טראָטואַר איז ניט געווען אָנגעשריבן:

ס׳איז פאַרבאָטן צו שטערן
דעם נאָרמאַלן גאַנג פון לעבן.

צוליב דער דאָזיקער אומפאַרזיכטיקייט פונם מוניציפּאַלי־טעט איז די גאַסנבאַוועגונג געוואָרן אַזוי דעזאָרגאַניזירט, אַז אַלע פּוסגייער האָט זי געקערעוועט אין איין ריכטונג און האָט זיי, פונקט ווי בלעטער, געטראָגן צום ציטאַדעל.

און אָט האָט זיך פאַר די אויגן פון דער מאַסע אַנטפּלעקט דער ציטאַדעל — וואָס איז געווען בייז און צעקראָכן, ווי אַן אַלטער גענעראַל. דער גרוי געוואָרענער דאַך זיינער איז געווען אָנגעכמורעט, און די טויערן זיינען געשטאַנען פאַרריגלט אויף אַלע שלעסער.

די מאַסע האָט פאַרלאַנגזאַמט איר גאַנג, די מאַסע האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט.

נאָר די פרויען האָבן אויפגעזאַמלט דעם המון, און זייערע שטימען זיינען געווען דורכדרינגלעכער פאַר דעם סיגנאַל־טרומייט.

— פרויען! דאָ באַהאַלט מען די דייטשע סאָלדאַטן וועלכע ווילן ניט גיין אויף דער פלייִשבראַקעריי!

דער סיגנאַל האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אָן דאַך פון ציטאַדעל און, אָפּשפּרינגענדיק, איז ער אַריינגעפאַלן אין דער מאַסע.

אים האָט איינגעשלונגען אַ דונערדיקער און הילכיקער באַס:

— סאָלדאַטן! דאָ זיצן אייערע פריינד!

פּאָול העניג האָט אויפגעהויבן דעם שירעם איבער זייערע קעפּ, האָט אָנגעוויזן מיט צאָרן אויף די פאַרגראַטעוועטע פענ־סטער, האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער מאַסע און איז אוועקגע־לאָפן איבערן פּלאַץ, ניט אַראָפּלאָזנדיק דעם שירעם. דעמאָלט האָט עפּעס אַ יונג סאָלדאַטל, וואָס האָט זיך אויסגעקערעוועט צו דעם המון, אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— ראָ־טע! פּאַראָויס, נאָכן קאַפּיטאַן! אין ציטאַדעל!

אויף דער דאָזיקער קאָמאַנדע זיינען פון המון אַרויסגעלאָפן סאָלדאַטן — אַ גרינע, אומגעשולטע רעקרוטן־יוגנט, מיט צעפּלאָ־סענע פּנימער פון געלעכטער. זיי האָבן זיך אַרומגעקלעפּט אַרום דעם קאָמאַנדיר, אַזוי ווי אַ זשומענדיקער קנויל, און האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די טויערן פון ציטאַדעל נאָך דעם מאַיעסטעטישן, פייערלעכן פּאָול העניג.

ס'איז געווען פריילעך צו לויפן, אַזוי ווי אַמאָל, אין דער ניט ווייטער קינדהייט ווען מען האָט אין ציטאַדעל פונאַנדער־געוואויגן דעם פּוראַזש, און דער ציטאַדעל האָט ניט געקוקט בייז אויף די קינדערשע שטיפערייען אַרום זיינע ווענט.

צוגעלאָפן צום אַריינגאַנג, האָבן די סאָלדאַטן גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן אין טויער, מיט געשרייען, מיט פייפּע־רייען און מיט געלעכטער. פון פּאָול העניגס אויגן האָבן געשפּריצט פונקען, די ברוסט האָט זיך אָפּט און הויך געהויבן. מיט אַ קאָפּ העכער פון די סאָלדאַטן, — האָט ער זיי באַקוקט כמעט מיט באַ־גייסטערונג און האָט מעטאַדיש געקלאַפּט מיטן שירעם איבערן טויער. ער איז געווען ענלעך צו אַ לערער, וואָס איז אַרומגע־רינגלט מיט הוצפּהדיקע תלמידים, — אין שוואַרצע קליידער, אַ האָריקער און אַ צאָרנדיקער צווישן די גרויע קורטקעס פון די אָנוואָנציקע פריילעכע סאָלדאַטן.

מעגלעך, אז אלע געשעענישן פארן ציטאדעל וואלטן זיך טאקע געענדיקט מיט דעם דאזיקן שילערישן סקאנדאל, ווען אין א מינוט ארום וואלט זיך ניט אויפגעמאכט דאס טירל פון טויער.

דאס איז געשען אזוי אומגעריכט, אז די סאלדאטן זיינען אפגעשפרונגען צוריק, אזוי ווי פון אן אויפרייס.

א מאסיווער אפיצירישער מאנומענט האט פארשטעלט דאס טירל.

ער האט זיך איינגעגראבן אין דער ערד מיט די קיילעכדיקע פיס, גלייך פון אויבן וואלט אים עפעס א זעץ געטאן איבער די פלייצעס, און מיט א ווייסן, וואטענעם בליק האט ער זיך איינגעשפארט אין דעם רוים איבער די סאלדאטישע דאשיקלאזע היטלען. זיין אונטערשטע קוואדראטישע קינבאק איז פלוצלונג אפגעפאלן, דער פארצויגענער בויך האט א ציטער געטאן, און א געוואי ענלעך צו א סירענע איז געבליבן הענגען איבערן פלאץ.

— אכ־טו־נג!

נאר אין דער זעלבער רגע האט זיך די פאדערשטע כוואליע פון דעם המון, וואס איז געלאפן צום ציטאדעל, ארויפגעקאלערט אויף די סאלדאטן, האט זיי אונטערגעשווענקט און זיך ארויפגעווארפן אויפן אפיציר. דער מאנומענט האט זיך ארויסגעוויזן פאר גארניט אזוי פעסט איינגעגראבן אין דער ערד: פארקוועטשט פון די מענטשן, האט ער זיך מאסיוו א קער געטאן ארום זיין אקס, און מען האט אים אפגעווארפן אן א זייט. אין דער ענגשאפט האט ער געפרואווט אפשפיליען דאס שיידל פון רעוואלווער, האט מען אים א זעץ געטאן איבער זיין האנט מיט עפעס שארפס און ער איז געווארן שווער, איז צעקראכן געווארן, און דער המון האט אים געטראטן אונטער די פיס, אזוי ווי א זאק

פאול העניג האט אנגעבויגן דעם קאפ, כדי אריינצוגיין אין טירל, ערשט אונטער אים האט זיך דורכגעגליטשט א פלינק מיידל. אונטערן דראנג פון די סאלדאטן האט ער זיך אריינגעוואלגערט נאך איר אין טירל אריין און האט תיכף דערשפירט, ווי א דינע האנט האט ארומגעכאפט זיין האלז און האט אים ארויפגעצויגן

אַראָפּ. דורך דעם וואָרטשען פון המון האָט ער דערהערט אַן אָפּ־געהאַקטע שטימע:

— הער־נאַר, העניג! מיר דאַרפן באַפרייען מסיע פערסין!

אין דער בלאַסער זיך ווינגדיקער שיין פון די פיגורן, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אין טירל, האָט ער אויפגעכאַפּט די שטריכן פון אַ באַקאַנטן מענטשן.

— פריילין מאַרי! איר, איר — דאָ?

— מ'דאַרף עפענען דעם טויער! — האָט אויסגעשריען מאַרי.

עמעצער האָט גענומען בראַזגען מיט די פאַררוקערס, עמעצער האָט גענומען שרייען: די שליסלען פון די קאַמערן! — וואו זיינען די שליסלען פון די קאַמערן? — עמעצער האָט פון ווייטן גענומען טופּען איבער די שטיין־פּלאַטן, אַנטלויפנדיק אין דער פינסטערניש. און אין דעם טירל האָבן זיך אָן אויפהער געשאָטן מענטשן, אַזוי ווי מאַטראָסן אין אַ שליופּקעלע אונטער דעם ביקסן־פייער — געשווינדטע, אָנגעבויגענע און גלייכאַרטיקע.

און אָט האָט דער טויער שווערוואַגיק אויפגעמאַכט זיינע פליגלען, און אין דעם ציטאַדעל האָט זיך צוזאַמען מיט דער שיין אַ גאַס געטאָן אַ געדיכטער ברויזנדיקער מענטשלעכער שטראָם.

די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך די ערשטע אַריינגעריסן אין ציטאַדעל, האָבן זיך ניט־ווילנדיק דורכגערוקט פאָראויס, איבער די פאַרפּלאָנטערטע טונקעלע דורכגענג פון דעם אייזערנעם קעסל. ערגעץ אין דער טיף פון דעם דאָזיקן קעסל, וואָס האָט געברויזט מיט פאַרשטיקטע קולות, איז דאָ אַרויפגעפלויגן, דאָ אַראָפּגעפאַלן אַן אייזערנער קלאַנג, גלייך מען וואָלט טיילנווייז געריסן אַ ריזיקן בונט שליסלען. דערנאָך האָט פון דער אויפגעפּראַלטער טיר אַ שפּריץ געטאָן אויפן המון מיט העלער שיין, און באַלד האָבן איינער נאָך דעם אַנדערן גענומען קלינגען די שליסלען. די קאַמערן האָבן זיך געעפנט פון אַ געניטער האַנט.

ווען פון דעם ערשטן אויפגעעפנטן שטייגל איז אומזיכער

ארויסגעגאנגען א מענטש, — האט א יונגער, ציטעריקער קול אויסגעשריען:

— הור־ררא־א!

דער המון האט מאמענטאל אויפגעכאפט דעם געשריי, און פון דער רגע אן, ביז עס האבן זיך געעפנט די קאמערן, האט זיך איבער די קארידארן און טרעפ פון דער פעסטונג אן אויפהער געקאלערט א טויזנטשטימיקער געברום:

— הור־ר־א־א!

דער המון האט זיך פארקליבן אלץ העכער און העכער, אלץ טיפער האבן אים פארפירט די געקרייצטע דורכגאנגען פון ציטא־דעל, נאר דאס פאדערשטע הייפל מענטשן, וואס האבן אפגע־שלאגן די טיר, איז צעגאנגען געווארן מיט יעדן נייעם קער־פונקט פון די קארידארן: צוזאמען מיט די באפרייטע געפאנגענע האט דאס פאלק א שטראם געטאן אויפן פלאץ.

מארי, פאול העניג און דריי־פיר סאלדאטן זיינען צוגע־גאנגען צו דעם שמאלן טעמפן ווינקל אונטערן דאך פון בנין.

דער טורמע־וועכטער האט פלינק און געוויינלעך אפגע־שפארט די טיר: די שלעסער זיינען אומעטום געווען פון איין מוסטער, נייע, אזוי ווי אלץ אין ציטאדעל, אויסער די שטיינער פון די ווענט און די דילן.

— די לעצטע, — האט דער טורמע־וועכטער געזאגט.

— איצט קענט איר בעטן, מען זאל אייך געבן מלוכה־פענסיע, — האט פאול העניג באמערקט.

— אפשר וועט איר זיך משתדל זיין פאר מיר.

מארי האט זיך איינגעקוקט אין דעם מענטשן, וואס איז געשטאנען אין מיטן קאמער.

— גייט ארויס, איר זייט פריי, — האט איינער פון די סאלדאטן אויסגעשריען.

— הור־רא! — האט אים דער צווייטער אונטערגעהאלטן.

די האַלבטונקלקייט פון דעם טעמפּן ווינקל האָט אָפּגעשניטן דעם דאָזיקן אויסגעשריי אַזוי ווי מיט אַ מעסער. דאָ איז געווען שטיל, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז די סטעליע האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט אויף די קעפּ. אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— דאָס איז ניט ער! — האָט מאַרי אויסגעשריען.

— כ'זאָג אייך, — האָט דער טורמע-וועכטער געזאָגט, — אַז אַן ארעסטאַנט מיטן נאָמען פּערסי איז ביי אונז ניט געווען.

די סאָלדאַטן האָבן אונטער די הענט אַרויסגעפירט אַ מענטשן פון קאַמער.

— פּערסי? — האָט ער פּלוצלונג שטיל געפרעגט.

— יאָ, מיר זוכן דעם בעלגיער פּערסי, וועלכן מען האָט דאָ אין דריטן יאָר אריינגעזעצט — האָט פּאָל העניג געזאָגט.

— און איך זאָג אייך, אַז ביי אונז איז ניט געווען אַזאַ! ווער קען דאָס בעסער וויסן? — האָט זיך דער טורמע-וועכטער באַליידיקט.

— דאָס איז ניט גאָר גענוי, — האָט פּונקט אַזוי שטיל אַ זאָג געטאָן דער מענטש פון דער קאַמער, — דעם בעלגישן ביר-גער מסיע פּערסי האָב איך געקאָנט. ער האָט זיך דאָ אויפגע-האַלטן אַ וואָכן צוויי, דערנאָך איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן. ער איז געווען קעגן מלחמה.

— העניג, זיי האָבן אים דערהרגעט! — האָט מאַרי אויס-געשריען.

— גאַנץ מעגלעך, — האָט דער מענטש פון קאַמער גע-זאָגט, — ער איז געווען קעגן מלחמה און, אויסער דעם, איז ער געווען אַן אויסלענדער.

— אַך, ט-טייוול! — האָט פּאָל העניג אַרויסגעבורמט.

— ס'האָט עפּעס פּאַסירט? אפשר האָט זיך געענדיקט די מלחמה?

מאַרי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דעם מענטשן פון קאַמער:

— איר — זייט עם מייסטער מייער פון נירנבערג?

אפגעוואַרט אַ ביסל, איז דער מענטש פון קאַמער אָפּגע־גאַנגען אַן אַ זייט. די טונקעלע שיין פון דעם הויכן פענסטערל, וואָס איז געווען ליניִרט דורך דער גראַטע, האָט זיך אויסגעלייגט אויף מאַרים געזיכט, און ער האָט געקוקט אויף איר פון דער קרים.

— זייער ריכטיק. איך בין — מייסטער מייער פון נירנ־בערג, דער שונא פון פאָלק. איך בין קעגן מלחמה.

— מייסטער מייער...

מאַרים שטימע האָט זיך אַ בראָך געטאָן, זי האָט, קוים וואָס מען האָט געהערט, פאַרענדיקט:

— קומט, — און האָט גענומען מייערן אונטערן אָרעם.

אין דער פינסטערניש, אין די שטיל געוואָרענע שטיינערנע לאַבירינטן האָט מייער געפרעגט:

— וואָס באַטייט עס? כ'קען אייך ניט, פרייליין.

— מיר האָט דערציילט וועגן אייך אַנדרעי סטאַרצאָוו.

— אַ רוס און אַ וואוילער קערל, — האָט פּאול העניג אַ ברום געטאָן מייערן אין קאַרק אַריין

די שיין פון גאַס האָט מייסטער מייערן פאַרבלענדט. און ער האָט — אפשר פון דער שיין, אפשר פון דער בונטער שמיי־עניש פון די מענטשן — זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז געבליבן שטיין.

פאול העניג האָט מיט גרויס פאָרזיכטיקייט פונאַנדערגע־נומען מייערס הענט.

דעמאָלט האָט ער געענטפערט:

— אַנדרעי סטאַרצאָוו, כ'געדענק. ער איז אויך געווען קעגן מלחמה?

— אָך, ער איז — אזא... ער איז אזא... — האָט מאַרי אָנגעהויבן, פאַרפּלינענדיק זיך און דריקנדיק מייערס אָרעם, — ער האָט אייך אזוי ליב געהאַט, מייסטער מייער!

ביי פאול העניגן זיינען אַרויס טרערן. ער האָט זיך פאַר־

הוסט און האָט פאַרהילכט די זינגער, וואָס האָבן פאַרצויגן אַן אומבאַקאַנט ליד.

— אַנדרעאוס — איז אַ יונג מיט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, כ'האָב אים שטענדיק פאַרשטאַנען, — האָט ער געזאָגט טיף גערירט.

מאַרי האָט אים צוגעוואָרפן אַ שמייכל פון אַ פאַרשווערערין:

— אַנדרעי וואָלט איצט געווען מיט אונז, העניג.

זי איז געשטאַנען צווישן דעם נישטערנדיקן, אומגעשטילטן המון אַ לויטערע, אַ גליקלעכע און אַ לייכטע, אַזוי ווי אַ ביימעלע.

פּאָול העניג האָט זי אויסגעמאָסטן מיט אַ שטאָלצן, אויפמונטערנדיקן בליק, האָט אויסגעשנייצט די נאָז און האָט נאָך העכער געגומען הוסטן.

— וואו וואָלט איר געוואָלט גיין, מייסטער מייער? — האָט מאַרי געפרעגט.

מייסטער מייער האָט געקוקט אויפן פּלאַץ. איבער דער אַזערע פון קעפּ, וואָס האָבן זיך געוויגט, האָט ער מיט די אַלטע אויגן דערקאַנט די אָפּגעריבענע אויפשריפט:

Bauernschenke.

ער האָט אַ קיי געטאָן מיט די ליפּן, גלייך ער וואָלט גע־וואָלט באַקוועמער פאַרבייסן מיט דער לולקע. די גראָבלעכע שטע־כיקע הערלעך פון באָרד האָבן זיך גענומען רירן, זיינען אוועק־געקראָכן אַרויף איבער די באַקן. ער האָט דורכגענומען מאַרין, פּאָול העניגן, מיט אַ שטילן וואַרעמען שמייכל, און זיינע ווער־טער זיינען געווען פּונקט אַזוי וואַרעם און שטיל:

— אויב שוין יאָ זאָגן וואָס איך וויל, וואָלט איך איצט וועלן אויסטרינקען אַ קופל טונקעלן... איצט, דוכט זיך, איז די אמתע צייט?

און ער האָט זיך צוגערירט צו דער קעשענע פון זיין גע־שטריקטער קורטקע, וואָס פון איר איז ביי אים פריער געווען דורכגעצויגן אַ קייטעלע איבערן בויך.

* * *

ס'איז געקומען די צייט צו זאָגן דעם לעצטן זיי־געזונט דער שטאָט בישאָפסבערג. ניט איינמאָל וועט ער זי נאָך דערמאָנען, נאָר מיר וועלן שוין ניט באַרירן מיט די מידע פיס אירע אויס־געוואַשענע ברוק־שטיינער, מיר וועלן מער ניט זען אירע ענגע, ווייניק־באַלעבטע גאַסן, ניט זען דאָס שלעפעריקע אויסקלינגען פון די שעהן אויף דעם ראַטהויז:

Son-ne,
Son-ne,
Son-ne!

מיר צעשיידן זיך מיט איר פול מיט טרויער, — מיט דער דאָזיקער איינציקער וויזיע פון דער ראָזער מיידל, וואָס האָט זיך אויפן פרימאָרגן אָפּגעטונקט אין טייכל.

מיר געדענקען נאָך די טישטעכלעך פון גאָזאַרטיקער שיין, וואָס זיינען געווען אויסגעבעט אַרום די גאַס-לאַמטערנעס, און די פריילינגס־שאָרכן פון דעם פּאַרק פון די זיבן סאָזשלקעס, און דעם פאַרשנייטן לאָושע־שפּיץ, וואָס האָט זיך געטרונקען אין דעם בראָסט־קאַלטן ריח פון פּעך. מיר געדענקען אַפילו די שטילע מומע מייער, וואָס פּאַסט אויף אויפן קהלשן קלאָזעט לעבן דער פּאָליציי. צי וועט זי נאָך לאַנג שטריקן איר אומפאַרענדערלעכע זאָק?

מיט ליבע לאָזן מיר איבער אין בישאָפסבערג דעם מייסטער מייער, וואָס איז געווען קעגן מלחמה. ער איז געווען דער לעצ־טער, וועמען מסיע פערסי האָט אָוועקגעשענקט זיין קורצן גע־רום bonjour bonjour bonjour! אין בישאָפסבערג דונדער נאָך אַלץ, נאַטירלעך, דער באַס פון דעם קאַסיר פון דער געזעל־שאַפט „פריינד פון כאָר־געזאַנג“, פּאָול העניג. מיר ווייסן ניט, צי איז ער אַרויסגעטראָטן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי, און דעריבער ריידן מיר וועגן אים זייער איינגעהאַלטן, הגם מיר שפּירן צו אים אַ סימפּאַטיע פאַר זיין צאַרטער באַנעמונג צו די העלדן פון ראָמאַן.

נאָר לאָמיר זיין אָרנטלעך.

אונז איז גאַנץ גלייכגילטיק דער גורל פון דעם פּאָליציי־בעקרעטאַר, אפילו דער גורל פון דעם פּאָליציייִשן בנין, פּונקט ווי אונז קימערט ניט דער רעדאַקטאָר פון דער „בּישאָפּסבערגער מאָרגנצייטונג", דער פריזיר־געזעל עריך, די עלטערע שוועסטער גיימאַן, אָדער מאַיאָר בידאַו, אָדער זיין מאַיעסטעט דער זאַקסישער קיניג. דאָס זיינען אַלץ קליינינקייטן, וואָס קריכן אָן אין יעדן ראָמאַן, אַזוי ווי פליגן — אין זיסן טיי.

ס'איז אונז לייכטער צו טראַכטן, אַז איינמאָל בלויז וועט אונז אויסקומען צו ריידן וועגן דעם געהיימען סאָציאַליסט אורבאַך. מיר פילן אים ניט מיט, ווייל ער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ לאָמער אַריסטאָקראַטין, וואָס האָט געהאַט אַן אומגעזעצלעכן זון, — כדי צו העלפן דער צווייפלהאַפטער פּאָליטישער פּאַרטיי.

ענדלעך, בלויז אויס עגאָיִסטישע מאָטיוון, וואָס זיינען נוגע דער קאָמפּאָזיציע פון דעם ראָמאַן, קערן מיר זיך אום צו פרוי אורבאַך, געבאָרענע פאָן-פרייליעבן. זי איז ניט געשטאָרבן, אַ פּאַראַליז האָט זי צעבראָכן, און זי איז געלעגן אין שלאָפצימער, ווען אין אורבאַכס הויז האָט פּאַסירט דער פאַל, וואָס מיר האָבן רעזערווירט אויפן סוף פון ראָמאַן.

פאַרביי די דאָזיקע מענטשן, פאַראויס, פאַראויס!
אָבער די שטאָט!

פאַרגיב, אויב אַן אומבאַקוועם וואָרט האָט באַליידיקט דיין אייגנליבע, פאַרגיב...

דו ביסט ווערט, מען זאָל דיך באַזינגען, ווי יעדע שטאָט, וואָס אַ מענטשלעך האַנט האָט אויסגעבויט און אַ מענטשלעך האַרץ האָט ליב געקראָגן.

דו ביסט פּעסט.

אין דיר וואוינען מענטשן. דו ביסט זיי געטריי.

דו האָסט זיך אוועקגעלאָזט צוזאַמען מיט זיי זוכן נייע וועגן.

און דו האָסט ניט געמאַכט מערער טעותן, ווי רוים אָדער מאָסקווע, אָדער פּאַריז.

דו — ביסט דאָס באַשיידענע בישאָפּסבערג.
מיר אַנטבלוין פאַר דיר דעם קאָפּ. אַנטשולדיק...

* * *

דעם 10טן נאָוועמבער אינאָוונט האָט דער קנייפּע־אייגנ־טימער, דער וואָס האָט זיך געקליגט צו האַנדלען דעם גאַנצן טאָג אָן איבעררייס, גאַנץ רויק געגלעט זיינע פערצן האָר אויף דעם גלאַנציקן צוגעפּלעטשטן שאַרבן. פּונקט ווי דער טאַבאַק־הענדלער, וואָס האָט פאַרבאָטן צו מאַכן די רעוואָלוציע לעבן זיין געשעפט, האָט ער אויך געגלויבט אין דער פעסטקייט פון די עקסיסטירנדיקע זאַכן. אין זיין רעסטאָראַציע איז אַזוי ווי פריער געהאַנגען דער אווטאָגראַף פון אַטאַ פירשט פאָן ביסמאַרק, מיט וועלכן דער דייטשער קאַנצלער האָט אָפּגעדאַנקט פאַר דעם צוגעשיקטן פעסעלע שוואַרצביר. אין זיין רעסטאָראַן האָבן אַזוי ווי פריער געפּאַרשקעט די ביר־קראַנען און ס׳איז געשטאַנען אַ גוואַלטיקער טומל. אין דעם דאָזיקן טומל האָט ער זיך קנאַפּ־וואָס איינגעהערט, דאָס איז פאַר אים געווען געוויינלעך. ער האָט געשמועסט מיט די שטענ־דיקע באַזוכער פון דעם שענקל.

— כ׳האָב אים געזאָגט: וואָס האָט זיך דאָ אַזוינס, טייַ־בעלע, געביטן? אָט ביסטו אַרויס מיט איין פוס פון שפּיטאָל, האָסט אַ פּאַכע געטאָן מיט דער קוליע אַנטקעגן ראַטהויז, האָסט געסקאַנדאַלעוועט אין ציטאַדעל. און ענדלעך האָסטו זיך ווידער אומגעקערט נעכטיקן אין שפּיטאָל. און ער — יעלהט אַלץ דאָס זייַ־ניקע: וואַרט־צו, ס׳וועט נאָך אַנדערש ווערן! וואָס, זאָג איך, וועט אַנדערש ווערן? קיין פוס וועט שוין ביי דיר ניט אָפּוואַקסן?...

דער קיילעכדיקער טיש אין מיטן שענקל איז געווען פול מיט סאָלדאַטן. פאַרשוויצטע, רויטע, האָבן זיי אָפּגעשפּיליעט די קראַגנס און די קורטקעס! די שטימען זיינען געווען הייזעריקע, נאָר די סאָלדאַטן האָבן ניט אויפגעהערט צו אַמפּערן זיך.

— ווי! — האָט דראָעריש געשריען אַ געשפּרענקלטער רעק־רוט, — מיט איינמאָל זיינען דאָס די סאָלדאַטן געוואָרן איבע־ריקע? די גאַנצע זאַך ליגט אין די הענט פון דער פּאַרטיי?

— זיי וואַרטן אויף דירעקטיוון פון דער רעזידענץ...

— קיין רעזידענץ איז איצט ניטאָ!

— הורר־רר־אַ!

— ...דירעקטיוון פון דער הויפּטשטאָט, אַנדערע באַראַטן זיך אַ גאַנצן טאָג, די דריטע...

— צום טייוול מיט דער פּאַרטיי!

— ערלויבט נאָר, ערלויבט, — האָט אַ לאַנדשטורמיסט אין ברילן געקלאַפּט אין טיש.

— מען דאַרף זיך קלאָר מאַכן דעם כאַראַקטער פון דער איבערקערעניש. וואָס איז דאָס? אַ פאָלקס־אויפשטאַנד? אַ שטאַנד־רעוואָלוציע? קלאַסנקאַמף?

— אברהם האָט געבוירן יצחקן, יצחק האָט געבוירן יעקבן...

— אַ בונט פון סאָלדאַטן!

— די סאָלדאַטן ווילן שלום!

עמעצער האָט זיך אַרויסגערוקט פון ווינקל:

— ווי נאָר דעם סאָלדאַט האָט זיך פאַרוועלט שלום, האָט ער אויפגעהערט צו זיין אַ סאָלדאַט. אַ סאָלדאַט דאַרף וועלן מלחמה.

— אַווע־עק מיט דער מלחמה!

— אַ־ווע־עק!

— די זאַך איז אויף דער העלפט אָפּגעטאָן געוואָרן! — האָט עמעצנס אַ געשריי אַ שניט געטאָן, אַזוי ווי מיט מעטאַל. — דאָס ראַטהויז איז אין אונזערע הענט, דער ציטאַדעל — אויך, אומעטום זיינען צעשטעלט אונזערע פּאָסטנס. אין וואָס־זשע איז די מניעה?

דאָס שענקל איז פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן.

און אין דער דאָזיקער אויגנבליקלעכער שטילקייט האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ הויכע שטימע:

— די מניעה איז אין דער מאַכט, וואָס וועט אָנפירן מיט אייערע פּאָסטנס, מיט דעם ראַטהויז, מיט דער שטאָט. די מניעה איז אין דער מאַכט פון די סאָלדאַטן.

די קעפּ האָבן זיך אַ צי געטאָן צו דער אַרויסגאַנגס־טיר, פון־וואַנען די שטימע האָט זיך געטראָגן.

— מיר שיינט, אַז איך קאָן דאָס דאָזיקע מיידעלע, — האָט דער אייגנטימער פון דעם Baurnschenke געזאָגט און געגלעט בשעת מעשה דעם פּליך.

מאַרי איז געשטאַנען אויף אַ שטול — אַ דינע, ווי אַן אָנגעצויגענער שנור פון אַ פיילנבויגן. איר געזיכט איז געווען פאַרריסן אין דער הויך, די האָר זיינען געווען צעשויבערט, די קוים אויפגעהויבענע האַנט האָט געציטערט.

אין דעם ענגלישן זשורנאַל, וואָס איז געווען פאַרבאָטן צו לייענען אין מיס ראָנים פּאַנסיאָן, איז אַמאָל געווען אָפּגעדרוקט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ סופראַזשיסטין, וואָס האָט געהאַלטן אַ רעדע אויף אַ מיטינג אין האַיד־פּאַרק. דער סופראַזשיסטינס געזיכט איז געווען פאַררריסן אין דער הויך, די האָר האָבן זיך צעפלאָשעט, און אינגאַנצן איז זי געווען אַ שלאַנקע און אַ דינע, ווי אַ שנור פון אַ פיילנבויגן.

אָבער מאַרי, — ביי איר האָט די קוים אויפגעהויבענע האַנט געווים ניט געציטערט, און, מאַרי — ניט שוין־זשע האָט מען איצט, אין דער דאָזיקער שעה, געקענט טראַכטן וועגן די אילוס־טרירטע זשורנאַלן?

—ריכטיק!—האָט זיך ביים געשפּרענקלטן רעקרוט אַרויסגעריסן.

— מיר פאַרשטייען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דער מאַכט...— האָט דער לאַנדשטורמיסט אין די ברילן אָנגעהויבן.

נאָר תיכּף האָט ער זיך פאַרכליניעט אין דער שטיליקער כוואַליע פון די נאָכאַנאַנדיקע קרעכצן:

— סאָלדאַטן־מאַכט!

— סאָלדאַטן־ראַט!

— ראַט, ראַט!

און אויף דעם באַרג־אַראָפּ פון דער כוואַליע האָט עמעצנס אַ שטימע, וואָס האָט זיך געקאַראַפּקעט מיט די לעצטע כוחות, אויסגעבאָרכלט:

— אָבער ווי, ווי, ווי?

דעמאָלט האָט מאַרי אויפגעהויבן די האַנט ביזן אַקסל, גלייך זי וואָלט געפאַקט דאָס וואָרט, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַט אַרויסגעגליטשט פון איר, און האָט אויסגעשריען:

— ח־ב־רים! איך קום אַהער צום דריטן מאָל און הער, ווי איר טויטשעט זיך אַלץ אויף איין אָרט. מען דאַרף האַלטן טייער יעדע מינוט, מען דאַרף זיך אויפריידן. איך לייג דעריבער פאָר, מען זאָל אַריבערגיין אין אַן אַנדער לאָקאַל. ווער עס וויל נעמען אויף זיך דעם כבוד צו גרינדן אין בישאָפסבערג אַ סאָלדאַטן־ראַט — זאָל גיין נאָך מיר!

דער מויער-ברעכער פון ברוסטן, פּלייצעס און הענט האָט זי שיר ניט אַרויסגעוואָרפן. און אין דער נייער כוואַליע פון קרעכצן, פון וועלכער די פענסטער האָבן גענומען ציטערן, האָט זי בלויז אויפגעכאַפּט איין רעפרעין, אַ לאַנג־פאַרגעסענעם, אַן אויפרודערנדיקן און אַ וואָוילוינגערישן:

— עך, שיין זיינען די מיידעלעך אין זאַקסן!

עטלעכע סאָלדאַטן זיינען נעגאַנגען מיט איר ביזן שטוב. זי האָט זיי אַריינגעפירט אין פרוי אורבאַכס גאַסט־צימער, אויפן מיטן צימער האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ ברייטן טיש, האָט געבראַכט פּאַפּיר, טינט און פעדערס. זי האָט אַראָפּגענומען פון וואַנט דאָס דעמבענע ברעטל מיט די צוויי פערזן:

Wir stehen in Ost und West Wie Felsen und Eiche fest

מיט אַ שטיקל פּאַפּיר — צונויפגעדרייט אין אַ טרייבעלע און איינגעטונקט אין טינט — האָט זי אָנגעשריבן אויף דער צווייטער זייט ברעטל —

פּראָוויזאָרישער ראַט

פון די סאָלדאַטן־דעפּוטאַט

אין בישאָפסבערג.

זי איז אַראָפּ אונטן און האָט אָנגעהאַנגען דאָס ברעטל אויף דער אַריינגאַנגס־טיר, אויפן גאָס.

און ווען די פינף סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט לעבן טיש, האָבן גענומען אויסרעכענען וויפל דעפּוטאַטן דאַרפן די מיליטער־טיילן, וואָס זיינען איינגעשטאַנען אין בישאָפּסבערג, שיקן אין ראַט, איז מאַרי געשטאַנען לעבן פענסטער, אין ווינקל פון גאַסט־צימער, — אַן אומגעהערטע, אַזוי ווי אַ שאָטן.

און מיט יעדער מינוט, וואָס איז אַוועק אין דער פון היינט אַן נייער געשיכטע פון בישאָפּסבערג, זיינען די שטימען פון די סאָלדאַטן געוואָרן פעסטער, און די ווערטער — קירצער, און זייער גערדאַנק — איינפאַכער.

דעמאָלט האָט זיך די טיר לאַנגזאַם געעפנט און, אָנגעטאָן אין אַ נייעם מאַנטל, מיט אַ שטייף צונויפגעלייגטן שירעם אין האַנט, איז אין דעם גאַסט־צימער אַריינגעקומען אַ יוסטער ביר־גער. ער האָט אַראָפּגענומען דעם האַרטן הוט, האָט זיך אָפּגע־שטעלט, האָט באַקוקט די ווענט, די געזימסן, די פענסטער. דער־נאָך איז ער, מיט גלייכע טריט, צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך אָבער ניט אַוועקגעשטעלט האַרט לעבן אים, נאָר אַ ביסל ווייטער, אויף אַזאַ דיסטאַנץ, וואָס האָט ניט דערנידעריקט זיין באַשיינ־פּערלעכע ווערדע. וואו האָט ער געקוקט — האָט מען ניט גע־קענט פאַרשטיין.

— איר — זייט עס דער ראַט? — האָבן זיינע פאַרהיל־צערטע ליפּן אַרויסגערעדט.

— יאָ, — האָט מען אים געענטפערט.

— ביים ראַטהויז האָט עמעצער צעשטעלט סאָלדאַטן-פּאָסטנס. זיי פאָדערן ביי די, וואָס ווילן אַריינגיין אין ראַטהויז, אַ שײַן פון ראַט. קיינער וויים ניט אין שטאָט, וואו דער דאָזיקער ראַט געפינט זיך. כ'האָב אים געזוכט אַ גאַנצע שעה. דערפון דרינג איך, אַז דער ראַט איז ניט באַהאַוונט אין אַדמיניסטראַטיווע ענינים.

— דער ראַט האָט זיך ערשט אָרגאַניזירט.

— הייסט עס, אַז אין דער צייט, ווען מען האָט לעבן ראָט־

הויז געפּאָדערט אַ שיין, האָט נאָך אין שטאָט ניט עקסיסטירט קיין שום ראַט?

— די סאָלדאַטן ווייזן אַרויס רעוואָל׳ציאָנערע איני-ציאַטיוו.

— אָבער איר — זייט דער ראַט?

— יאָ.

— גיט מיר אַ שיין אין ראַטהויז.

די סאָלדאַטן האָבן זיך איבערגעקוקט.

דער יוסטער בירגער איז געווען אומבאַוועגלעך, און זיינע אויגן האָבן געקוקט אין אַן אומבאַקאַנטן פּונקט.

דעמאָלט האָט זיך פון פענסטער אַפּער, אין ווינקל פון גאַסט-צימער, אָפּגעריסן דער אומגעהערטער שאָטן.

— איך ווייס ווער דאָס איז, — האָט מאַרי געזאָגט, — דאָס איז — דער הער שטאָדטראַט. מיר דוכט, אַז אים דאַרף מען געבן אַ שיין, אויב ער וועט זאָגן, אַז ער דאַרף אין ראַטהויז אריין.

די פאַרהילצערטע ליפּן האָבן אַרויסגערעדט:

— ביזן ענדערן די קאָנסטיטוציע האַלט אויף די מאַכט אין שטאָט דער מוניציפּאַליטעט. אויב מען האָט די מאַכט פאַר-כאַפּט מיט גוואַלד, איז אָבער פאַר דער ווירטשאַפט נאָך פאַר-אַנטוואָרטלעך דער מוניציפּאַליטעט. כ׳מוז זיין אין ראַטהויז: איניאָוונט קוק איך דורך די פּאַפּירן פון דער ווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג.

— כ׳וועל אָנשרייבן, — האָט איין סאָלדאַט געזאָגט.

ער האָט אָפּגעריסן אַ בלעטעלע, האָט אָנגעוואָרפן עטלעכע ווערטער און האָט זיי אונטערגעשפּאַרט מיט אַ פעטער אונטער-שריפט. דער שיין האָט אַרומגעקרייזט דעם טיש און איז געוואָרן שווער פון די אונטערשריפטן. ווען די לעצטע אונטערשריפט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן, האָט איר אַווטאָר געמאָלדן:

— ס׳וואָלט גוט געווען... עפּעס אַ שטעמפּל.

— אַ שטעמפּל? — האָט מאַרי אויסגעשריען און איז אַרויסגעלאָפן פונעם גאַסט-צימער.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט, האָט זי גענומען דעם שיין און האָט מיט א הילצערנעם גריף א זעץ געטאָן מיט כוח איבערן פּאַפּירל, לינקס פון די אונטערשריפטן. אויפן שיין האָבן זיך אָפּגעדריקט פיר פיאָלעטענע ווערטער:

Ex libris

Mari Urbach

דער שטאַדטראַט האָט צוגענומען דעם שיין פון מאַריס הענט צו זיך אין קאַבינעט אריין, איז, ניט בייגנדיק זיך, צוגעגאַנגען ביזן טיר און האָט אָנגעטאָן דעם הארטן הוט.

מארי איז נאָכגעלאָפן נאָך אים, האָט אָפּט, אזוי ווי א קליין מיידעלע, געשאַרט מיט די פיס. איר האָט זיך געוועלט זען, ווי אזוי וועט ער אראָפּגיין פון די טרעפּ.

נאָר אין דעם פּאָדערצימער, הינטערן טיר, האָט זי דערזען דעם פאָטער. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער הער אורבאַך האָט געקוקט אויף איר, גלייך ער וואָלט זי ניט דערקענט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט מארי געפרעגט.

— דו ווייסט, מארי? דיין מוטער איז שווער קראַנק געוואָרן. ביי איר איז א פּאַראַליז.

מארי האָט געשוויגן.

— און דיין ברודער איז דערהרגעט געוואָרן אויף דער מלחמה...

— יאָ, — האָט מארי געענטפערט, — ווען דעם האָט מיר דערציילט די דינסט.

א רגע איז זי געשטאַנען אומבאַוועגלעך, דערנאָך האָט זי זיך אומגעקערט, איז אריינגעגאַנגען אין גאַסט־צימער און האָט פעסט פארמאַכט די טיר הינטער זיך.

דאָס פאָלק פון פינישן שטאָם

אָט זיינען די פראַגמענטן פון דעם טאָגבוך פון דעם אייבער־לייטענאַנט פון דער זאַקסישער ארמיי פאָן צור מילען שטאַט.

וואָס ער האָט געפירט אין געפאַנגענשאַפט. דאָס צעשאָטענע העפט מיט די נאָטיצן האָט מען געפונען אין אַ סך יאָרן אַרום נאָך די סעמידאַלער געשעענישן. די שלעכטע טינט, משמעות אַליין געמאַכטע, האָט געפלייצט, דאָס פּאַפּיר האָט דורכגענעצט. ס'איז געלונגען צו רעסטאַווירן און איבערצוזעצן די אויפגעהיטע בלעטלעך כמעט בשלימות.

19טער פעברואַר.

די זוימען פון דעם קאַפּאָר־טיי, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון דער קינסטלעכער באַשטויבונג, האָבן געגעבן די ערשטע שפּראָצונגען. פרעי גייט אַרום אַ שטאָלצער און אַ גליקלעכער.

17טער פעברואַר.

היינט איז געוואָרן אַ יאָר.

קיין איין בריוו ניט באַקומען פאַר דער דאָזיקער צייט פון דער היים. כ'האָב אַלעמען געשריבן, וועמען כ'האָב געקענט געדענקען.

איצט, ווען מאַרי איז אַזוי האָפענונגסלאָז ווייט, נעמט דער גערדאַנק וועגן איר דורך מיט אַ בענקשאַפט. אויפן פראָנט איז דאָס ניט געווען. פון דאָרטן האָט זיך אַלץ פאַרגעשטעלט איינפאַך: די מלחמה ענדיקט זיך, כ'קער זיך אום צוריק קיין שענאַו, כ'האָב חתונה.

איך טראַכט וועגן מיין שטאָם, וועגן זיין גורל און וועגן מיינעם, און דאָס חתונה האָבן מיט מאַרין ווערט פאַר מיר אַ נויטווענדיקייט. דאָס דאָזיקע וואונדערבאַרע וועזן האָט מיר געגעבן צו שפּירן, אַז אין אים ליגט די רעטונג פון מיין שטאָם. ביי אונז זיינען געווען פינף שטאַם־צווייגן, אַלע מענלעכע. פיר פון זיי זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן פאַר מיין לעבן, אויף מיין געדענקען. איך בין דער לעצטער. די חתונה דאַרף פאַרקומען צוליב עפּעס באַזונדערע טעמים, כדי אין דעם שטאַם זאָל ווידער אויפקומען דער ווילן צום לעבן. ביי מיר איז איצט אַ ווילן צו פאַרענדיקן דאָס לעבן. איך זע ניט, צו וואָס זאָל איך לעבן. די בילדער?

און וואָס ווייטער? דאָס איז אַלץ אין מיר, אין דעם דאָזיקן שטיקל לעבן, וואָס איז פאַר מיר באַשטימט. איך דאַרף וועלן, אַז אין דער צוקונפט זאָל זיך פאַר מיר אויסשפּרייטן די יאָרהונדערטן פּונקט אַזוי, ווי זיי ליגן הינטער מיר אין דער פאַרגאַנגענהייט. איך מוז זיך וועלן איבערחזרן.

פרעי הערט ניט אויף צו ריידן וועגן פיזיאָלאָגיע. מיר איז ניט באַקוועם צו טראַכטן וועגן מאַריען, ווען אין מוח באַמבלען זיך אַזעלכע טערמינען. מיינע עלטער־זיידעס האָבן תחילת געליבט לויטן רעכט פון דער חתונה־נאַכט, און דערנאָך — פאַר געלט. ס׳איז אַ ספק, צי האָט עמעצער פון זיי ליב געהאַט זיין אייגענע פרוי. די פרויען זיינען געווען אָן אַ זייט, אויף זיי זיינען געלעגן די פליכטן פון ווייטער פירן דעם שטאַם. דער שטאַם איז אַנטשטאַנען אָן אַ זייט פון דעם עיקר־לעבן פון די עלטער־זיידעס. אויב זיי וואָלטן געליבט לויט דער ליניע פונעם שטאַם, וואָלט דער שטאַם געווען אַ פעסטער, און איך וואָלט אויך געלעבט מיט הונדערט יאָר פאַראויס, און וואָלט ניט פאַרענדיקט מיין אָפּגעשניטן רעשט לעבן.

אין דעם בין איך פעסט איבערצייגט.

פרעי רעדט טאַקע וועגן דעם מיט אַזעלכע ווערטער: מען דאַרף ליבן, חתונה האָבן, געבוירן קינדער, און דעמאָלט וועט במילא אַלץ ווערן פאַרשטענדלעך.

מאַרי טראָגט אין זיך דעם ווילן צו איבערחזרונג, צו פאָרט־זעצונג. איך פאַרמאַך די אויגן און זע זי, ווען זי איז דאָס לעצטע מאָל געווען אין שענאָ. איך בין גרייט צו שרייען, — אַזוי רייצט עס מיך.

30סטער אַפּריל.

אין לאַגער האָט מען געמאָלדן, אַז מיר קענען זיך אומגע־שטערט באַזעצן אין די דערפער און פאַרדינגען זיך ביי די פויערים לויט אַן אָפּמאַך.

...ס׳איז געקומען צו פאָרן עפּעס אַ סאָלדאַט פון שטאָט, מען

האָט געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג. דער סאָלדאַט האָט גערעדט וועגן שלום און וועגן דעם, אַז אין רוסלאַנד איז כלומרשט...

16טער יוני.

ניט די מאַכט, נאַטירלעך, האַלט אונז דאָ. ס'איז שוין לאַנג ניטאָ קיין מאַכט. עס האַלטן די וועגן, וועלכע מען קען ניט דורכגיין. פּרעי איז מרה־שחורהדיק. ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין פּיטשעור, האָט זיך פון וואָגן אַראָפּגעקייקלט אַ קעסטל מיט אַ הערבאַריום און איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן ראָד. מער ווי הונדערטט בויגן הערבאַריום איז צעריבן און צעבראָכן געוואָרן. פּרעי האָט צעשלאָגן דעם מאָרדווינישן קוטשער, איך האָב מיט קיין זאַך ניט געקענט...

...זיבן־און־דרייסיק וויאָרסט (40 קילאָמעטער) ביז סעמידאַל. אין פאַרגלייך מיט דעם לאַגער איז עס נעענטער אויף דריי־און־צוואַנציק וויאָרסט, אָבער פון דעם ווערט ניט לייכטער. פון שטאָט קען מען ניט אַרויספאָרן, די צוגן גייען ניט. וועגן אויסטוישן האָט קיינער קיין זאַך ניט געהערט און מען ווייס ניט, וואוהין מען וועט שיקן די געפאַנגענע. מען זאָגט, אַז דאָרטן האָבן זיך אויפגעזאַמלט איבער טויזנט מענטשן און מען לעבט פון נדבות. איך לעב אויך פון נדבות. פּרעי געפינט, אַז מען דאַרף זיך נעענטער צוקוקן צו די מאָרדווינער. אין זיי ליגט אונזער רעטונג. רעטונג?

...קיין אייין געדרוקטע שורה ניט געזען. פּרעי האָט אוועקגעוואָרפן זיין מאָרפאָלאָגיע, די גאַנצע צייט שווייגט ער.

נעכטן איז געקומען צו פאָרן קיין פּיטשעור די פּראָוויאַנט־עקספּעדיציע. אויף מאָרגן איז באַשטימט אַ פאַרזאַמלונג פון דאָרף, מען וועט זאַמלען ברויט פאַר די שטעט. די מאָרדווינער האָבן זיך אויף טויט דערשראָקן און זיך באַהאַלטן אין די באַטעס.

28סטער יוני.

די מאָרדווינער באַציען זיך צו מיר מיט אומפאַרשטענדלעכער אַכטונג. נעכטן איז געקומען צו גיין אַ מאָרדווינישע כישופ־

מאַכעריין, האָט געבראַכט מילך און האָט מיר גערופן אויף זייער געצנדינערישער גאָט־דינסט. אוועקגייענדיק האָט זי זיך טיף פאַרנייגט. פרעי האָט געבעטן פאַרשרייבן:

קאַרין־פּאַז — איז דער וואַלד־גאָט, דער באַשיצער פון דעם לינדנבוים און פון די ביימער־קאָרע, פון וועלכע מען פלעכט פּאַסטעלעס.

קאַלמאַ־אַזיר־אַווא — איז די באַשיצערין פון בית־עלמין, די היטערין פון די בית־עלמין־טויערן.

יורטאַווא — איז די געטין פון דעם היים־ווינקל; זי איז א גילגול, אַמאָל פון א קאַץ, אַמאָל פון א האָז.

„אפשר וועט צוניצקומען", — האָט פרעי געזאָגט.

29סטער יוני.

מיט זונאויפגאַנג האָבן די מאָרדווינער אוועקגעפירט זייערע משפחות הינטערן דאָרף. צו אונז איז אַריין די כישופמאַכעריין. מיר זיינען אַרויס א זייגער פינף. אין וועג זיינען מיר געווען צוויי שעה מיט צען מינוט. תחילת זיינען מיר געגאַנגען מיטן פעלד, דערנאָך מיטן וואַלד, מיט די גראָבנס. די גראָבנס זיינען דאָ שרעקלעכע. ווען מען ווייס ניט דעם אָרט, קען מען לייכט פאַרבלאָנדזשען. דאָס פאָלק האָט זיך אויפגעזאַמלט אין א געדיכטן וואַלד לעבן א קוואַל, וואָס שלאָגט א האַלבן מעטער אין דער הויך. דאָס וואַסער אין קוואַל איז ניט קיין געוויינלעכס, — אַן אייזקאַלטס, א געלס פון אייזן. די שטיינער, איבער וועלכע עס פליסט דער שטראָם, זיינען באַדעקט מיט א ברוינעם שיכט, אַזוי ווי מיט ראָסט. דער קוואַל שלאָגט א גאַנצן ווינטער. דאָס פאָלק איז געזעסן משפחותווייז, יעדער הויף — ווי א רינג. אין דער טיף פון וואַלד, הינטערן קוואַל, האָבן געברענט פיר שייטערהויפנס. אין מיטן יעדער רינג זיינען געשטאַנען טעפּ מיט קאַשע, וואָס מען האָט געבראַכט פון פּיטשעור. ווען מען האָט אונז באַמערקט, איז מען געוואָרן אומרויִק, גענומען זיך אַרומקוקן. די כישופמאַכעריין האָט גענומען לויפן איבערן קרייז און עפּעס געשעפּטשעט מיט די ליפּן. נאָכדעם האָבן זיי זיך באַרויִקט, האָבן מיט צושטימונג גענומען

שאָקלען צו אונז מיט די קעפּ. פרעי האָט זיך צוגעזעצט צום קרייזל, וואו עס זיינען געווען כמעט בלויז זקנים. איך האָב זיך געזעצט לעבן אנאנד מיט זיי. באַלד איז געוואָרן שטיל. דער הויפּט-עלטסטער האָט פירגעזאָגט אַ תפילה לעבן קוואַל. די עלטסטע פון יעדן קרייזל האָבן נאָך איר נאָכגעזאָגט. דערנאָך האָט מען פון דער טיף פון וואַלד אַרויסגעפירט פיר לעמער. די עלטסטע זיינען אוועק צו די שייטערהויפנס און האָבן גענומען זינגען זייערע באַשוועֿרונגען. דערנאָך האָט מען געשאָכטן די לעמער, אַראָפּגעשונדן די פעל, אַרומגעזעצט זיך אַרום די שייטערהויפנס און גענומען בראָטן דאָס פלייש. דער הויפּט־עלטסטער האָט ניט אויפגעהערט צו זאָגן די תפילות. דערווייל איז געקומען אַ רוסישער גלח. מען האָט אים אַנטפאַנגען מיט כבוד. ער איז, קענטיק, געווען צופרידן, האָט תיכף פונאַנדערגעבונדן זיין פּעקעלע, האָט אָנגעטאָן די ברייטע גאָלדענע גלחישע קליידער און איז צוגעטראָטן אָפּצוריכטן די רוסישע גאָטס-דינסט, באַלד נאָכדעם ווי דער עלטסטער פון די מאָרדווינער האָט אים געזאָגט, אַז דער מאָרדווינישער ריטואַל איז געענדיקט. די צערעמאָניעלע אונטערשיידן צווישן דער רוסישער גאָטס-דינסט און דער געצנדינערשער — זיינען אומבאַדייטנדיקע. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער טיפּ פון אַ מיסיאָנער — אַ רוסישער פּאָפּ, וואָס האָט זיך פרידלעך איינגעלעבט מיט דער געצנדינעריי.

פרעי האָט מיר דערציילט, אַז דער פּאָפּ האָט, פּונקט ווי דער מאָרדווינישער עלטסטער, מתפּלל געווען אויף רעגן און אויף וואוילשטאַנד. פרעי רעדט רוסיש ניט בעסער פאַר די מאָרדווינער, זיינע דערקלערונגען זיינען קאָמיש, נאָר מען פאַרשטייט אים אויסגעצייכנט. נאָכן ענדיקן די צערעמאָניעס האָט מען דאָס פלייש צעטיילט צווישן די משפּחות. אין ליימענע שאָלן האָט מען פונאַנדערגעגאָסן פּורע — אַ פאַרשיכורנדיקע משקה, אויסגעקאָכט אין האָניק. דער ערשטער האָט אויסגעטרונקען דער הויפּט־עלטסטער. נאָך אים האָט מען מיר צוגעטראָגן, דערנאָך — דעם פּאָפּ. דער פּאָפּ האָט, טרינקענדיק, אַ קוק געטאָן אויף מיר און האָט אויפ־

געהויבן דאָס טעצעלע. דער פורע איז געווען זייער שטאַרק, פון די ערשטע זופּן האָב איך דערשפּירט, אַז איך בין שיכור, אפשר דער־פאַר, ווייל איך האָב אַנדערטהאַלבן יאָר קיין זאַך ניט געטרונקען. דעם פורע פלעגט מען געבן בלויז די מאַנסבּיל. אַ טייל פון דעם פלייש און די טעפּ מיט די קאַשע האָבן די פרויען אַוועקגעטראָגן מיט זיך אויף די אָפּגעצאַמטע ערטער פאַר די פיך, און דאָרטן האָט מען עס אויפגעגעסן. מיר האָבן זיך אומגעקערט אין דער סאַמע רעכטער היץ. פרעי איז געגאַנגען מיט די אַלטע לייט. איך — איינער אַליין, פאַראויס.

די גאָטס־דינסט רופט מען באַבאַן גאַשאַ.

..כ'האָב זיך שוין צוגעוויינט צו לעבן אין עפּעס אַ זיבעטן יאָרהונדערט. אין די פרימאָרגנס ברענגט מען אונז אין אַ ליימענער כלי מילך מיט ברויט. ביי אונז נעמט מען דערפאַר גאָרניט. כ'טראָג אַ לייוונטענע העמד, וואָס איז אויסגענייט מיט געלע צלמימלעך. מען זאָגט, אַז די העמד האָט אויסגענייט די פיטשעווּרער שיינ־הייט. כ'האָב זי ניט געזען. כ'האָב דאָ בכלל ניט געזען קיין שיינע. ווען דו גיסט אַ טראַכט וועגן זיי, — פאַרבלינעסטו זיך, ווי נאָר אָבער דו גיסט אַ קוק אויף אַ מאָרדווינערין — אַזוי גייט אַלץ אַוועק.

פרעי האָט דערציילט, אַז אין דאָרף האָט מען אַוועקגע־זעצט צום שפּינדל אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, זי זאָל אויסשפּי־נען אַ גראָבן פאָדעם, וואָס זאָל האַלטן אַזוי די לענג, וויפיל דער היקף פון דאָרף. מיט דעם דאָזיקן פאָדעם דאַרף זי אין האַלבער נאַכט אַרומוויקלען פיטשעווּר און אָפּצאַמען אים דערמיט פון דער מגיפה. די שפּינערין דאַרף אומבאַדינגט זיין אַ צנועה. כל־זמן זי שפּינט, לאָזט מען צו איר צו בלויז אַלטע ווייבער. אַניט וועט די פאָדעם ניט האָבן קיין כוח.

פון שטאָט האָט מען צו אונז פאַרטראָגן טיפוס.

נאָך דער דערציילונג האָט פרעי אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפן.

7טער סעפּטעמבער.

אַלץ באַוועגט זיך? ניין. אַלץ שטייט. אַרויסרייסן זיך פון דעם פאַרפּלוכטן...

...וועסט אפילו מיטן וואסער ניט צוקומען. פאַר דער גאַנצער וואָך זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען פון אונזער קאָנורע איינגאַנצן איין מאָל. געגאַנגען קלייבן טינטניסלעך אויף די דעמבעלעך. פרעי האָפט נאָך אַלץ אויף עפּעס, ער זאָגט, אַז אויב די מאָרדווינער שפּייזן אונז...

10טן נאָוועמבער

איך האָב געטראָפן רוסלאַנד אין סאַמע רעוואָלוציע. קיין אַנדער רוסלאַנד קאָן איך ניט. נאָר, ווערדליג מיר קומט אויס, איז זי קיין אַנדערע ניט געווען. איך טראַכט וועגן די מיליאָנען קילאָמעטערס, וואָס ליגן אַזוי אויסגעשפּרייט, ווי פּיטשעווּר. דער זיבעטער יאָרהונדערט. פון נאָוועמבער הייבט אָן גיין אַ שניי. די מענטשן פאַרבאַהאַלטן זיך אין די קאָנורעס, שלאָפן אָפּ אַ האַלב יאָר. אויב דאָס איז — רעוואָלוציע, איז וואָס איז געווען ביז איר? פרעי זאָגט, אַז רוסלאַנד האָבן מיר ניט געזען. ביי מיר קומט אויס — פאַרקערט. דאָס, וואָס מיר זעען, — דאָס איז רוסלאַנד: די מאָרדווינער, די שוואַרצע כוחות, שניי, וועגלאַזיקייט, שלאָף. דאָ — זיינען גראָבנס, ווייטער — ליגן סטעפּעס, נאָך ווייטער איז מדבר, אין דעם צווייטן עק — געפינען זיך וועלדער, בלאָטעס, מאָך. צווישן דער דאָזיקער פאַרוואָרלאָזטער הערלעכקייט — געפינען זיך דערפער, וואָס הייסן שטעט און, וואו־ניט־וואו, אָרעמע בילדער. די דאָזיקע שטרעקעס זיינען צוגעפּאַסט צו קאָלאָניזאַציע. רוסלאַנד דאַרף נאָך דורכגיין דעם וועג פון אויפגעקלערטער טיראַניי. דעמאָלט וועט זיך אפשר פאַר איר עפענען די צוקונפט. דאָ דאַרף מען האָבן פעאָדאַלן, ניט קיין סאָציאַליסטן (צי דאַרף מען בכלל האָבן סאָציאַליסטן?). דאָס רוסישע מאָרדווינערלאַנד, פּונקט ווי די מאָרדווינערישע רוסלאַנד, דאַרף מען צווינגען אויסצולערנען זיך פאַרנינפטיק צו אַרבעטן. קיין אַנדער מיטל צו

צווינגען צו פארזעצן קוקורוזע דארטן, וואו דער קארן ברענט אוים פון היץ, איז ניטא. אין די שטעט האט זיך שוין אנגעהויבן די מלחמה... וואס די רעוואלוציע...

...שניי, בלויז שניי. מיין גאט!

אויפגעכאפט זיך ביינאכט זייער אפגעשוואכט. ווידער מארי, א לעבעדיקע, א ווארעמע. צוליב דעם, כדי צו זען זי...

20סטן דעצעמבער

מיט דער ערשטער געלעגנהייט איז מיט דעם שליטן געקומען פון שטאט א קלאנג, אז דייטשלאנד האט כלומרשט אונטערגעשריבן א וואפנשטילשטאנד, און אז זיין מאיעסטעט דער קייסער איז אנטלאפן. וואס פאר א שטות! און וואס פאר א נישטיקע פאסקודניאקעס דארפן זיין די מענטשן, וואס האבן די דאזיקע רכילות פארשפרייט! ס'איז עקלהאפט צו טראכטן.

פרעי איז געווארן אנגעכמורעט און שווייגעוודיק ביז גאר. כ'האב אויסגערעכנט: היינט האט ער געזאגט זיבן ווערטער — גוט מארגן, שניי, יא, א גוטע נאכט. ער שלאפט שטענדיק שטארק, אן חלומות. שוין א וואך, ווי ער האט זיך ווידער ארייגעטאן אין זיין מארפאלאגיע, ער זיצט איבער דער פארגרעסער־גלאז. איך העלף אים איינפירן בלאטע־געוויקסן אין בלומענטעפ. געפרווט צייכענען מיט קויל. די קוילן ברענען די מארדווינער אפ אויסגעצייכנט. ס'איז אבער ניטא קיין פאפיר.

כ'האב זיך אפגעעסקט צוויי טעג אויפן הויף, געריינקט דעם שניי.

...אומבאוואוסט — פונוואנען. איינער פון זיי — איז פון בייערן, דער צווייטער איז א טשעך. פרעי האט איינגערעדט דעם בייערער אראפצוגיין אין שטאט אריין, כדי צו דערוויסן זיך וועגן אלץ. ער האט אים צוגעזאגט דערפאר דעם גאנצן ווינטער צו באשפייזן. דער בייער איז אוועק. פרעי האט אים באגלייט

ביז הינטערן דאָרף. איינאָוונט האָט ער זיך פּלוצלונג צערעדט און האָט ענדלעך דערציילט וועגן זיין פּלאַן, וואָס האָט מיר אויסגע־וויזן צו זיין פאַנטאַסטיש. די פּאָרויסזעצונגען זיינען פונדעסט־וועגן ריכטיק. די מאָרדווינער האָבן, מחמת זייער ווילדקייט, פאַר־שטאַנען די גאַנצע, אַזוי גערופענע רעוואָלוציע, ווי אַ נאַציאָנאַלע באַפרייונג. קיין שום באַפרייונג איז, פאַרשטייט זיך, נישט פאָרגע־קומען. די סימפּאַטיעס פון די מאָרדווינער זיינען, נאַטירלעך, אויף דער זייט פון די ניט־רוסישע פעלקער. מיר, וואָס מיר פירן מלחמה מיט די רוסן, מיר וועלן צום לייכטסטן געפינען אַ גע־מיינזאַמע שפּראַך מיט די מאָרדווינער, אָט אפילו פרעים רוסישע שפּראַך. מיר האָבן אַ געמיינזאַמען שונא. פרעי האָט באַוויזן אַ סך אויפצוטאָן. ניט אומזיסט טאַקע שפּייזט מען אונז, און איך פאַר־שטיי איצט, פאַרוואָס די מאָרדווינער קוקן אויף אונז מיט יראת-הכבוד. פּיטשעור איז גרייט. ווען מען זאָל דערציילן מאַרין, וואָלט זי ניט געגלויבט. דאָס איז פון „טויזנט און איין נאַכט". בראַוואָ, פרעי.

סילוועסטער-אָוונט.

פאַראיאָרן האָט פרעי אויפגעגעבן אַ רעטעניש אין לאַגער, וואו און ווי וועלן מיר באַגעגענען דאָס נייע 1919 יאָר. וואו — האָבן מיר כמעט געטראָפן: פון לאַגער זיינען מיר אַוועק אויף פיר־און־צוואַנציק קילאָמעטער און זיינען אַזוי ווי פריער געווען אָפּגעטיילט פון דער וועלט מיט אַ שנייאיקן מדבר. אָבער ווי אַזוי האָבן מיר געקענט טראַכטן, אַז אונזער לאַנד דערוואַרט אַזאַ חרפּה! דייטשלאַנד, פאָטערלאַנד! וועלכע כוחות האָבן דיך געקענט צע-ברעכן?

איינאָוונט האָט זיך פון סעמידאַל אומגעקערט דער בייער. דאָס איז אמת, אַז זיין מאַיעסטעט דער קייזער האָט פאַרלאָזן דאָס פאָטערלאַנד. דייטשלאַנד — איז אַ רעפּובליק. ביי דער מאַכט — שטייט אַ באַנדע פון עפּעס אומבאַוואוסטע פּאַרלאַמענטאַריער. דער וואָפנשטילשטאַנד איז אַ חרפּה. די אַרמיי, דער פלאָט, דער אָפיצערן־קאָרפּוס — האָבן זיך געלאָזט אונטערוואַרפן אונטער

דעם חסד פון שונא. זיין מאַיעסטעט דער קיניג פון זאַקסן... ניין, איך קען ניט! פרעי, דער אייזערנער, דער אומבייגעוודיקער פרעי, האָט געיאָמערט...

...טויט — דאָס איז אונזער איינציק וואָרט. מיר האָבן זיך געשוואָרן ארום ניי־יאָר — איך, פרעי, דער בייערער און דער טשעך — זיך געשוואָרן מיטן געווער, אַז מיר וועלן די חרפה פון אונזער פאָטערלאַנד ניט שענקען. זאָל זיין אַזוי.

דער בייערער האָט געבראַכט פון שטאָט זעקס רעוואָלווערן. פרעי האָט מיר פייערלעך איבערגעגעבן דעם בעסטן פון זיי. דער בייערער — איז אַ בראַווער, פאַרשטאַנדיקער סאָלדאַט, ער האָט דריי וואונדן, איז אַ קאַוואַלער פון אייזערנעם קרייץ. דער טשעך געפעלט מיר ניט שטאַרק, נאָר פרעי איז ערוב פאַר אים. אויסער געווער און צייטונגען, האָט דער בייערער געבראַכט פאָלגנדיקע ידיעות: אין סעמידאָל געפינט זיך דער ראַט פון די דייטשע סאָלדאַטן־באָלשעוויקעס, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַגיטאַציע צווישן די געפאַנגענע, וועלכע ער דאַרף עוואַקויִרן אַהיים. דער לאַגער פאַר די געפאַנגענע איז איבערפולט. עס ווילדעוועט טיפוס. די געפאַנגענע קומען אַלץ צו, און אָפּטראַנספּאָרטירן זיי איז כמעט אוממעגלעך, ווייל די וואַגן זיינען ניט טעטיק, און די בירגער־מלחמה איז אין רעכטן ברען. דאָס אַלץ איז גינסטיק פאַר אונז. די טשעכן רייסן זיך דורך קיין סיביר, כדי צו קומען אַהיים מיט אַן אַרומיקן וועג, אויף אַמעריקאַנישע און יאַפּאַנישע שיפן. זיי זיינען געוועזן פאַררעטער — און וועלן בלייבן פאַררעטער.

בייטאָג האָבן די מאָרדווינער געבראַכט צוויי דערהרגעטע וועלף און זיי אַוועקגעלייגט צו מיינע פיס. פרעכטיקע חיות. כ'האָב זיי צוגענומען, געהייסן אַוועקטראָגן און אָראָפּנעמען די פעל. ווען די מאָרדווינער זיינען אַוועק, האָט פרעי געדריקט מיין האַנט.

— אַזוי איז גוט, — האָט ער געזאָגט. — דו דאַרפסט געדענקען, ווער דו ביסט פאַר די דאָזיקע מענטשן.

אָ, די דאָזיקע מענטשן האָבן ביז היינט נאָך ניט פאַרלאָרן

דעם אינסטינקט פון די קריגערישע באַרבאַרן. מעגלעך, אַז אין זייערע לעגענדעס שוועבט נאָך דער שאָטן פון דעם אונגאָרישן הערשער, וואָס האָט צעמורשט די רוסישע פירשטלעך? דעם דאָזיקן אינסטיקט מעג מען אויפרייצן. סוף־כל־סוף, וועגט דער איין שטאַם פון די מאַרקגראַפן פאָן צור מילען-שענאַו אַריבער די גאַנצע פירשטלעכע געשיכטע פון דעם מאָרדווינער־לאַנד!

פרעי איז גערעכט. די גאַנצע זאַך ווענדט זיך אָן דער צייט און אָן די טערמינען.

דאָס צווייטע קאַפּיטל, וואָס קומט פאַר דעם ערשטן, ווענן ניין הונדערט ניינצן.

שבת אין סעמידאָל

אין גאַטצוקס „קירכלעכן קאַלענדאַר" האָט זיך פאַר דעם וואָרט „סעמידאָל" אויסגעלייגט אַ קעלישעק אויף אַ דינער טאַליע, און איבער אים איז געהאַנגען אַ פּאָסט־טרומייטערל.

און באמת — אין סעמידאָלער וואָקזאַל־בופעט איז אַפילו געווען ניעזשינער ראַבינע־בראַנפן, און די פּאָסט־ און טעלעגראַפן־קאָנטאָר האָט אָנגעשטעלט לויט די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען ניין באַאמטע און בריוונטרעגער.

אויף דער רוסישער רחבותדיקער טעריטאָריע ליגן צעוואָרפן אָן אַ שיעור אַזעלכע סעמידאָלן. אַלע זיינען זיי ענלעך איינע אויף די אַנדערע, אַזוי ווי הינער, און דאָס לעבן אין זיי גייט אויפן הינערשן שטייגער — פון פינסטער ביז פינסטער, פון הינער־דרענגל צוריק אויפן הינער־דרענגל.

די סעמידאָלער איינוואוינער בלאָנקען אַרום איבער די שטויביקע, ווי פערענעס ווייכע גאַסן, בלאָנקען אַרום איבער די דורכגעפוילטע פּאַנעלן, שפּייזן זיך, קוואָקטשען, פירן אויס הינדע־לעך, קוקן מיט פחד אין דער הויך, פונוואַנען עס קומען אַלע אומגליקן, און לויפן אָן אָטעם, ווי נאָר זיי דערהערן דעם קרי־גערישן פלאַטער פון אַ האַנען־פליגל. די הענער, ווי ס'איז איינ־געשטעלט, טרעטן די סעמידאָלער לייט, פּאַסן אויף אויף זייער זיטלעכקייט, שלאָגן זיך אויף טויט און לעבן פאַר זייערע הכנסות.

כדי אָפּצוטיילן דאָס פאַרגאַנגענע פון דעם איצטיקן אין סעמידראָל, דאַרף מען אָפּלעבן אין אים ניט ווייניקער פון איין מענטשלעך לעבן. אין דעם פאַל וועט דאָס באַאָבאַכטנדיקע אויג באַמערקן, אַז אויף דער מאָנאַסטיר־גאַס האָט מען אוועקגעשטעלט אַ נייעם לאַמטערן־סלופּ, און ס'איז איינגעפאַלן דאָס גערטנדל פאַרן הויז אַנטקעגן דער זעמסטווישער פאַרוואַלטונג, און מען האָט אויף דאָס ניי באַמאָלט דעם פייערלעשער־טורעם.

נאָר אויב אין דעם פרידלעכן שטילשטאַנד פון סעמידראָל וועט זיך אַריינרייסן עפּעס אַ געשעעניש, וועט עס זיך דורכטראָגן מיט אַן איבעראַשנדיקער שנעלקייט.

אַזוי ווערט דאָס גליקלעכע לעבן פון דעם עופות־הויף פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן גהינום, ווען אויף אים פליט אַריין אַ משוגענער הונט.

אונז איז שווער בייצושטיין דעם נסיון און ניט באַשרייבן די שטאָט, וואָס איז ענלעך אויף אַן עופות־הויף. וואָס קען זיין ליבער פון דער קוואַקטשעניש פון דער קוואָקע? וואָס קען זיין רירנדיקער פון דעם פּישטשען פון דעם געל־פעדערדיקן ערשט־גע־באָרענעם הינדעלע? אָדער וואָס קען זיין הערלעכער פאַרן אויס־געשריי פון דעם האָן? אָבער מיר געדענקען גוט, אַז דער דאָזיקער אידילישער הינערשטייג האָט ניט ווייניק רוסישע ראָמאַניסטן אומגעבראַכט.

אָט פאַרוואָס מיר הייבן אָן אונזער דערציילונג פון יענעם טאָג, ווען איבער דעם עופות־הויף האָבן זיך צום ערשטן מאָל צוגעקלאָערט די עכאָס פון דעם טומל, און אין דער הויך, פונ־וואַנען עס שיטן זיך אַלע אומגליקן, איז אַרויפגעפלויגן אַ פעדער, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן פון אַן עק. אינגיכן האָבן די דאָ־זיקע פעדערן זיך אויפגעקנוילט איבער סעמידראָל אין דיקע וואָלקנס, און אין פינף טעג אַרום — בלויז אין פינף טעג אַרום — איז די לופט ווידער געוואָרן דורכזיכטיק, און די צוקונפט פון סעמידראָל — קלאָר, אַזוי ווי זיין פאַרגאַנגענהייט.

* *
*

חבר גאָלאָסאָוו — איז אַ יונגער מענטש, און דאַרף מען דען נאָך זאָגן, אַז אין זיינע יאָרן איז דאָס באַוויזן זיך אין גאַס מיט אַ מיידל ניט קיין אויסגעלאַסנקייט?

נאָר חבר גאָלאָסאָוו — איז דער פּאָרזיצער פון אויס־פּירקאָם, און רופן רופט מען אים אין סעמידאַל — דער שטאָט־פּרעזידענט. פאַסט עס דען פאַר אַ שטאָט־פּרעזידענט שלעפּן זיך רק נאָך קליידלעך? און ווי בינדט זיך דאָס—דאָס באַוויזן זיך פון פּאָרזיצער פון דעם אויספּירקאָם אויפן גאַס מיט דעם גלחס טאָכ־טער ריטאָטשקע? אמת טאַקע, ריטאָטשקע איז די געשעפטספי־רערין פון אויספּירקאָם, און אַזוי אַרום איז זי צוגעשטאַנען צו דער אַרבעט. אמת טאַקע, ריטאָטשקען רופט מען חברטע טוועַ־רעצקע. אָבער די סעמידאַלער — זיינען נאַרישע מענטשן, זיינען להוט און גערן אויף רכילות, און גיי, האַק זיי אַריין אין קאָפּ, אַז סעמיאָן איוואַניטש גאָלאָסאָוו — איז אַן אַראַטאָר, אַ קאָמוניסט און אַ קעגנער פון פּריוואַט־אייגנטום — אין אַלעם איבעריקן שיידט ער זיך מיט קיין זאַך ניט אונטער פון אַ כיאַדע סעמידאַ־לער תושב, וואָס איז אַלט צוויי־און־צוואַנציק יאָר

כאַפּט זיי דער טייוול!

איבער דער שטאָט דאַרף מען גיין שנעל, צודריקן די זוילן צו די איינגעטראָטענע פּאַנעלן, צופּן און ציען די אייבערשטע ליפּ, אויפקנייטשן אַ ביסל אויפן שטערן און קוקן לפּחות אויף אַ האַלב ווייאָרסט פאָראויס. און ווען די אַנטקעגנקומענדיקע מענטשן גריסן זיך — דאַרף מען ענטפערן שנעל און קורץ:

— Здр-расте, тавриш !*

און טראָגן זיך ווייטער, קוקנדיק אויף אַ האַלב ווייאָרסט פאָרויס.

ווען ס'זאָל אָבער אויסקומען פאָרן אין אַ טאַראַנטאַס, איז ניט אַנדערש, ווי מיט פעסט פאַרקוועטשטע ציינער, מיט די הענט

---

* גוטמאָרגן, חבר.

אין די קעשענעס און איינזויגן זיך מיט די אויגן אין דעם קוטשערשן רוקן. דעמאָלט ווערט פאַר אַלעמען קלאָר, אַז דער חבר גאָלאָסאָוו איילט זיך צוליב אַ מלוכה־וויכטיקן ענין, וואָס מען קען ניט אָפּלייגן, און אַז ער פאָרט ניט אַרום אויף סאָוועטישע פערד גלאַט אין דער וועלט אַריין.

וואָס פאַר אַ מענטש דאַרף מען שוין אָבער זיין, אַז מען זאָל, זעענדיק דעם חבר גאָלאָסאָוו שבת, נאָך דער אַרבעט, אין דעם אויספּירקאָמישן טאַראַנטאַס, זייט ביי זייט לעבן דעם גלחס טאָכ־טער טווערעצקען, דאַרפן טראַכטן וועגן מלוכה־וויכטיקע אַרבעטן?

פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער ענין באַשטייט דאָ אין דער אומבאַוואוסטזיניקייט פון די סעמידאָלער בירגער, וואָס זיינען אין דעם צווייטן יאָר פון דער רעוואָלוציע נאָך אַלץ צומטיפּסטן איבערצייגט, אַז דער פרילינג איז אַ סתירה צו דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט, און די ליבע — די סאַמע עכטע, די סאַמע שמעקע־דיקע ליבע, מיט פאָרן אויף שיפלעך, מיט קורצע האַלזענישן אין די קוסטעס, מיט געזאַלצענע קושן לעבן די טויער־פאָרטקעס, — אַז דער דאָזיקער מין ליבע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אויף דעם באָל־שעוויסטישן צוזאַמענפאָר אין דער שווייץ.

אַגב, ווען די בירגער וואָלטן אַנדערש געטראַכט — איז מיט וואָס וואָלט אין סעמידאָל באַשטעטיקט געוואָרן מאַרקסנס טעזיס וועגן באַוואוסטזיניקייט?

כאַפּט זיי דער טייוול!

דער חבר גאָלאָסאָוו האָט טאַקע אַזוי געזאָגט, און האָט בעת מעשה פאַרשטעלט זיין שמייכל מיט דעם קיילעכיקן דלאָ־ניעלע:

— כאַפּט זיי דער טייוול! כ'וועל פאָרן מיט פאָקיסענען... אַנדרעי האָט זיך פאַרוואָלקנט:

— ס'זעט אויס, ווי דו וואָלסט בכיוון געוואָלט מאַכן, אַז איך זאָל בלייבן איינער אַליין...

— מיט חברטע טווערעצקען? — האָט גאָלאָסאָוו אונטער־

געכאַפּט, —שטותערייען! דו זעסט דאָך, אַז ס'קומט אַנדערש ניט אויס? און דערנאָך...

גאַלאַסאָוו האָט אַ צופּ געטאָן די אייבערשטע ליפּ:

— ...מען דאַרף זיך אויפפירן אַ ביסל ליטישער, סטאַר־צאָוו. ניט שוין־זשע באַמערקסטו ניט?

— ניט דיין עסק.

אין מיינע אינטערעסן ליגט אייגנצוהיטן די אַרבעטספעי־קייט פון דעם אויספירקאָמישן געשעפטספירער. די חברטע טווערעצקע האָט גענומען פּלאַנטערן די פּאַפּירלעך. האָב איך זי גערופן, גענומען פרעגן, די אויגן האָבן ביי איר גענומען אַרום־לויפן, און אין די אויגן — אַנדרעי סטאַרצאָוו.

— איך פאַרשטיי,—האָט אַנדרעי געזאָגט מיט אַ שמייכל,— אין דיינע יאָרן פילט מען זיך אומבאַקוועם, ווען מען פאַרליבט זיך.

— שטותערייען!

— קיין האָר אויך ניט. דו קריכסט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט. אין די שבתים זעסטו אויס, ווי מען וואָלט דיך פאַרביטן. דאָס איז ביי דיר פון דעם פאָרגעפיל פון דעם ראַנדע־וואו. דו פאַרסט דאָך נאָך היינט אין סטאַריע רוטשאַי, כדי צו...

— לאָז צורו! פאַר ווערמען האַלטסטו מיך? איך פאָר זוכן אַ לאָקאַל פאַר דעם קינדער-הויז...

— וואָס רעדסטו? פאַר דעם קינדער־הויז? אַנטקעגן ווינ־טער?

— יאָ, יאָ, פאַר אַ ווינטערדיקן קינדער־הויז, — האָט גאַ־לאַסאָוו עטוואָס אויסגעשריען, — און דערנאָך אויספרוּוון דעם נייעם מויזער.

— און דערויף דאַרף מען עס פאָרן פאַר צען וויאָרסט?

חבר גאַלאַסאָווס געזיכט איז געוואָרן פאַרגרעבט, ער האָט זיך געגרייט צו זאָגן עפּעס אַ האַרט וואָרט, נאָר זיין האַנט האָט זיך פּלוצלונג אַ צי געטאָן צום מויל, און אַן ענערגיש געלעכטערל

האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף אַנדרעיען, און ניט באַוויזן צו באַ־האַלטן זיך אין זיין דלאָניע:

— צוליב דעם פֿאַרט מען אפֿילו פֿאַר הונדערט וויאָרסט...

ער האָט זיך פּלוצלונג אַ קער געטאָן און גענומען שפּרייזן איבערן הויף, געצופּט בשעת מעשה די העמד און אַריינגעשריען אין די אָפֿענע פֿענסטער פֿונם צוויי־גאָרנדיקן הויז:

— ניאַניאַ! מיטאָג!

און אַזוי ווי שטענדיק, איז אַנדרעי פֿאַרשטאַרט געוואָרן אויף אַ מינוט ביי דעם דייטלעכן אויסגעשריי — ניאַניאַ!

אין טיר האָט זיך גאַלאָסאָוו אומגעקערט.

— הייסט עס, דו וועסט קומען?

— כ׳וועל קומען.

— נו, אָט אַזוי!

דאָס איז געווען דער גאַנצער געשפּרעך צווישן אַנדרעיען מיט גאַלאָסאָוון אויפֿן הויף פֿון דער רעדאַקציע פֿון די „סעמידאַ־לער ידיעות”.

*

*

דער אָוונט איז געווען אַ שטילער און דער הימל איז, אַ צונ־טערער, אַראָפּגעפֿאַלן הינטערן מאָנאַסטיר. דער וואָגן מיט די טרוקענע צווייגן האָט זיך אַריבערגעקאָלערט איבער דעם אַריבער־פֿאָר פֿון דער באַגליניע. דער חבר פֿאָקיסען איז געזעסן אויף שטרוי אינמיטן דעם הילצערנעם וואָגן־קויש, האָט אויסגעצויגן דעם פֿוס און געהאַלטן אויפֿן פּונקט פֿון גלייכגעוויכט אַ קינדערשן קינעמאַטאָגראַף. גאַלאָסאָוו האָט איין פֿוס אַריבערגעוואָרפֿן אי־בערן דישל, די צווייטע האָט ער אונטערגעבויגן אונטער זיך, אַזוי ווי אַן אמתער — אָ, יאָ, אַן אמתער! — געניטער קוטשער.

פֿאַר דעם זיינען זיי געשוואומען איבער די ניט איינגע־פֿאָרענע גאַסן אין אַ ברושטשענדיקער שאָלעכץ, האָבן אויסגע־גלעט פֿאַוואָליע די טרוקענע בערגלעך קויט און געשלעפּט נאָך זיך אַ פֿויל געלבלעך־דורכזיכטיק טעפּעכל שטויב.

פאקיסען האט דורך די גאלדענע ברילן שטרענג באקוקט די ברעטערדיקע הייזלעך און די האלב-צעפוילטע קונציק געמאכטע קליינע קופאלן אויף די דיקע טויער-זיילן. ביי יעדן שטוים האט ער מיט שרעק און מיט פארזיכטיקייט אויפגעהויבן איבערן קאפ דעם קינעמאטאגראף, גלייך ער וואלט געפירט סאקראמענטן. גאלאסאוו האט ביז געקנאקט מיטן צונג און האט געדרייט דעם עק פון די שטריקענע לייצעס.

און פאר די, וואס האבן ניט געקענט דעם פארזיצער אין געזיכט (און אין סעמידאל האבן זיך אויך אזעלכע געפונען), האט עס פון דער זייט אויסגעזען: אט פארן די חברים געאמעטערס אין סאנשינער וואלאסט אריין צו שניידן די ערד-חלקים. פאר די אבער, וואס האבן געוואוסט: — די אויספירקאם-לייט האבן גע-זוים אויסגעטראכט עפעס א נייע אגיטאציע פאר בייערן, אדער — היט זיך! — פאר דער פולקומער אויסגלייכונג פון דעם קרעסטיא-פאקלאנער מאדק מיטן באדן, כדי אויפצובויען עפעס א שפיל-פלאץ פאר די קינדער פון דעם פאר-שול-עלטער.

אזוי זיינען שטיל און ארטיק געשוואומען די צוויי פאר-זיצערס פארביי די פונאנדערגעעפנטע געפארבטע לאדנס, פארביי די וואסער-לייטונג-רערן, פארביי די פעסט-פארקלאפטע בשמים-געוועלבלעך, איבער די ברעכוודיקע ברעטער-בריקן און איבער די אזוי ווי פערענעס ווייכע גאסן.

שטיל און ארטיק — ביז דעם אריבערפאר איבער דעם באן-פלאנט.

און נאך אים האט דער חבר גאלאסאוו אריינגענומען די פוס אין וואגן אריין און זיך ארומגעקוקט.

פון הינטער דעם משופעדיקן אנשיט האבן ארויסגעקוקט די דעכער פון די באן-ווארשטאטן, וואס זיינען געווען קיילעכיק, אזוי ווי אויף א צירק. הינטער זיי האט זיך צוגעקלעפט צום הימל, אזוי ווי א פעסטע גרינע לאטע, דער קאטעדראל-קופאל. לעבן סאמע אריבערפאר האט הויך ארויסגעשטארצט דאס פאררויכערטע וואך-ביידל און רעכטס פון אים, פאזע דעם זאמדיקן צופוסנס פונם

ערד־אָנשיט, האָבן זיך, פּונקט ווי לאַגער־ביידלעך, געצויגן שטוסן פון פאַרקראַטעוועטע גרויע צאַמען.

ביי די זייטן וועג זיינען איינע איבער איינע געלעגן די הויל אָפּגעשאָרענע גראָדעקן פון די פעלדער. די נאָך ניט אַראָפּגענו־מענע הויך געוואַקסענע זונרויזן זיינען דאָ און דאָרטן פאַרלאָפן אין די אויסגעהוילטע פעלדער־פּאַסן און האָבן זיך צעשאָטן אין שיטערע שוואַרצגעוואָרענע זומערשפּרענקלעך.

פאָראויס האָט זיך געזען דער טונקעלער פּאַס פון סאַנשינער וואַלד.

— מיר פאָרן, פּאַקיסען?

גאַלאָסאָוו האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס היטל, האָט פונאַנדערגעשליידערט די שטרוי, האָט איין פוס אַריינ־געשטעלט אין וואָגן־קויש, און מיט דער צווייטער האָט ער זיך איינגעשפּאַרט אין דישל. פּאַקיסען האָט געריבן אונטער זיך דעם בינטל שטרוי, האָט אויסגעשטעלט די אויגן דורך די ברילן אויף גאַלאָסאָוון, האָט געזאָגט, גלייך ער וואָלט וועלן אויספרווון:

— מיר פאָרן, סיאָמאַ...

דעמאָלט האָט גאַלאָסאָוו אַ צי געגעבן די לייצעס...

פון דעם אַריבערפאָר איבער דער באַנליניע ביז דער מענגע פּרוכט־סעדער פון סאַנשינער וואָלאָסט האָט זיך דורך געדרייטע קערפּונקטן געשלענגלט דער רוטשיער שליאַך. דער קערפּונקט האָט אַן אויסבייג, דער אויסבייג — אַ שלייף, און דער שלייף לויפט ניט גלייך — בייגט זיך אום אַזוי ווי אַ דין שלענגל: מען דאַרף אַרומפאָרן יעדע גרוב, אַרומגיין דעם אַרויסשטאַרץ און אויסמיידן אַ שטיין. אָבער ניט סעמיאָן גאַלאָסאָוו קען אַרומפאָרן, אַרומ־גיין און אויסמיידן. סעמיאָן גאַלאָסאָוו האָט זיך אויסגעלערנט צו גיין גלייך, און אויפן גיין אָדער אויפן פאָרן ניט פּטרן קיין סך צייט, ווייל יעדער וועג, מעג ער זיין דער סאַמע אייראָפּעישער, אפילו דער לופט-וועג — איז אַן אומזיסט אויסברענגען פון צייט.

און צי דען צעברענט ניט דעם אָטעם, צי דען באַרוישט ניט, צעפּלאַקערט ניט דער אַנטקעגנקומענדיקער ווינט, וואָס פייפט

אין די אויערן צופט און רייסט די האָר, שמייסט, אַזוי ווי מיט בייטשן, אין דער נאַקעטער ברוסט?

די שקאַפע האָט זיך פעסט אַריינגעפּאַסט אין דעם נאָסן פּילץ פון דעם כאָמעט. דער קרייץ-רימען, וואָס איז אָנגעשנירלט מיט בלעכלעך, טאַנצט פריילעך אויף איר מיט שוויים באַדעקטן רוקן, דער קלויען קלאַפּט איבער דעם דינעם דישל, — אַזוי ווי מיט אַ האַק, און סיאָמע שמייסט נאָכאַנאַנד די דאַרע שקאַפע איבער אירע ביסטרע לענדן, גלייך מיט אַ דרעש־שטעקל, אַלץ אָפ־טער, אַלץ שטאַרקער. סיאָמעס פּיס זיינען אַזוי ווי איינגעפּאַסט מיט די פּיאַטעס אין וואָגן אריין און בעת ס'פלעגט געבן אַ שטויס, פלעגן זיי זיך בייגן ווייך אין די קנעכלעך, אַזוי ווי פּרוזשינעס. סיאָמעס העמד איז אַרויסגעשטאַרצט פון אונטערן גאַרטל, און פלאַטערט, בלעזלט זיך אין רויטע באַלן הינטערן רוקן, און די האָר זיינען פונעם ווינט אַרויפגעקערט אויפן קאַרק, אַזוי ווי מיט אַ געדיכטער קאַם.

איבער רינעס, רעדער־שפּורן, גריבער און זאַמד־בערגלעך, דאָ — ביזן וואָגן־קויש אין הויכע זונרויזן, דאָ אין אַ געלן קנויל שטויב, דורך גריבער, בערגלעך, גראָז, אַלץ גלייך און גלייך, אַנטקעגן ווינט, מיט אַ פייף, מיט אַ קנאַק, מיט אַ געשריי —

— סיאָמאַ! סיאָמקאָ, סיאָמקאָ־אָ! האַלט, טייוול, האַלט!

נאָר די לייצעס גייען, אַזוי ווי אַ הילכיקער דרעש־שטעקל איבער גרויפּן, איבער די זייטן פון דער דאַרער שקאַפע, און אָט האָט זי אַ הייב אויף געטאָן די מאָרדע, האָט אָפּגעוואָרפן מיט די ווייכע ברייטע נאָזלעכער די דוהע אויפן רוקן, און איז אַוועק אין גאַלאָפּ

- סיאָמאַ! סיאָמ־קאָ! ט־טייוול!

ניט אומזיסט האָט דער פייערלעשער-אָרדינאַנס אויסגעמאָ־טערט די שקאַפע. ניט אומזיסט איז אויף אים געווען אַ שרעק צו קוקן, ווען ער האָט ביינאַכט געוואָיעט פון אימה ניט מיט זיין קול און זיך געטראָגן מיט אַ נאַפט־פאַקעל הינטערן פּלייצע איבערן שטאָט.

— סיאָמאַ, ט־טייוול!

ניט אָפּשטעלן.

דעמאָלט האָט זיך חבר פּאַקיסען אויסגעצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון וואָגן, האָט מיטביידע הענט אויפגעהויבן דעם קינעמאַטאָגראַף און האָט פּלוצלונג מיט אַ הויכן, דורכדרינגלעכן קול, אַזוי ווי דאָס קלינגען פון אַ בלעך, גענומען זינגען אַ ליד. די ווערטער פונם ליד זיינען געווען פּשוט, אָבער אויסער פּאַקיסענען האָט זיי קיינער ניט געוואוסט. און פּונקט אַזוי פּשוט איז געווען זיין מעלאָדיע, און קיינער, אויסער פּאַקיסענען, האָט זי ניט געוואוסט.

עי, לע־לעלע,
עי, לע־לעלע,
עי, לע,
עי, לע,
עי, לע־לע.

גאַלאָסאָוו האָט אָפּגעלאָזט די לייצעס, האָט זיך צוגעזעצט מיט די פּיס אונטער זיך. ער האָט אומגעקערט דאָס קיילעכיקע, פּוכיקע געזיכט צו פּאַקיסענען און געקוקט אין הימל אַריין. אַזוי זיינען זיי נאָך געפלויגן ביי אַ וויאָרסט. די מיט שוים באַדעקטע שקאַפּע האָט זיך איינגעקאָרטשעט און זיך אויסגעצויגן, און האָט הילכיק געקלאַפּט מיט די פּאָדקעוועס איבערן דישל. דער וואָגן האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן און האָט געטראַסקעט, אַזוי ווי אַ זאַק, אָנגעפּילט מיט אייזן־ברוך.

פּאַקיסען האָט מיט דעם בלעכענעם כליפּען דורכגעשטאָכן דעם געגנט. און מען האָט ניט געקענט פאַרשטיין, צי האָט גאַלאָסאָוו געהערט דאָס ליד, אָדער ער האָט, וויגנדיק זיך אויף די קני, געטראַכט וועגן עפּעס זיינער אַ זאַך.

עי, לע־לעלע,
עי, לע־לעלע,
עי, לע,

עי, לע,

עי, לע־לעלע.

און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם אריינפאָר אין די רוטשיער סעדער און האָבן גענומען צורעכט מאַכן אויף דער שקאַפּע דעם צעווייקטן נאַסן געשפּאַן, האָט גאַלאַסאַוו גע־פרעגט:

— דאָס איז אויף פּיניש?

פּאַקיסען האָט זיך צעשמייכלט ווי אַ קינד.

דעמאָלט האָט גאַלאַסאַוו אויך אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס, ביי אייך איז עפּעס דאָ אַן אַפּערע?

פּאַקיסען האָט אַ טראַכט געטאָן און האָט דערנאָך געזאָגט פשוט:

— שוטה

* * *

די רוטשיער סעדער האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף אַ שטח פון הונדערטער מאָרגעס ערד. זיי האָבן, ארומגעשמירטע מיט ליים, זיך געטוליעט האַרט איינע צו די אַנדערע מיט די פּלויטן און דורך די פּלויטן האָבן זיי איינע די אַנדערע דערלאַנגט די האַריקע הענט פון די קאַרשנביימער און פלוימען. לעבן יעדער כאַטע איז געווען אַ סאָד, און צו יעדער סאָד האָט געפירט אַ וועג, איבער וועלכן עס האָט געקענט דורכפאָרן אַ וואָגן, רייבנדיק מיט די אַקסן איבער די ארויסשטאַרצנדיקע שטעקלעך פון פּלויט. ווען אויף די וועגן פלעגן זיך אָנטרעפן פורן, פלעגן די פּויערים נעמען קלערן, וועמען איז נעענטער צו די טויערן פון די סעדער, און האָבן גע־צויגן צוריק דאָס פערד, האָבן אריינגעטראָגן דעם וואָגן אין טויער און האָבן זיך אַזוי ארום ארויסגעפּלאָנטערט. בלויז איין וועג — אַ ברייטער, אַ טראַקט־וועג — האָט דורכגעשניטן די סעדער, און געפירט האָט ער פון די פעלדער, דורך סטאַריע רוטשאַי אין סאַנ־שינאָ.

די מענטשן האָבן דאָ געלעבט פון לאַנגע צייטן, די זיידעס און די עלטער־זיידעס האָבן דאָ געפלאַנצט דעם שוואַרצבוים און דעם קייסער־דאָרן און דעם באַרגאַמאָט, און דער ביטערער טאָראָן האָט זיך דאָ אָנגעשפּיצט מיט זיינע פאַרפּלאָנטערטע קוסטעס פון אוראַלטע צייטן.

אָנטרינקען געגנוג די הונדערט־אַקערדיקע געדיכטעניש פון עפּל, טרויבנקאַרשן, און אַלע אַנדערע גרויסע און קליינע פלאַנצן, האָט מען געקענט בלויז דורך קעגנזייטיקער ערבות, און די סעדער האָבן געלעבט אַזוי ווי ברידער. די שמאָלע וועגן צווישן די פּלויטן זיינען פון די פרילינג־טעג ביז די ערשטע האַרבסט־פרעסטלעך געלעגן אונטער בלאָטעס, און אין ערגעץ האָט זיך די נאָטער־שלאַנגען און די פרעש ניט געלעבט אַזוי פריי, ווי אויף די דאָזיקע וועגן. פון סאָד צו סאָד זיינען אין דער לופטן געוועזן דורכגעצויגן רינעס, איבער דער ערד האָבן געפּויזעט קליינע קאַנאַוועס, און אין די אוונטן, ווען עס זיינען אַנטשטילט געוואָרן די גערוישן פון דער אַרבעט, האָט אַן אייַלנדיק טריפן אויסגעקלונגען פריילעכע לידלעך און זיך געשאָטן פון די זשלויבן אויף די ביימער. הונדערטער מאָרגעס — געלאָקטע, געדיכטע, אויסגעצירטע — הונדערטער מאָרגעס, אויסגעפּוצטע מיט דער מענטשלעכער האַנט, האָבן דעמאָלט געהערט דאָס וואַסער.

גאָלאָסאָוו און פּאָקיסען זיינען מיטן טראַקט אַריינגעפאָרן אין רוטשאַי. נאָר פּאָראַוים פאַר זיי איז געלאָפן אַ סמאַרע שעפּסן, אויפגעהויבן אַ געדיכטן זייל שטויב, און מען האָט זיך געמוזט פאַרקערעווען אָן אַ זייט, אין די סעדער, כדי ניט דערשטיקט צו ווערן.

די רעדער זיינען כמעט ביז העלפט פאַרזונקען אין די רעדער־שפּורן, די פּאָדקעוועס האָבן געשליאָפּעט אין דער, אַזוי ווי קוהאַלע, צעריבענער און פעטער בלאָטע. די דוהע האָט פונאַנדער־געדרוקט דעם נאָכגיביקן געפלעכט פון די קאַרשן. אַזוי ווי ברייטע דלאָניעס האָט דאָס מיסטגראָז געפּאַטשט איבער די אָקסן. עפּעס

א רינע האָט זיך געצויגן לענג-אויס דעם וועג אויף א קלאָפּטער צען, און ביז וואַנען מען איז אַריבערגעפאָרן דעם דאָזיקן שטיקל— האָט זיך אויף דעם רוקן פון דעם פערד און אין וואָגן א גאַס געטאָן דערווייל א גרויסער קאַלטער רעגן. דאָס פערד האָט פאַרריסן די גאָמבע, האָט רוישיק אָנגעבלאָזן די זייטן, האָט זיך אָפּגעפּאָרש- קעט און איז אַוועק שטיל. גאַלאַסאָוו האָט צעריבן אויפן געזיכט די טראָפּנס וואַסער, האָט א קוק געטאָן אויף פּאַקיסענען און האָט, אַזוי ווי פאַרשעמט, געזאָגט:

— גוט...

— דעם פּאָרזיצער פון אויספּירקאָם אויף די רעכט פון א דאַטשניק? — האָט פּאַקיסען געפרעגט.

דערנאָך האָט מען געשוויגן, זיך צוגעהערט צו דעם ריזלען, צו דעם פּלעסקען און קלינגען פון די וואַסערלעך, שטרעמלעך און טראָפּנס.

אויף דער זומער-וואוינונג איז פּאַקיסענס עלטערער זון — דער שאַרפפּלייציקער, טרוקענער יונגאַטש — געקראָכן אַרום דעם קינעמאַטאָגראַף, האָט באַטאַפּט און באַרירט די שרייפלעך, די רעדלעך, האָט געדרייט דאָס הענטל. אין קיך, לעבן דעם רוסישן אויוון, האָט פּאַקיסענס ווייב געבראָכן די טרוקענע צווייגן און האָט געמורמלט א לידעלע אויף א שפּראַך, וואָס אין סטאַריע רוטשאַי האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען און קיינער האָט קיינמאָל ניט געהערט.

און אויף דעם זעלבן לשון, א שעפּעליאָווען און אומפאַר- שטענדלעכן, האָט חבר פּאַקיסען דערציילט מיט א שטילן קול זיין דריי-חדשימדיקן זון וועגן דעם, וועגן וואָס עס האָט אין סטאַריע רוטשאַי קיינער ניט געוואוסט און קיינער ניט געהערט.

וועגן דעם, אַז גיך, זייער גיך, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט זיגן און די פּאַרטיי וועט זאָגן:

— חבר פּאַקיסען, איר האָט אָפּגעדינט דער רעוואָלוציע. איצט געניסט פון אייער פרייהייט —

אַט דעמאָלט וועט ער אָפּפירן דעם קליינעם אַטטי אויף דער אַזערע כעפּאַ־יאַרווי.

— אַ, כעפּאַ־יאַרווי! אַטטי, פּיטשינקער אַטטי, דו האָסט נאָך ניט אַריינגעטעמט זיין ביטערן ריח, דו האָסט נאָך ניט געזען, ווי דער ווינט פון כעפּאַ־יאַרווי האָט אָנגעבויגן צו מזרח די מאַסטן־סאָסנעס, און דאָס פייפן פון דעם זאַמד, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון די זאַמד־בערגלעך, האָבן נאָך ניט באַרירט דיינע קליינינקע אויערלעך.

— אַ, כעפּאַ־יאַרווי! אין ערגעץ לויפט ניט אַזוי שנעל דאָס פערד, ווי איבער דעם אייז פון כעפּאַ־יאַרווי, און אין ערגעץ גליטשן זיך ניט אַזוי די שליט־שיך, ווי איבער דעם שיפּוע פון די בערג לעבן זיינע ברעגעס.

— היינט קען כעפּאַ־יאַרווי שווייגן! היינט קען ער שרייען, רעווען און פייפן, ווען דער שטורעם גייט פון די שכערן!

— און וואָס פאַר אַ וויגן, אַטטי, וואָס פאַר אַ וויגן האָבן עם די בראַווע מענטשן צעשטעלט אויפן ברעג כעפּאַ־יאַרווי — אַזעלכע הויכע, אַז דאָס האַרץ איז גרייט אַרויסצושפּרינגען פון ברוסט, ווען זיי גיבן זיך אַ טראָג איבערן וואַסער. היינט די לידער, סאַראַ לידער זינגען דאָס די מענטשן אויף די דאָזיקע וויגן אין די נעכט, ווען די לבנה קוקט אַראָפּ אויפן דעק פון כעפּאַ־יאַרווי! אַטטי, פּיטשינקער אַטטי, הער:

עי, לע־לעלע,
עי, לע־לעלע,
עי, לע,
עי, לע,
עי, לע־לע.

די הויכע, דינע געשרייען זיינען דורכגעלאָפן איבער די שפּיצן פון די עפּלביימער, האָבן זיך פאַרגראָבן אין דער טיף פון באָד און זיינען פאַרפאַלן געוואָרן. דעמאָלט האָט פּאָקיסען צוגע־

דריקט צו דער ברוסט דעם אין שפּיצן איינגעהילטן אַטטי און איז אַנטשוווּנדן געוואָרן.

דער ווייב, וואָס איז געקומען עסן געבן דעם עופעלע, האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן:

— איך האָב אים דערציילט וועגן כעפּאַ־יאַרווי.

און זי האָט זייער שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט, גע־דאַנקט:

— אַ, דו!

* * *

אין דער לופט האָט געגעבן אַ צי מיט אָקטאָבער־פרעסטלעך, נאָך דעם שטילן, פון זון אָפּגעוואַרעמטן טאָג. פון דער דאַזיקער קעלט און אויך פון דעם, וואָס ס'האָט זיך שוין געוואָלט אָפּרוען אויפן ווינטערדיקן שטייגער — אין דער שמעקעדיקער ענגשאַפט, אַרום פייער — האָט מען די פענסטער פון דער זומערוואוינונג פעסט פאַרהאַקט.

דער מיליטערישער פליער שטשעפּאָוו — אַ דאַרער מענטש, אָנגעטאָן אין אַ קאַפּטל, אין שמאָלע פאַרשנירטע שטיוול ביז די קני — איז געגאַנגען אַרום טיש. די העלדין פון סעמידאַלער טע־אַטער האָט אים נאָכגעשפּירט פון דעם ווינקל אַרויס מיט די גרויסע, מיט אַ בלייער פאַרטרייסלטע אויגן. אַלע האָבן זי גערופן מיט איר נאָמען און מיטן פאָטערס נאָמען — קלאַוודיאַ וואַסי־ליעוונאַ, — און שטשעפּאָוו האָט געחוזקט פון איר: — וואָס פאַר אַ פּאָפּולאַריטעט!

ריטע האָט זיך פאַרקליבן אויפן דיוואַן און האָט זיך ניט גערירט.

— ביי אייך איז אַ צעהיצטע פאַנטאַזיע, — האָט שטשע־פּאָוו געזאָגט און האָט אָפּגעהאַקט די ווערטער מיט קורצע טריט:— און אייער פיבערהאַפטיקייט נעמט זיך פון דעם פחד פאַר אַ טעות. וואָס פאַר אַ רעוואָלוציע איז, צום טייוול,

אין סעמידאָל? פיר אייל־פאַבריקלעך און איין מיל. דער פּראָלע־טאַריאַט?

— דו פאַרשטייסט גאָרנישט! — האָט גאָלאָסאָוו געשריען און זיך געדרייט אויפן שטול, — אונזער אויפגאַבע...

— לאָז מיך ענדיקן. אָט איר — די סאַמע פּראָנטוואָרט־לעכע באָלשעוויקעס — זייט שבת אוועקגעפאָרן פון שטאָט. איך ווייסט, ווער איז דאָרטן געבליבן? ווען מען זאָל ניט רעכענען דעם קריגסקאָם און דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר, איז בלויז געבליבן אין זיין צניעותדיקער אומבאַרירלעכקייט דער קאָמישער סעמידאָל, אייער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט איז זיך צעקראָכן צו דער נאַכט־תפילה, צו דעם שויס פון דער אַלערהייליקסטער גאָטס מוטער. אין דעם פּאַרטיי - קאָמיטעט שטריקט די דיזשורערין וואָלענע הענטשקעס. לעבן דער באַזונדער־אָפּטיילונג איז איינגעשלאָפן דער רויטאַרמייער, און דער פּאַרוואַלטער מיט דער פּאָלקס־בילדונג האָקט אין דער קאָרעטע קרויט פאַר קוילעטשן. נאָך גוט, וואָס איר דרוקט די „ידיעות“ אויף פּלאַש־פּאַפּיר. כאָטש דאָס פּאַפּיר איז שלעכט, אָבער עס קומט צו־ניץ אויף רויכערן. אָט האָט איר אייך רעוואָלוציע.

— אונזער זאַך — איז צוזוציען נייע קאַדרען...

— גיי צום טייוול מיט די דאָזיקע ווערטער! איך פרעג דיך, וואָס איז דאָ פאַר אַ קאַדרען?

— אַנטשולדיקט, — האָט זיך פּאָקיסען אריינגעמישט, — אויב איך פאַרשטיי אייך ריכטיק, זאָגט איר, אַז סעמידאָל איז קאָנטר־רעוואָלוציאָנער? נו, און די מלחמה מיט דער קאָנטר־רע־וואָלוציע איז דען ניט די זעלבע...

— אָבער וואָס איז דאָ, צום טייוול, פאַר אַ קאָנטר־רעוואָ־לוציע? אַ בלאָטע מיט פרעש, און שוין. זיי האָבן געקוואַקעט פאַר דער רעוואָלוציע און וועלן קוואַקען נאָך איר.

שטשעפּאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט צונויפגעלייגט די הענט. זיין בליק האָט געגלאַנצט פון דער פריילעכער צעלעבטקייט, דער קול — אָפּגעשליפן און עלאַסטיש.

— א קוק טאָן אויף אייך פון דער זייט — זייט איר פון די אַכציקער! כדי סיאָמע זאָל זיין מער ענלעך האָט ער זיך פאַרלאָזן אפילו די האָר. אין אָוונט האָבן מיר זיך אויפגעקליבן ביי א פריינד, מען טרינקט משקאות, וואָס זיינען ערלויבט דורכן געזעץ, די באַלעבאָסטע האַלט זיך גרויס מיט אירע שוועמלעך און מיט אירע מארינאַדן...

— אָ, אָ, אָ! — האָט פּאָקיסענס פרוי אויסגעשריען, און פון אויפרעגונג איז איר געזיכט פארשטאַרט געוואָרן מער ווי אַלע מאָל.

— און די אַכציקער באַגיסן זיך מיט שוויים אין דער פּרינציפּיעלער דיסקוסיע.

גאַלאָסאָוו איז אויפגעשפרונגען אזוי ווי פון א שטאָך. זיינע הענט האָבן גענומען טאַנצן איבערן גאַרטל. ער האָט צונויפגענומען די ברעגעס פון דער בלוזע אין פעלבעלעך הינטערן רוקן, האָט ארומגענומען דעם בויך און די זייטן, און פון הינטן האָט זיך ביי אים באַקומען א קליין עקעלע, וואָס איז אונטערגעשפרונגען פון דער קלענסטער באַוועגונג, אזוי ווי ביי א ציטער־עקל.

— שטות! — האָט ער ארויסגעברומט און האָט געגעבן א טופּע מיטן פוס. — אָט אזעלכע, ווי איר און ווי סטאַרצאָוו, אָט איר פּידט איין די פּרינציפּיעלע פּלווידעריי, ווייל איר זייט פּוילערס, צעקראָכענע נפשות. פאַר אונז איז אַלץ קלאָר, מיר ווייסן, וואָס מיר ווילן, און אין יעדער בלאָטע געפינען מיר וואָס צו טאָן. גיב אונז די סאָמע עכטע זשאַבעס, וועלן מיר פון זיי מאַכן דאָס, וואָס מיר דאַרפן. און אויב מען קען פון זיי גאָרנישט ניט מאַכן — וועלן מיר זיי פאַרניכטן, יאָ, פאַרניכטן. קיין בלאָטעס דאַרפן מיר ניט! אָט איר, די שטשעפּאָווס, די סטאַרצאָווס, איר דרייט זיך אייביק אין דעם פּרינציפּיעלן אומזין, איר ווילט אַלץ שלום מאַכן צווישן דעם אידעאַל און דערווירקלעכקייט. מיר ווייסן, אז שלום מאַכן קען מען ניט, מען קען בלויז אונטערטעניק מאַכן. מיר קוקן זיך ניט ארום, מיר שרעקן זיך ניט פאַר דעם, וואָס איר וועט וועגן אונז זאָגן, און אונז איז אַלץ איינס, ווי

אזוי מיר ווערן פאַרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע פון די שטשע־פּאָווס. פון די אַכציקער? לאַכט זיך אויס! מיר שרעקן זיך ניט צו עסן מאַרינאַד און צו פאָרן אויף אַ זומערוואַוינונג. און איר האָט אַ לעק געטאָן בלויז פון דעם טייערן איינגעמאַכטס און האָט זיך תיכף פאַרטראַכט: צי האָט גאָר אַ רעוואָלוציאָנער דאָס רעכט צו לעקן איינגעמאַכטס אין דער צייט, ווען... און ס'איז אַוועק אַ מזמור! אַט פונוואַנען עס קומט צו אייך דאָס געפיל פון הער־בערקייט! דו לאַכסט? איך זע דאָך נאָך דיין נאָז, וואָס דו טראַכסט: מיר ווייסן די סתירות, אין וועלכע די באָלשעוויקעס זיינען אריינגעפאַלן, אָבער אונזער פּרצופל איז ריין! שפּייען האָבן מיר געוואָלט אין אייער פּרצוף! טראַכט אייך וואָס איר ווילט! מירן אויסקומען אָן דער אינטעליגענץ מיט איר פּאַטענט אויף אומפעלעריהאַפטן דענקען. דאָס זיינען — ניט קיין ספּעצן, וועלכע האָבן וויסן און אַזעלכע...

גאַלאַסאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַלעמען באַטראַכט מיט אַן אָנגעכמורעטן בליק און האָט אַרויסגעברומט:

— שטותעריי! — און האָט זיך אַנידערגעזעצט.

— אַ גאַנצע דעקלאַראַציע, — האָט שטשעפּאָוו געזאָגט.

פּאַקיסען האָט צורעכט געמאַכט די ברילן.

— איר האָט נאָך ניט פאַרלאָרן דעם הומאָר, שטשעפּאָוו? צי איז עס ניט דערפאַר, וואָס גאַלאַסאָוו האָט געלאָזן אַן אָפענעם אָרט פאַר אַן אויספאַל? אויף אייער געזיכט האָט די פּריאָריטעט פון דעם אינטעליגענט אָפּגעטראָטן דעם אָרט דער פּריאָריטעט פונם ספּעץ.

— נו און איר, איר, — האָט אַנדרעי, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, פּלוצלונג גענומען שרייען, — צי דען זייט איר ניט די זעלבע אינטעליגענץ?

— צי דען ניט די זעלבע ניט־דערלערנטע סטודענטן? — האָט זיך שטשעפּאָוו אַריינגעמישט.

— זיך צעלאָזט! בלוט פון בלוט און פלייש פון פלייש! לאָז געמאַך! — האָט זיך גאַלאַסאָוו אָפּגעוועדט.

ער איז ווידער אויפגעשפרונגען, האָט זיך אָנגעכמורעט אויף שטשעפּאָוון און האָט שטילינקערהייט געפרעגט:

— ס'איז אמת, וואָס מען זאָגט, אז א לופטפליער קען ארויסלאָזן פון די הענט דעם אעראָפּלאַן אזוי, אז דער אפּאראט זאָל צעפלויגן ווערן אין אלדי העלן, און אליין זאָל ער בלייבן גאַנץ?

— אנטקעגן וואָס זאָגסטו עס?

— ניין, ניין, דו ענטפער דירעקט אויף דער פ־אַגע.

שטשעפּאָוו האָט א פיר געטאָן מיט די הענט:

— טעאָרעטיש...

— ניין, ניין, ניט טעאָרעטיש! — האָט גאָלאָסאָוו אטאַקירט.

— מיט געוויסע סיסטעמען האָט פּאסירט אזעלכע פאלן. פון דעם פאלן אויפן פליגל ווערט דער פילאָט ארויסגעוואָרפן, טיילמאָל אויף א טריט צוואנציק, די מאשין שפּארט זיך אָן אויפן פּראָפּעלער און צעבייגט אים, טיילמאָל בייגט זי אויך איין דעם צווייטן פליגל, בכלל... נאָר ס'איז דאָך קאָמיש! ארויסלאָזן דעם אפּאראט בכיוון!

שטשעפּאָוו, א הויכער, א דארער, — האָט זיך א צי געטאָן און האָט אונטערגעשפּארט מיט די פינגער פון די ביינערדיקע הענט דעם ברעטערדיקן באלקן.

— ס'איז ריזיקאליש? — האָט גאָלאָסאָוו געפרעגט און האָט באהאלטן אין דער דלאָניע דעם ניט קענטיקן געלעכטערל.

— איך פארשטיי דיך, — האָט שטשעפּאָוו טעמפּ געזאָגט. — די ריזיקע וואָלט דאָך באשטאנען ניט אזוי אין דעם בכיוונדיקן פאלן, ווי אין דער ערקלערונג, וואָס עס וואָלט געפאָדערט. אין דער קאטאסטראָפע פון דעם אעראָפּלאַן דארף זיין קלאָרקייט.

ער האָט זיך צוגעהערט צו די לעצטע ווערטער, — ווי זיי האָבן פונאנדערגעשטראָכן די לופט ביז דעם ניוואָ פון זיין קאָפּ,— און האָט איבערגעחזרט:

— אין דעם אַעראָפּלאַן־בראַך דאַרף זיין קלאָרקייט.

— אָבער דאָ, אויף הונדערט וויאָרסט אַרום, האָט דאָך קיינער, אויסער דיר, קיין השגה ניט פון אַעראָפּלאַנען, — דו קענסט דערקלערן אַן אַעראָפּלאַן־בראַך ווי דיר געפעלט, — האָט גאַלאָסאָוו געזאָגט אין דער דלאָניע אַריין.

שטשעפּאָוו האָט זיך שווער איינגעגעסן אין אים מיט די אויגן און האָט געשוויגן. אַלע זיינען פלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן אָפּגעצויגן דעם אָטעם און געקוקט ערגעץ צווישן דעם פליער און גאַלאָסאָוון.

— אָט איז אַ ביסל אומעטיק! — האָט קלאַוודיע וואַסיליעוונאַ צעשראָקן אָפּגעזיפצט.

דעמאָלט האָט זיך שטשעפּאָוס געזיכט שנעל אויסגעגלעט און אויסגעלייטערט:

— ביסט אַן אינטערעסאַנטער מענטש, סיאָמע...

גאַלאָסאָוו האָט זיך אוועקגעשטעלט, דער געפּאַלבטער עק פון זיין העמדל האָט זיך שווער אויסגעצויגן און האָט גענומען ציטערן; גאַלאָסאָוו האָט אַ טרייסל געטאָן מיט זיינע קודלעס.

— מיט אייך איז באמת אומעטיק. כ׳וועל גיין פּרווון דעם מויזער. ווער גייט מיט מיר? ריטאַ, געגאַנגען!

די חברטע טווערעצקאַ האָט שטיל אָפּגעווענדט דעם בליק אויף אַנדרעיען. ער איז געזעסן איינגעהויקערט, האָט אויסגעשפּרייט און צונויפגעצויגן דאָס קנייטשעלע צווישן די ברעמען, גלייך ער וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס נעפּלדיקס און פאַרשווינדנדיקס.

גאַלאָסאָוו האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און האָט אַרויסגעקוועטשט פון זיך מיט עקלדיקן וויי:

— אַך נו, נעמט אייער סטאַרצאָוון!

ריטאַ האָט געפרעגט:

— איר ווילט, סטאַרצאָוו?

ער האָט זיך שוויינגדיקערהייט אויפגעהויבן.

מן הסתם איז אים געווען אַלץ איינס — צי גיין ערגעץ אָדער ניט.

*
*

מיט אים פּאַסירט עס אָפט. פּלוצלונג ווערט ער אַזוי ווי טויב און דערמאָלט הערט ער נאָר דאָס, וואָס עס קומט פאָר אינעווייניק אין אים. די אָנשטערענגונגען, וואָס ער דאַרף מאַכן, כדי אין די דאָזיקע מינוטן ניט פונאַנדערצושרייען זיך פון שרעק, ענדערן אים אַזוי שטאַרק, אַז מען קען אים ניט דערקענען. זיין געזיכט קאַרטשעט זיך צונויף, אַזוי ווי פאַרמעט פון וואַסער, ער חזרט איבער עפּעס לאַנג אויסגעלערנטע באַוועגונגען, ניט באַמערקנדיק זיי, אַזוי ווי עס טרעפט מיט קאָנטוזירטע. ער וואַרפט זיך אונטער צו אַלץ, וואָס עס באַוועגט אים פון דרויסן, און ניט ער שטעלט זיך אַנטקעגן און ניט ער איז מסכים, הגם זיין באַוואוסטזיין איז ענערגיש אַזוי ווי פריער. ער קען זיך ניט אָפּרייסן פון דעם איינציקן, ניט איבערגעבלעכן, ריזיקן געדאַנק, וואָס האָט אָנוסטן פּאַראַליזירט זיין מאַרך.

ער גייט מיט דער קליינער ריטען, וואָס טוליעט זיך צו אים. זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם. און ער שפּירט מיטן אָרעם די ווייכע וואַרעמקייט פון איר ברוסט און — הינטער איר — דאָס אומרויִקע קלאַפּן פון דעם האַרצן.

גאַלאָסאָוו שפּרייזט פאָראויס און נעמט פונאַנדער מיט די הענט די אָנגעגנגטע צווייגן. די נאַכט איז געווען אַ שטאָק־פינסטערע, די קוסטעס אַרום דעם טאַראָן און די קאַרשנביימער זיינען געדיכטע און שטעכעוודיק, נאָר גאַלאָסאָוו שלאָגט זיך דורך דורכן ווילדל אַלץ פאָראויס און פאָראויס, אין דער קאַלטער פינסטערניש.

— שטילער, גאַלאָסאָוו! — זאָגט ריטאַ, — וואַרפט ניט אַזוי די צווייגן, איר האָט מיר צעשמיסן דעם גאַנצן פּנים!

— אויף וואָס האָט איר הענט? טשעפּעט זיך אָפּ פון סטאַרצאָוון און שטייט ניט אָפּ, גייט גיכער.

— מיר זיינען באַנאַנד, איז אונז שווער צו גיין.

— איז כאַפּט אייך דער טייוול! — שרייט גאַלאַמאָוו, און אַן עלאַסטישער, אַן אויסגעבויגענער — וואַרפט ער זיך אַן אַ זייט, בּרעכט און בייגט די אומדורכקריכלעכע קוסטעס, דער־נאָך שפּרינגט ער איבּער די רייען נידעריקע ביימלעך, און זעט גאָרנישט, און מורמלט עפּעס פּאַרדראָסיקס און היים, ווי אַ פלאַפּ־לעריי פון היץ.

ריטע פירט אַרויס סטאַרצאָוון פון דעם טאַראַן־וועלדל און פון די שיטערע שורות עפּלביימער, און זיי טאַפּן אָן מיט די פיס די צעווייכטע גריבעלעך אַרום די נידעריקע שטאַמען. אַנדרעי־איילט זיך ניט און איז אַלץ אַזוי געהאַרכזאַם צו ריטעס געהיימע באַוועגונגען. זי טוליעט זיך צו צו אים כמעט מיטן גאַנצן קער־פּער, ער הערט, ווי עס ציטערן אירע היפטן, ווי עס ציט זיך אויס איר האַרטע קני און פאַרטשעפּעט זיינע ליטקעס.

— אייך איז קאַלט?

— יאָ.

זי דריקט זיך צו מיטן פּלייצע צו זיין לאַפּעטקע, אין איר ברוסט גייט טיפער אַריין דער שאַרפער אָרעם, זי שוידערט אויף אַלץ אָפטער און פאַרלאַנגזאַמט איר טראָט.

אַנדרעי הערט זיך־צו צו ריטעס צעשאָטענע ווערטער און אַ לאַנגע צייט פאַרשטייט ער זיי ניט. זיי קומען צו פליע פונדער־ווייטנס, אַזוי ווי דאָס קלינגען און פּלעסקען פון די טראָפּנס פון די באַגיס־רינעס, און אַזוי ווי די טראָפּנס, רינגלען זיי אַרום גע־היים און ווייך.

— איר האָט עס געפּרוווט? — דערהערט ער פּלוצלונג.

— איך?

— יאָ, איר האָט געפּרוווט?

— וואָס?

— וועןביידע שפּירן איין זאַך, לחלוטין גלייך, אַזוי אַז ס'איז דערביי ניטאָ ניט קיין ישוב־הדעת, ניט גאָרנישט, נאָר בלויז איין זאַך... איר ווייסט עס?

— יאָ.

— איין מאָל אין לעבן פּאַסירט עס?

— וואָס?

— דאָס, וואָס איר טראַכט שטענדיק? — הערט ער ווי־דער. — פאַרוואָס שטויסט מיך דער גורל דאָרטן, וואו איך זוך גאָרנישט? גאָלאָסאָוו גיט מיר ניט קיין רו. דאָס איז אַלעמאָל אַזוי, אַ? כ׳פאַרשטיי גאָרנישט. איך ווייס נאָר, אַז דאָס לעבן — איז אַ קליין שטיקל. זייער אַ קליינס. ס׳איז אַ רחמנות אויף אים, אויב ער וועט אַזוי דורכגיין, אָן גאָרנישט...

ריטע פאַרטשעפּעט זיך, פאַלט, ציט נאָך זיך אַנדרעיען אויף דער ערד. ער וויל זי אויפהייבן, לאָזט זי זיך ניט. ער זעצט זיך לעבן איר.

דאָ הייבט זיך ווידער אָן די גערדיכטעניש פון די טאַראַנעס, און זייער האַרבער ריח שטייט אַזוי ווי אַ דיקע שטיקנדיקע וואַנט. אויף דער ערד איז די קעלט נאָך שטעכיקער, אויף דער ערד איז די קעלט פעסט און ברענענדיק, אויף דער ערד איז די מענטש־לעכע וואַרעמקייט שטאַרקער און זיסער.

— פאַר מיידלעך איז קיין סך ניט באַשערט. איינמאָל אין לעבן. בלויז דאָס וויל איך, אַנדרעי... בלויז דאָס בעט איך... אַנדרעי... ביי מיר אין ברוסט איז אַלץ דורכגעברענט, אָט דאָ.

זי נעמט זיין האַנט און דריקט אַריין זיינע איינגעבויגענע פינגער אין איר ברוסט. די פינגער עפענען זיך אַליין אויף.

— קאַלט, קאַלט! — מורמלט ריטאַ.

אַנדרעי הערט, ווי עס קלאַפּן אירע ציינער, ווי זי טרייסלט זיך אינגאַנצן פון קעלט, ווי אין דעם קלאַפּן פון די ציינער בלייבט שטעקן און רייסט זיך דאָס הייסע מורמלען:

— איך פאַרטראַכט זיך דאָך ניט... וואָס־זשע ווילט איר... וואָס־זשע ווילט איר, אַנדרעי...

דערנאָך פלעכטן די האָר, וואָס זיינען האַרב, ווי דער טאַ־ראַנעץ־ריח, אַרום זיינע אויערן, זיין האַלז, זיינע באַקן, דער שווי־דער שמידט צונויף זיינע באַוועגונגען, די קעלט ווערט אומדער־

טרעגלעך. און די ציינער רייסן אויך דאָס געפּליסטער, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך ווי ריטעס מורמלען.

— ווער פאַרטראַכט זיך? צי דען קען מען, ווען ס'איז... אזא קעלט... די ערד... ריטע...

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין איינציקן, ניט־איבערגעבּ־לעבן געדאַנק, ער האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך. ער זעט פּונ־דאָסניי דאָס, וואָס ס'איז פאַר אים, לעבן אים, צוזאַמען מיט אים. און צי האָט ער גאָר בכלל געהאַט אַ וועלכן־ס'איז געדאַנק? צי איז דען ניט געשוואומען פאַר זיינע ליפּן דער הייסער, פייכטער, ווייכער רינג, וואָס איז פאַרשוואונדן געוואָרן שוין באַלד אַ יאָר צייט, — מער ווי אַ יאָר! — אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען ער איז גרייט געווען צורירן זיך צו אים מיט דעם טרוקענעם, ברע־נענדיקן מויל? אויפן וואָר און אין חלום פלאָגט זיך ערגעץ דער פייכטער רינג אין דער לופטן אזוי ווי אַ רויטע צילבּרעט, און איצט — אפילו איצט — אין דער שטאָק־פינסטערער נאַכט, דער־קענט אַנדרעי זיין הייסע רויטקייט.

— קעלט... היץ... מארי... אַ יאָר... ריטאַ!

דער רינג שווימט צו נעענטער און נעענטער צו דעם אָנגע־צונדענעם טרוקענעם מויל, דער רינג צעפּליסט זיך איבער די ליפּן, איבערן רוקן אזוי ווי אַן אייז־קאַלטער שטראָם, דער רינג פאַר־שפּאַרט די האַלז, אזוי ווי אַ שטיקעניש, און דורך דער שטיקעניש קריכן אַרויס קוים וואָס מען הערט אומזיניקע, אָבער אזעלכע מענטשלעכע ווערטער:

— נו־זשע... נו! דו... דו, דו!

און אין דער זעלבער מינוט איז אין דעם צווייטן עק סאָד, אפשר — אין דעם צווייטן סאָד, אין די קוסטעס פון דעם הארבּן טאָראָן, וואָס איז פאַרדעקט מיט דער אומדערגרייכלעכער שוואַרצ־קייט פון הימל, אין דער זעלבער מינוט איז אין דעם צווייטן עק סאָד געשטאַנען דער חבר גאָלאָסאָוו מיט דעם פּנים אויפגעהויבן צו די שטערן. די שטערן — קלאָר־קיילעכדיקע און גרויסע — האָבן געגאָסן אויף דער ערד קאַלטן זילבער. גאָלאָסאָוו האָט גע־

קוקט אויף זיי דורכדרינגלעך, גלייך זיי וואָלטן אָפּגעשפּיגלט די געשעענישן, וועלכע מען האָט באַדאַרפט באַטראַכטן.

פלוצלונג האָט ער אַ ציטער געטאָן, האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ מויזער, האָט אָנגעשטעלט די לאַנגע רער אויף דעם סאַמע העלן און סאַמע גרעסטן שטערן און האָט דורכגעזייט דורך די ציינער:

— אַך, דו... דו, דו!

און צוזאַמען מיט דעם לעצטן „דו" האָט ער אַ דריק געטאָן דאָס צינגל.

דער שאָס האָט פונאַנדערגעריסן די שטילקייט און האָט זיך אָוועקגעקייקלט איבער די פעלדער.

— הוק־אַ־אַ!

גאַלאַסאָוו האָט לאַנגזאַם אַרויסגעלאָזן דעם גאַנצן מאַגאַזין אין די שטערן אַריין. דער מויזער האָט געאַרבעט רעגולער.

• • •

די פויערים האָבן זיך געשאָטן אין דער פינסטער געדיכט און זיכער, אַזוי ווי פיש. די ערטער זיינען געווען גוט באַקאַנט, יעדעס קוסטעלע האָט מען דערקענט בלינדערהייט.

פאַראויס פאַר אַלעמען האָט געטאַנצט אויף די הענט לעפּענדין. ווען די ביימער, באַלויכטן פון די פענסטער פון דער זומערוואוינונג, האָבן גענומען ווערן רויט, האָט ער אומקערנדיק דעם קאָפּ צו די פויערים געפרעגט:

— וואו זאָלן מיר אָנקלאַפּן, אין פענסטער, צי אין טיר?

— מיר וועלן שוין דאָרטן זען.

צום הויז זיינען זיי צוגעגאַנגען שטיל, האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אין די מאַלינע־קוסטעס, אַנטקעגן די פענסטער.

— אנו, ווער ס'איז אַ הויכער, יענער זאָל קוקן, — האָט לעפּענדין געזאָגט.

צו דער אָראַנזשענער שויב האָט זיך צוגעקלעפּט אַ שוואַר־

צער, קיילעכיקער קאָפּ, אַזוי ווי אַ קעסל. די פּויערים האָבן שווייגעוודיק, ניט רירנדיק זיך, געוואַרט.

— ס'גייט איינער אַ דאַרער. אַ באַברילטער זיצט מיט אַ מאַדאַם, — האָט דער קעסל געזאָגט.

— און דער פּאַרזיצער איז דאָ? — האָט געפרעגט אַ דין שטימעלע פון צווישן די קוסטעס.

— פון די חברים זיינען דאָ פאַראַן צוויי. און נאָך צוויי מאַדאַמען.

— דער פּאַרזיצער, אַ נידעריקער אַזאַ, מיט אַ לאַנגער גריזוע, איז דאָ פאַראַן?

— דער פּאַרזיצער דאַרף אויך זיין, קלאַפּ אָן, — האָט לעפּענדין געזאָגט.

אויפן שויב האָט זיך באַוויזן אַ האָקנפּאַרמיקע האַנט, דער פענסטער האָט דריי מאָל שטיל אַ קלונג געטאָן. זיי האָבן געוואַרט.

— מען הערט ניט, — האָט דער קעסל אַ זאָג געטאָן און האָט זיך אומגעווענדט צו די קוסטעס.

— אפשר זאָל מען קומען אין דער פרי?

— צו וואָס אין דער פרי? די זאַך איז אַזוי, קלאַפּ אָן שטאַרקער! — האָט לעפּענדין אויסגעשריען.

די האַנט האָט זיך ווידער אויפגעהויבן צום שויב, די שויב האָט אַ קלונג געטאָן אומרויִקער, און דאָ טאַקע האָבן זיך אי די האַנט אי דער קעסל־ענלעכער קאָפּ אַ זעץ אַראָפּ געטאָן אין דער פינסטער.

צום פענסטער איז צוגעגאַנגען אַ מענטש, האָט אַ בליץ געטאָן מיט די גאָלדענע ברילן, האָט אויפגעפּראַלט די ראַם, האָט זיך איינגעקוקט אין דער נאַכט.

— סיאָמקע, דאָס ביסטו? — האָט ער געפרעגט
די פּויערים האָבן געשוויגן.

— סטאַרצאָוו? — האָט דער מענטש געפרעגט און וואַרטנדיק אַ ווײַלע, האָט ער זיך אומגעקערט מיטן רוקן צו דער פינסטערניש.

— סיאָמקע טרייבט גענויס שפּאַס.

דעמאָלט האָט מען אין די קוסטעס ניט דרייסט גענומען הוסטן.

דער מענטש אין די ברילן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דעם פענסטערברעט און האָט אויסגעשריען:

— ווער איז דאָ?

— ק־כאַ, ק־כאַ... מיר, חברים, אַזוי אז"ז...

— ווער איז דאָס — מיר?

— די חברים פּויערים, הייסט עס, פון רוטשיע, בכלל בירגער.

— און וואָס גייט דאָ, חברים?

לעפּענדין האָט זיך אַ וויג געטאָן צו דער שיין און, הילכיק אָפּגעהוסט זיך, האָט ער געמאָלדן:

— מיר דאַרפן צום חבר פּאַרזיצער, מיר ווילן מעלדן דעם חבר פּאַרזיצער די רעזאָלוציע פון דאָרפישן קהל.

— מיט אייך, חברים, זאָגט פּאַקיסען, איז דער פּאַרזיצער. פון דער פענסטער האָט מען אים איבערגעשלאָגן.

— דאָס ווייס־ייסן מי־יר! אָבער מיר ווילן ריידן מיטן חבר גאַלאַסאָוו.

— גאַלאַסאָוו איז איצט ניטאָ, ער איז אוועק.

איבער די קוסטעס האָט זיך דורכגעקייקלט אַ טויבער געלעכטער.

— דאָס האָט איר, חבר, באַוויליקט צו זאָגן ניט ריכטיק. זיי געפינען זיך צוזאַמען מיט אייך. ווען זיי זיינען אַהער געפאָרן, האָבן מיר זיי גוט געזען.

— מאָדנע מענטשן! — האָט פּאַקיסען אויסגעשריען. — כ'וועל אייך זאָגן ליגן, צי וואָס? ער איז אַרוים אין סאָד. וואו זאָל איך אים נעמען?

— צו אייך איז די ברירה, נאַטירלעך, פונדעסטוועגן...

— די אַסיפה האָט אָנגענומען אַן ענדגילטיקן באַשלוס, אַז...

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט פּאַקיסען זיך אַרויסגע־

רוקט פון פענסטער און האָט אַ זאָג געטאָן, — מען זעט קיין זאַך ניט. אַ סך זיינען דאָ אייערע?

— ס'ט'קלע־עקן! — האָט עמעצער אָן אַ זייט אַ צי געטאָן צופרידן.

צום פענסטער איז צוגעגאַנגען שטשעפּאָוו, האָט אַ וואָרף געטאָן אין דער פינסטער אַריין אַ שאַרפן, אויף אַ פייף ענלעכן, געשריי.

— אָבער אין וואָס גייט דאָ?

אין די קוסטעס האָט אַ ברויז געטאָן:

— זאָל פּיאָדאָר זאָגן...

— פּיאָדאָר!

— דערציייל, אָבער גלייך צום ענין...

— רייב, אַזוי ווי אַנומלטן...

— חברים! — האָט פּאָקיסען אויסגעשריען קלאָר און דייטלעך, גלייך ווי אויף אַ מיטינג, האָט זיך אויסגעצויגן און האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פינגער אָן פענסטערברעט.

— חברים, אויב איר ווילט ריידן מיטן פּאָרזיצער פון אויס־פּירקאָם, איז קומט מאָרגן אין דער פרי. ער איז ערשט ניט לאַנג אַרויס. מיר וועלן דאָ פאַרברענגען ביז מאָרגן אין אָוונט. איר מעגט אָבער מיר זאָגן דעם באַשלוס פון דער אַסיפה, וועגן וועל־כער איר רעדט, איך וועל דאָס איבערגעבן חבר גאָלאָסאָוון. אָבער איצט איז נאַכט, ס'איז פינסטער, איך זע אַפילו ניט, ווער עס רעדט צו מיר. קומט בעסער מאָרגן.

— ס'איז פּי־ינסטער, דאַ־אָס איז ריכטיק! — האָט ווידער עמעץ אויסגעצויגן אָן אַ זייט.

אין די קוסטעס האָט ווידער עפּעס אַ ברויז געטאָן.

— פּיאָדאָר, דערקלער אים, ער זאָל זיך ניט פּלאָנטערן...

פון אונטן־ערגעץ האָט, אַזוי ווי פון דער ערד, אַ קלונג גע־טאָן אַ ברייטע שטימע:

— אַזוי ווי איר, חבר, האָט זיך צו אונז געווענדט מיט אַ

רעדע, ווילן מיר אייך באקאנט מאכן מיט דער לאגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דאס פויערטום פון אונזער קאנט. ס'איז גוט באוואוסט, אז דאס נייע געזעץ האט פון גרונט־אויס אפגעשאפט דעם נאטור־שטייער און אנדערע שטייערן פון דעם הארעפאשנעם פויערשן קלאס. ס'איז דאס זעלביקע געזעץ, וואס די חברים ווייסן ניט פון אים, דאס זעלביקע געזעץ, וואס זיי באהאלטן און פאר־בארגן פון דער עפנטלעכקייט. אלזא האט די קהלשע אסיפה פון דער סאנשינער גמינע, די ארעמע און די אנדערע פויערים אנ־גענומען א רעזאלוציע, אויפצופאדערן דעם פארזיצער גאלאסאוון, ער זאל פארעפנטלעכן דעם געזעץ און אפשאפן אין גרונט דעם נאטור־שטייער, און אויך צונעמען די פראוויאנט־עקספעדיציעס לויט א באפעל...

— ווארט, חבר, אדער ווער איז דארטן! — האט פאקיסען אויסגעשריען. — דער ענין איז, ווי איך זע, ביי אייך אן ערנ־סטער, מיט איינמאל קען מען דאס ניט באנעמען. כ'קען אייך זאגן איין זאך: דאס געזעץ וועגן דעם תבואה־שטייער האט קיינער ניט אפגעשאפט און קען אין איצטיקן מאמענט פון קיינעם ניט אפגע־שאפט ווערן. די סאוועטישע ארבעטער־פויערים־מאכט...

פון דער פינסטערניש האט א פאל־געגעבן אין פענסטער אריין א פיל־שטימיק מורמלען, וואס ס'איז געוועז אויסגעמישט מיט שארפע אויסגעשרייען:

— גע־הע־ערט!

— ער פארט ווי אויף רעדלעך!

— ס'איז פיין צו באהאלטן דעם פארזיצער!

פאקיסען האט גענומען שרייען מיט אלע כוחות:

— איר זייט פון זינען אראפ? מען רעדט צו אייך אויף רוסיש: גאלאסאוו איז אוועק. צו וואסער גוט יאר זאלן מיר פלאפלען אין דער פינסטער, ווען...

— וואַ־ארט, וואַ־ארט, חבר! — האט לעפענדין ארויסגע־יאמערט. — דא זיינען אלע ביים זינען און ביים שכל. מיט קהל

דאַרף מען ריידן סאַריאָזנע *, קהל איז דיר ניט דער ספּאָלקאָם **. דו הער נאָר אוים, אין וואָס דאָ גייט. דער געגנט איז ביי אונז ניט קיין תבואהדיקער, די באַשעפטיקונג איז מער מיט גערטענער, אויך מיט סעדער. צרות האָבן מיר מיט אונזער ווירטשאַפט אויפן פּוד, ס'איז דלות, בלויז מערן און קאַרטאָפל. ברויט זעען מיר אַליין ניט אָן אין די אויגן. און פון אונז פאָדערט מען ברויט. ווי זאָל איצט זיין? די ערד, קומט אוים, איז אַ פרייע, אַ פויערשע, און דאָך איז דער פּויער...

שטשעפּאָוו האָט אָפּגעשטופּט פּאָקיסענען, האָט זיך גענור־מען פאַר די פענסטער־ראַמען און האָט אויסגעשריען:

— לאָמיר בעסער, לאַנדסלייט, אָפּלייגן דעם געשפּרעך אויף מאָרגן.

אין געזיכט האָט זיך אים אַ ריס געטאָן אַ הילכיק געפילדער. ער האָט געוואָלט פאַרמאַכן דעם פענסטער, נאָר פון ביידע זייטן האָבן זיך אין די ראַמען איינגעקלאַמערט דיקע, קורצע פינגער.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער אַ פייף געטאָן מיט זיין שאַרף געשליפן קול, — גוואַלדטאַט?

פּאָקיסען האָט אַ וואָרף געטאָן דעם ווייב אַן אומפאַרשטענד־לעך שעפּליאָווע וואָרט. זי האָט זיך אָפּגערופן אויף רוסיש:

— כ'האָב פאַרשפּאַרט.

— ווי זיי ווילן, — האָט עמעצער געגוואַלדעוועט אין דער פינסטער.

און תיכף האָבן זיך די שוואַרצע, אין דער נאַכט צעשמאָל־צענע קוסטעס, אַ לאָז געטאָן צו די פענסטער, און אין דער טרי־בער שיין, וואָס איז געפאַלן אין דער פינסטערניש, האָבן זיך אָנ־געצונדן צענדליקער אומבאַוועגלעכע אויגן.

— קהל האָט געהייסן פאָדערן אַ נייעם געזעץ, אַז מען זאָל ניט פאַרבאַהאַלטן און מען זאָל, הייסט עס, צונעמען די פּראָוויר אַנט־עקספּעדיציעס.

---

* סעריעז, ערנסט.

** איספּאָלקאָם, אויספירקאָם.

אין דעם לעצטן צימער האָט גענומען פישטשען דער קליי־ניטשקער אָטטי, און פּאָקיסענס פרוי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים. קלאָוודיע וואסיליעוונע האָט אָנגעכאַפּט שטשעפּאָוון פאַרן אָרעם און האָט אַרויסגעמורמלט:

— אַלעקסעי, די פּויערים... וועלן אונז...

— הער אויף! — האָט זיך שטשעפּאָוו אומגעקערט און האָט מיט די בּרעמען בּאַוויזן אויפן דיוואַן.

פּאָקיסען האָט זיך צוגעהערט צו דעם עופּעלעם פּישטשען, זיין געזיכט איז געווען פאַרשטאַרט; ער האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט דעם טעמפּן בּליק אין פענסטער, דערנאָך האָט ער פעסט אַ שפּריין געטאָן פּאַראויס.

— בּירגער פּויערים!

איך ווענד זיך צו אייך דאָס לעצטע מאָל. איך לייג אייך פאָר תיכף־ומיד פונאַנדערצוגיין זיך אַהיים, און מאָרגן פרי קומען אַהער אויף צו בּאַהאַנדלען אונזערע פראַגן מיט חבר גאַלאַסאָוון.

פון דעם געפילדער, וואָס האָט זיך מיט נייע כוחות אַ ריס געטאָן אין פענסטער אריין, איז אַרויסגעשוואומען אַ האַרצ־רייסנדיק קעלבּל:

— כל־זמן דו וועסט ניט אַרויסגעבּן קיין געזעץ — וועלן מיר ניט אַוועקגיין!

— ניט אַ־וועק־גיי־יין!

שטשעפּאָוו האָט זיך אַ ריס געטאָן אין דעם פינסטערן ווינקל פון צימער, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קינעמאַטאָגראַף, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, האָט אים צוגעטראָגן צום פענ־סטער און האָט גענומען איינשטעלן דעם אַפּאַראַט מיט די אָבּ־יעקטיוון אויף דרויסן, אין סאָד אַרויס.

— שוויג, — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן צו פּאָקיסענען.

דער געפילדער האָט גענומען פאַלן. אין דער פינסטער האָבּן זיך אַזוי ווי פילע אויגן אָנגעצונדן. זיי זיינען אַלע פאַרשטאַרט געוואָרן אויף שטשעפּאָווס הענט, וואָס זיינען פלינק אַרומגעלאָפן איבּערן אַפּאַראַט. מ'האָט דייטלעך געהערט דאָס מעטאַלענע אונ־

טערקנאַקן פון דעם סטענגע־ראָד. שטשעפּאָוס באַוועגונגען זיינען געווען קאָנצענטרירט און געשיקט.

פון סאָד האָט מען ציטעריק געפרעגט:

— וואָס שטעלסטו דאָס אָן, חבר?

שטשעפּאָוו האָט אָפּגעוואָרט מיט דעם ענטפער.

— דאָס איז, ליבע לאַנדסלייט, אַ דראָטלאָזער טעלעגראַף. געהערט? אַ־אַט. מען זאָל אויף יעדן פאַל קענען אויפטראָגן זיך מיט דער שטאָט.

— אויף וואָס דאַרפסטו עס, חבר?

— ווי זאָל איך אייך זאָגן... — האָט שטשעפּאָוו גע־שטאַמלט, — אפשר וועט מען דאַרפן... אַ קליינע מיליטער־אָפּטיי־לונג אַרויסרופן... צי וואָס...

אַ געלעכטער, — אַ ברייטער, אַ הילכיקער, — האָט פּלוצלונג איבערגעריסן די שטילקייט און צענדליקער אויגן האָבן זיך איינ־געגראָבן אין דער ערד. לעפּענדין האָט געלאַכט און האָט אונ־טערגעקלאַפּט מיט די הילצערנע האַנט־ברעטלעך און געפּאַטשט די פּויערים איבער די פּאָלקעס:

— געמאַכט לאַ־כעדיק, אַט. האָסטו אונז געמאַכט לאַ־כע־דיק, חבר! וואָס איז דאָס פאַר אַ טעלעגראַף? ביי אונז אויפן פראָנט האָט מען פון אַזאַ מאַשין באַוויזן לעבעדיקע מענטשן!

— בילדער, מיינסטו?

— נו יאָ, בילדער. אַט אַ מאָדנער!

עמעצער האָט זיך צעלאַכט, עמעצער האָט גענומען הודזשען:

— מען וויל אָנשרעקן...

— מיט שווינדל מיינען זיי...

דערנאָך זיינען די שטימען געוואָרן פינסטער, פאַרשטיקט, און אַן עקשנותדיקע דראָונג האָט זיך אויפגעהויבן צום פענסטער:

— מיר וועלן אַלץ איינס ניט אַרויסלאָזן.

דער קליינינקער אָטטי האָט, גלייך ער וואָלט פאַרהערט די דאָזיקע דראָונג, אַ געשריי געטאָן און זיך פאַרגאַנגען אין געוויין. פּאָקיסען האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענסטער, האָט אַריינגע־

רוקט די האַנט אין קעשענע, און די ווערטער זיינען בײַ אים אַרויס־געקראָכן פון מויל, אַזוי ווי גאַווער:

— גייט־זיך־פו־נאַנ־דער, זאָג איך, ר'־הע־ערט?

דעמאָלט האָט, אַלס ענטפער אויף זיין צישען, איבער דער פינסטערניש אַ שניט געטאָן אַ געשריי:

— אַ הענדעלע אוועקלאָזן איבער דער זומער־וואוינונג, צי וואָס?

קלאַודיע וואַסיליעוונאַ האָט אַ קוויטש געטאָן און האָט פאַרקוועטשט דאָס געזיכט מיט די הענט.

— אַלעקסעי!..

— שוויַיג!

— אַ־אַ־אַ, אַזוי גאַ־אַר? איר זייט אַזעל־כע־ע? — האָט פּאַקיעסען גענומען שרייען און האָט זיך אַרויסגערוקט אין דער פינסטערניש.

און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט פון דער ווייטנס אַן אָפּ־געריסענער קלאַפּ, און אַ הילכיקער זיפּץ האָט צעריסן די נאַכט, וואָס איז געווען פאַרצויגן מיט אַ פּרעסטל.

— הוק־אַ־אַ־אַ!

און — אין אַ רגע אַרום — ווידער:

— הוק־אַ־אַ־אַ!

און ווידער — דריי, פיר... נאָך, נאָך... גלייך פון ערגעץ פון הינטן, פון שטאָט, וואָלטן אַטאַקירט שיסער־אָפּטיילונגען.

די קוים באַלויכטענע קוסטעס האָבן זיך גענומען צאַפּלען, עפּעס אַ שוואַרצע זאַך האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פון דער זייט פון פענ־סטער, דערנאָך איז אַלץ געבליבן שטיין.

— הוק־אַ־אַ־אַ!

פּאַקיסען האָט זיך איינגעהערט אין דעם איינגעשטילטן גע־וויין פון דעם קליינינקן אַטטי, האָט אויסגעווישט דעם שטערן און האָט געזאָגט:

— ביסט, סיאָמע, אַ בריה. באַצייטנס!

ער האָט צורעכט געמאַכט די ברילן, האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויף שטשעפּאָוון, האָט אַ שמייכל געטאָן:

— נ־יאָ... קיין רעוואָלוציע איז ביי אונז, דוכט זיך, ניטאָ. נו, און קאָנטער־רעוואָלוציע, ווי מען זאָגט דאָ, איז פּיל־ווייניק פּאַראַן.

לעפּעגדינס סוף

אַריינגעפאָרן אין דער שטאָט אַריין איז מען טיף אין דער נאַכט — אַזוי ווי איבערוואַנדערער — מיט די בעבעכעס אויף די פורן, מיט אַ וויינענדיקן קינד, מיד פון דער טרייסלעניש און פון דער פינסטערניש. די זומער־וואוינונג האָט מען איבערגעלאָזן אין גאַנצן אָן אָפּענע.

גאַלאָסאָוו האָט באַגלייט פּאָקיסענס משפּחה, איז פאַרפאָרן אויף דעם הויף פון די פּיערלעשער, האָט אָפּגעגעבן דאָס פערד און איז אַוועק אַהיים. אין פירהויז, ווען די ניאַנקע האָט אים אַריינגעלאָזן, האָט ער — ווי שטענדיק — געפרעגט:

– קיין זאַך ניטאָ?

— אַ טעלעגראַמע, דוכט זיך, — האָט די אַלטיטשקע אַ טשאַמקע געטאָן.

אין דעם גרויסן צימער, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט סוהריש מעבל, האָט שטענדיק געברענט אַ לעמפּעלע, און די שיין פון אים איז זיך ציטעריק צעגאַנגען אין די ווינקלען, אַזוי ווי פון אַ לאַמפּאַדע.

עפענענדיק די טעלעגראַמע, איז גאַלאָסאָוו דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער דעם אדרעס:

א ו י ס ע ר ד ע ר ר י י ס ע מ י ד אָ ל ד ע ם פּ אָ ר י ז י ־
צ ע ר פ ו ן א ו י ס פ י ר ק אָ ם אַ ק אָ פּ י ע ד ע ם פּ אָ ר ־
ז י צ ע ר פ ו ן ד ע ם ב אַ ז ו נ ד אָ פ ט י י ל אַ ק אָ פּ י ע
ד ע ם מ י ל י ט ק אָ ם.

ער האָט צוגעטראָגן דעם מיט בלייער אָנגעשריבענעם בלאַנק צום ליכט:

לויט אומקאָנטראָלירטע ידיעות פון
דעם ראַיאָן פון דאָרף פּיטשעור סעמידאַלער
קרייז באַוועגט זיך אין דער ריכטונג צו
סעמידאָל אַ באַנדע געוועזענע געפאַנגע־
נע דייטשן טשעכאָסלאָוואַקן צו וועלכע
צוגעשטאַנען בעל-גופישער עלעמענט
פון דער מאָרדווינישער באַפעלקערונג
אויך באַוואָפנטע דעזערטירן פּונקט מיט
דער באַנדע פירט אָן דייטשער אָפיציר
וועלכער אַגיטירט פאַרן ארויסגיין פון
די מאָרדווינער פון דער סאָוועטישער
פעדעראַציע פּונקט קען געפינען באַדן
צווישן ווייניק באַוואוסטזיניקן עלע־
מענט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אומ־
צופרידנהייט פון די בעל־גופן מיטן נאַ־
טור־שטייער פּוקט כ׳באַפעל ערשטנס
מיטן באַקומען די טעלעגראַם בילדן
רעוודריילינג צווייטנס תיכף אויפ־
קלערן לאַגע אויפן אָרט דריטנס אָננעמען
נייטיקע קריג׳ס־רעוואָלוציאָנערע מיט־
לען ליקווידירן די באַנדעס פערטנס
ווייטער ביז אַ באַפעל מעלדן טעטיקייט
־עוודריילינג טעלעגראַפיש יעדע צוויי
שעה פּונקט מעגלעכער בונט מוז אין
וואָרצל דערשטיקט ווערן מיט סעמידאָ־
לער כוחות אונטער פערזענלעכער פאַר־
אַנטוואָרטלעכקייט פין מיטגלידער פון
רעוודריילינג פּונקט פאָרזיצער גובּ־
אויספירקאָם.

גאָלאָסאָוו איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך.

דאָס צימער האָט זיך פאַרטייעט, אַזוי ווי אַן אַלטמאָדיש
אויסגעפּוצטע ניאַניע, וואָס האָט אָפּגעוואוינט אין דעם דאָזיקן

הויז אַ האַלב לעבן. דאָ איז אַלץ געווען אַרטיק, און די עקשנות, מיט וועלכער עס האָבן זיך געהאַלטן די בלומען־טעפּ, די איבער־ציערם אויפן מעבל, די מאָדעלירטע אַמוּלעך אויף די ווענט, איז געווען ניט געוויינלעך אַפילו פאַר סעמידראַל.

— יאָ! — האָט גאַלאַסאָוו אַ זאָג געטאָן און האָט פאַר־קאַשערט די העמד

ער האָט אַ וואָרף געטאָן די טעלעגראַמע אויפן טיש, איז מיט אַ שווערן טראָט דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, האָט אין דעם טעמפּן ווינקל אָנגעטאַפּט אַ שמאָלע טיר פון אַ קעמערל און האָט געפרעגט:

— ניאַניאַ, איר שלאָפט?

— וואָסי?

— גייט נאָך דעם מעטראַנפּאַזש.

— וואָס נאָך פאַר אַ אויסטראַכטעניש?

— נו, אין דער דרוקעריי, נאָך דעם, ווי הייסט ער דאָרטן?..

— איך ווייס, ווי ער הייסט! וואָס האָט עס פּלוצלונג אָנ־געשפּאַרט אַנטקעגן נאַכט?

— גייט־זשע תיכּף.

— קיין רו קומט גאָרניט אויף אייך, ליבער גאָט, מסתּמא איז אַזוי דיין ווילן!

גאַלאַסאָוו האָט דראָעריש אַרויסגעברומט עפּעס אוּמפּאַר־שטענדלעכס און פּאַרדראָסיקס, נאָר נאָך דער דראָונג האָט די ניאַניע דערהערט אַ באַקאַנט, אומבאַקוועמלעך, קוים שעמעוודיק געלעכטערל און האָט מיט אַ איבערבעטנדיק טאָן געפרעגט:

— ווער וועט נאָך מיר פאַרמאַכן די טיר?

— ס'וועט זיין אין אָרדענונג!

גאַלאַסאָוו האָט אָנגעצונדן דעם טיש־לאָמפּ, האָט צוגערוקט צו זיך דאָס פּאַפּיר, וואָס איז געווען אָנגעשניטן פּאַסנווייז, האָט זיך איינגעאָרדנט מיט אַ זייט ביים טיש — גלייך ווי בלויז אויף איין סעקונדע — האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט גענומען שרייבן. איבער זיינע אויגן זיינען אַראָפּגעהאַנגען אַזוי ווי אַ קליאָן־

בלאַט גלייכע צונעקלעפּטע פּאַסמעס האָר. די האַנט איז געלאָפן איבערן פּאַפּיר שנעל און איז פאַרקראָכן צום סוף פון די שורות אין דער הויך, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געפּלייסט אַנצושנירלען אַלע שורות אויף דעם אייבערשטן ווינקעלע פון דעם פּאַס. ער האָט געביסן דעם פּאַפּיראָס־מונדשטוק און אויסגעשפּייט אויפן טיש די פייכטע שטיקלעך פּאַפּיר, דערנאָך האָט ער זיי מיט א שנעל אראָפּגעקלאַפּט פון טיש אויפן דיל.

אין א פערטל שעה ארום זיינען אין צימער אריינגעגאַנגען פאַקיסען און דער קריגסקאָם.

גאָלאָסאָוו האָט פאַרבייגייענדיק א קוק געטאָן אויף זיי, און זיין האַנט איז נאָך אייליקער געלאָפן אין דעם אייבערשטן ווינקעלע פון דעם פּאַסיקל.

— באַקומען? — האָט פאַקיסען געפרעגט.

— יאָ. איך ענדיק באַלד.

— וואָס איז דאָס?

— צו די פּויערים.

— ריכטיק, — האָט דער קריגסקאָם געזאָגט און זיך אָנגעבלאָזן. ער איז געווען שווער, ברייטפּליײציק, זיין רויט געזיכט איז געווען באַזייט מיט טונקעלע זומער־שפּרינקעלעך, אזוי ווי א קוילעטש — מיט ראָזינקעס.

גאָלאָסאָוו האָט א וואָרף געטאָן דעם בלייער, האָט אָפּגערוקט די אָנגעשטראָכענע פּאַסיקלעך פּאַפּיר, האָט געזאָגט:

— פּאַרטיק. אַלץ פאַרשטענדלעך, חברים?

— ס׳איז אומפאַרשטענדלעך, ווי אזוי האָט זיך דער גובּ־אויספּירקאָם דערוואוסט וועגן דער דאָזיקער געשיכטע פריער פאַר אונז? ס׳איז א מיאוסע געשיכטע. — האָט דער קריגס־קאָם געזאָגט.

— נאָך דעם, וואָס ס׳איז היינט פאָרגעקומען אויף דער זומער־וואוינונג... — האָט פאַקיסען געוועזט אָנגעהויבן.

— איך ערקלער די זיצונג פון רעוודרייליגג פאַר געעפנט, — האָט גאָלאָסאָוו איבערגעשלאָגן מיט א פרעמדן טאָן און האָט א ריז־

גנעטאָן די אייבערשטע ליפּ. — דעם חבר פּאָקיסענען בעט איך צו זיין סעקרעטאַר. איך לייג פאָר אַזאַ טאָג־אָרדענונג: אַן ענטפער דעם גובאויספירקאָם, די אָרגאַניזאַציע פון דער אָפענסיווע און די פראַגע וועגן דער קריגספעיִקייט פון דעם גאַרניזאָן, די פראַגע וועגן אויסנוצן די קריגסגעפאַנגענע, וואָס האַלטן זיך אויף אין לאַגער, דערנאָך וועגן דער פאַרטיי־מאָביליזאַציע, וועגן די אויפרופן, דערנאָך וועגן אַלץ, וואָס ס'וועט אָנגענומען ווערן בעת דעם באַשליסן די דאָזיקע פראַגן. אָנגענומען?

— וועגן די קריגסגעפאַנגענע ביסטו גערעכט, נאָר דאָס איז אַ זאַך אויף שפּעטער, פריער וועגן די פאַרטייער, — האָט דער קריגס־קאָם דערקלערט.

— מסכים. אָנגענומען? די ערשטע פראַגע. כ'לייג פאָר אַזאַ מין נוסח: דער רעוודרייזלינג האָט זיך שוין געבילדעט, וועגן די אָנגענומענע מיטלען וועלן מיר אין אַ שעה אַרום טעלעגראַפירן. איינשטימיק?

—כ'האָב געבראַכט דעם אָרדינאַנס, ער איז דאָרטן, אין פירהויז.

— צו וואָס איז דאָס? — האָט גאַלאָסאָוו געפרעגט.

— דערפאַר, ווייל די טעלעגראַמע וועט דאָך איבער דער לופט ניט פליען, אויף פּאָסט הייסט עס, און בכלל די פאַרבינדונג — האָט דער קריגס־קאָם געענטפערט און האָט געגעבן אַזאַ בלאָז פון זיך, אַז אויפן טיש זיינען צעפלויגן די פּאַפּירלעך.

ער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט מיטן אָרדינאַנס.

— ווייטער, — האָט גאַלאָסאָוו געזאָגט און איבערגעגעבן דעם רויטאַרמייער די טעלעגראַמע. — איך לייג פאָר אָנצייכענען דעם פּלאַן פון די קריגס־אָפּעראַציעס אויף דעם נאָענטסטן מעת־לעת און אַרויסזאָגן זיך בכלל וועגן די סעמידאָלער קריגס־רעסורסן.

דער קריגסקאָם האָט זיך אָנגעבלאָזן, די געדיכטע רויטקייט האָט אויסגעגלייכט זיינע זומערשפּרענקלעך אין איין טונקעלן פלעק. אים האָט פאַרכאַפּט די אַסטמאַ, גלייך ער וואָלט מיט איין אָטעם אויפגעהויבן אַ ניינגאָרנדיקן לייטער.

— די רעסורסן, חברים, זיינען נאַטירלעך, באַקאַנט... אַ צו־זאַמענגעזעצטער פאָלק... אַ מענטשן זיבן הונדערט... אַ גאַרניזאָן־ראַטע... אין דעם פאָלק קען מען אָנקלייבן אַן אָנדערטהאַלבן הונ־דערט שפּיזן... דאָך... מוניציע... און שטיוול... דאָס איז ניטאָ... יאָ־אָ און דערצו מושטירן... די אויסמושטירונג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן...

— וואָס קענט איר, חבר, אַרויסשטעלן עפּעס קאָנקרעטס היינט, זיבן אַ זייגער אין דער פרי?

— דאָס זאָגסטו צו מיר?

— נו יאָ, צו דיר.

— צו וואָסערע רוחות אירצטו מיך? זיבן אין דער פרי... זיבן אין דער פרי איז אַ האַלבע ראַטע פון גאַרניזאָן... גרייט אָפּ־צומאַרשירן... אַרום האַלבן טאָג גייט אַוועק אַן אָפּטיילונג פון דעם צוזאַמענגעזעצטן פאָלק... אַ צווייטע האַלבע ראַטע האַלט וואַך איבערן שטאָט... בכלל לייג איך פאָר צו פראָקלאַמירן... קריגס־צושטאַנד...

— דער פאָרשלאָג פון דעם קריגסקאָם איז אָנגענומען? ווייטער...

אין אַ שעה אַרום איז דאָס צימער געווען פאַרמאַכט, אין קאָרידאָר האָבן זיך געהערט פאַרשטיקטע שטימען, הינטערן פענ־סטער האָבן די פערדישע קלויען אויסגעקלאַפּט די שטויביקע גאַס־פערענע, און אין הויף ערגעץ האָט די צעפּאָרענע טויער־פאָרטקע זיך צעקוויטשעט מיטן בלאָק און האָט געקלאַפּט.

די ניאַניע האָט אַריינגעטראָגן אַן אויסגעשייערטן סאַמאָ־וואַר און באַמאָלטע דיקע טעצלעך.

די מיטגלידער פון רעוודרייִלינג זיינען געזעסן אויף די פרי־ערדיקע ערטער ביים טיש, אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ.

דער קריגסקאָם האָט אויסגעשריען מיט אַ קורצן אָטעם:

— דער־רקלערט מיר... חברים... דער פּאַרק איז אונטערגע־וואָרפן דעם קריגסקאָם! דער פּאַרק... איז אונטערגעוואָרפן...

— שטותערייען! — האָט זיך גאָלאָסאָוו אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַ האַנט־באַוועגונג.

— די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם צענטער, — האָט זיך דער קריגסקאָם פאַרקייכט.

— מען דאַרף ניט פאַרגעסן די צווייטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. שטותעריי! ווײַבאַלד ס׳איז צוועקמעסיק — הייסט עס, אַז מען קען. איך באַשטיי אויף דעם.

— אָבער דעמאָלט דאַרף מען גאַראַנטיעס!

— וואָסערע גאַראַנטיעס? ביי אים איז קיין זאַך ניטאָ.

— דעמאָלט איז — ערבות־לייט.

— ווידער פינף־און־צוואַנציק! איך זאָג דיר, אַז ביי שטשעפּאָון איז קיינער און קיין זאַך ניטאָ. וואָס קען מען ביי אים נעמען? מיר דאַרפן ריזיקירן.

— ריזיקירן מיט שטשעפּאָון... מסכים... אָבער... מיט דעם... אַפּאַראַט... ווי קענען מיר ריזיקירן מיט דעם... אַפּאַראַט?

פּאָקיסען האָט פעסט געמאָלדן:

— איך בין מיט שטשעפּאָון זיכער.

— שטותעריי! — האָט גאָלאָסאָוו אויסגעשריען. — מיט קיין זאַך בין איך ניט זיכער. אָבער מיר האָבן די מאַכט, און ער איז ניט קיין נאַר.

דעמאָלט האָט זיך דער קריגסקאָם אָנגעשטויסן און, אויפגעשווידערט אין גאַנצן פון אַריינציען אַ ביסל לופט, האָט ער זיך פאַרבלינעט:

— ערלויבט... אַר־און די־אַ... אַ...אַרטיסטין... ווי הייסט זי דאָרטן... וואָס איז מיט שטשעפּאָון...

— נו?

— פאַר אַן ערבטע...

פּאָקיסען האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער:

— דעמאָלט... דעמאָלט, ווען פון סיאָמקען וואָלט זיך געפאָדערט אַ גאַראַנטיע, וואָלט מען באַדאַרפט נעמען ריטען פאַר אַן ערבטע — כאַ־כאַ! ריטע טווערעצקע.

גאָלאָסאָוו איז אויפגעשפּרונגען, דער שטול האָט זיך אונ־טער אים אָפּגעקייקלט מיט רעש אָן א זייט, ער האָט זיך איינגע־געסן מיט די אָנגעצונדענע אויגן אין פּאָקיסענען.

— ווארף אוועק די חכמות! מען וואָלט זי געקענט נעמען, ווען מען וואָלט באדארפט האָבן גאראנטיעס פון אנדרעי סטאר־צאָוון.

ער האָט אויפגעהויבן דעם שטול, האָט זיך אוועקגעזעצט און האָט דייטלעך אָפּגעזאָגט מיט אַן עקשנותדיקן, קאַלטן קול:

— איך נעם אָן דעם פּאָרלייג פון קריגסקאָם. שטשעפּאָוו — איז א ספּעץ. בנוגע אים איז דאָס א ריכטיקער מיטל. חבר פּאָקי־סען, שרייבט אָן אַן אָרדער, מען זאָל תיכף־ומיד ארעסטירן קלאוו־דיע וואסיליעוונען. דעם קריגסקאָם ווערט איבערגעגעבן איינצו־שטעלן די צייט, ווען אָפּצושיקן שטשעפּאָוון און צו באשטימען די אויפגאָבן פון דער לופט־אויסשפּירונג...

און אין א שעה ארום, ווען די טויער־פּאַרטקע האָט שוין אָן אויפהער געקוויטשעט אין הויף און איבערן קאָרידאָר איז גע־פלאָסן א הילכיקע גערייַדעריי, איז דער פּאָרזיצער פון דייטשן סאָלדאטן־ראט אין סעמידאָל קורט וואָן געזעסן א פערטער לעבן טיש אין דעם צימער פון דעם געוועזענעם סוחרישן הויז.

קורטן האָט מען געהערט מיט געדולד און געוואַרט לאַנג, ביז ער וועט קענען צוקלייבן און ארויסריידן א רוסיש וואָרט. פאַרזשמורעט די אויגן, האָט ער אין קאָפּ איבערגעזעצט פון דייטש, און אויף זיין שטערן האָט זיך אָנגעבלאָזן א דיקער אָדער.

— איך ניט האַלט... ניט רעכן... ראַציאָנאַל... מאַכן אויס־שפּירונג... מיט דייטשן געפאַנגענעם... פאַר געפאַנגענעם איך ניט קען... זיין ערב... איך האַלט מעגלעך צונויפשלאָגן קאָמפּאַניע פרייוויליקע... ראַטע פרייוויליקע, אויב אויספּירקאָם געבן געווער... דע־נאָך אָרגאַניזירן נאָך היינט... מיטינג אין לאַגער... נאָר איך ניט ריידן מיטינג... מיטינג ריידן אַנדרעי סטאַרצאָוו..

— שטותעריי! — האָט גאָלאָסאָוו אויסגעשריען, — סטאר־צאָוו — איז א בטלן!

— וואָס הייסט אַ בטלן?

— נו — אַ שמאַטע, אַ קוואַטש... בכלל אַ אינטעליגענט.
קורט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אייך ניט באַקאַנט, אַז אין לאַגער... אַז אין לאַגער די שטימונג... איך געפין דאַרף ריידן אַ רוס, ניט קיין דייטש... אַנדרעי סטאַרצאָוו.

— איר זייט זיכער, אַז זיין אַרויסטריט וועט אונז ברענגען נוצן?

— איך — אַ פריינד אַנדרעי סטאַרצאָוון... איך קאָן... זיין אים ערב...

גאָלאָסאָוו האָט קורטן אויסגעשטרעקט די האַנט:

— איז גיט איר, הייסט עס, אַ וואָרט, אַז איר וועט מיט־העלפן?

— איך בין באָלשעוויק, — האָט קורט געענטפערט און האָט זיך אויפגעהויבן.

* * *

די האַלבע ראָטע פון גאַרניזאָן איז אַרויס פון סעמידאָל האַלב אַכט אין דער פרי. באַגלייט האָט זי אַ געדיכטער גלאָקנקלאַנג, ווייל ס'איז געווען זונטאָג, און סעמידאָל האָט — אַזוי ווי ביים לעקע־שעוואַטן מלך — אָנגעפאַנגען דעם יום-טוב מיט אַ תפילה.

האַלב אַכט אין דער פרי זיינען דורך די רוטשיער הויפן, איבער די מיט ווילד־גראָז באַוואַקסענע וועגעלעך, צווישן די גע־פלאָכטענע פלויטן און דרענגלעך־צאַמען אַרויס צום טראַקט אויס־געפוצטע פויערטעס. עמעצער איז געפאָרן מיט פערד צו דער ביי־טאָגיקער תפילה, אָנפאַקנדיק אין וואָגן קינדערלעך און יונגע ווייבלעך מיט זויגקינדער. איבערן טראַקט האָבן זיך גענומען דריען קניילכלעך שטויב, האָבן גענומען שווינדלען די בונטע פלעקן פון די באַרטעכער און העמדער. נאָר אויפן האַלבן וועג צו סאַנשינאָ, ווען פון הינטער דעם נאַקעטן בערגל האָט זיך באַוויזן דער טורקאָזענער קליינער קופּאָל פון דעם גלאָקנטורעם, האָבן זיך

די רוטשיער פּיליגרימען גענומען לאַנגזאַמער באַוועגן. צו אַנט־פאַנגען זיי האָט זיך איבערן טראַקט אַ שאָט געטאָן אַ קאָמפּאַניע באַוואָפנטע רייטער. מען האָט געזען, ווי ס'די ביקסן האָבן אונטער־געשפּרונגען אויף די רוקנס פון די רייטערס. דער וואָגן, וואָס איז געפאָרן פאַראויס פאַר די רוטשיער איינוואוינער, האָט זיך אָפּגע־שטעלט, איז פאַרזיכטיק אַראָפּגעקראָכן פון טראַקט אויפן פעלד, דערנאָך האָט ער אַנטשיידן אויסגעקערעוועט צוריק. אין צוויי־דריי מינוט אַרום האָבן זיך אַלע וועגענער געקייקלט צוריק, קיין רו־טשיע, האָבן געקנאַקט מיט די וואָגן־קוישן און אויפגעהויבן זיילן שטויב. די פּויערים האָבן געשמיסן זייערע שקאַפּעס מיט וויפל כוח זיי האָבן נאָר געהאַט. בלויז די גערולדיקע און שרעקלאָזע פּויערטעס זיינען אין שיטערע פאַרביקע קופּקעס ווייטער געפאָרן צו דעם טורקאָזענעם קליינעם קופּאָל פון דעם גלאָקנטורעם. עמע־צער פון די איבערגעשראָקענע פּויערים — אפשר פון דעם ערשטן וואָגן, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער מיליטער־אָפּטיי־לונג — האָט אַרויסגעלאָזן ניט גאָר קיין פאַרשטענדלעך וואָרט:

— די שטראָפער!

און דאָס וואָרט האָט זיך גענומען דרייען אין קנוילן שטויב, און איז געוואָרן באַוואַקסן מיט אומרו, מיט בהלה, מיט פּחד.

אין רוטשיע איז עמעצן אַרויף אויפן זינען אַ פראַגע טאָן:

— פון וואַנען האָבן זיך דאָס אין סאַנשינאַ גענומען די שטראָפער?

אָבער דער פּחד האָט ניט אָפּגעלאָזן:

— נאַראָנים זיינען זיי, זיי זאָלן פאָרן פון סעמידראָל?

— זיי זיינען געפאָרן אַרום.

— געפאָרן אַרום!

און ס'איז אַוועק איבער די פּלויטן און צוימען:

— געפאָרן אַרום!

— געפאָרן אַרום!

— די שטראָפער!

סטאַריע־רוטשיע האָט זיך פאַרטייעט. די קליינע קינדער־

האָט מען אַרייַנגעטריבן אין די כּאַטעס, די טויערן און די לאָדן האָט מען פאַרהאַקט.

די רייטער־אָפּטײלונג איז אַרייַנגעפֿאָרן אין רוטשיע טריט־ווייז און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן טראַקט אין מיטן דאָרף. די רייטער זיינען געווען אָנגעטאָן פֿאַרשיידן — ווער אין וואָס — און האָבן תּיכּף דערמאָנט סיי אָן פּויערים, סיי אָן סאָלדאַטן, אָט פּונקט ווי די רויטאַרמייער פֿון דעם צונויפֿגעזעצטן פּאָלק, וואָס די רוטשיער האָבן געזען אין סעמידאָל. זיי האָבן זיך אין אײַלעניש אַרומגעקליבן אַרום דעם קאָמאַנדיר, וואָס איז געווען ענלעך צו אַן אָפיציר, נאָר אין אַן אויסטערלישער פֿאַרשיידנאַרטיקער אוניפֿאָרם. ער האָט זיי עפּעס לאַנג דערקלערט און באַוויזן בשעת מעשה מיטן האַנט אויף די וועגן, וואָס האָבן זיך אַוועקגעצויגן פֿון דעם טראַקט אין די סעדער אַריין, דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער אַרויפֿגעכאַפּט אויף די פֿערד, האָבן זיך צעטיילט אין פּאָרן, און דער הערלעכער אָפּדאַך פֿון די סעדער האָט זיי אײַנגעשלונגען.

דער קאָמאַנדיר איז אַוועקגעריטן טריטווייז איבערן טראַקט קיין סעמידאָל, אין דער באַגלייטונג פֿון אַ הייפֿל סאָלדאַטן.

און פּלוצלונג האָט ערגעץ אין דער סאַמע געדיכטעניש פֿון די סעדער אַ קנאַל געטאָן אַ שאָס.

כּהרף־עין האָט אים אָפּגעענטפֿערט אַ צווייטער, און איבער דעם גאַנצן געגנט האָט, פֿאַרהאַקנדיק זיך אין דעם ווילדגראָז, זיך צעשאָטן אַן אָפּגעריסענע אײַליקע קנאַלערײַ פֿון ביקסן. די דערשראָקענע פֿערד, וואָס זיינען ניט געווען געוווינט צו דער שי־סעריי, האָבן געטראָגן די רייטער אָן אַ וועג און אָן אַ שטעג, האָבן צעטראָטן די פּלויטן און זיינען געשפּרונגען איבער די גראָבנס. מען האָט זיך ניט געקענט אָריענטירן, פֿונוואַנען די שיסעריי איז געגאַנגען, און די רייטער האָבן געענטפֿערט אויף איר אָן אַ טאָלק, אין דער לופֿטן, אין דעם וועלדל פֿון די טאָראָנען און קאַרשנ־ביימער.

אויפֿגעזאַמלט זיך אויפֿן טראַקט, האָבן זיי געגעבן עטלעכע זאַלפּן איבער די סעדער און, זיך אויסגעשפּרייט אין אַן אומגע־

אָרדנטער קאַוואַלקאַדע, האָבן זיי זיך אַוועקגעיאָגט צוריק, קיין סאַנשינאַ.

די האַלבע ראָטע פון דעם סעמידאָלער גאַרניזאָן האָט ניט געענטפערט אויף די זאַלפן און איז אַוועקגעגאַנגען פון סטאַריע רוטשיע צו דער שטאָט־צו און האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויף די משופּעדיקע בערגלעך מיטן פּנים צו די רוטשיער סעדער.

סטאַריע רוטשיע איז געוואָרן אָפּגעשטאָרבן און איז געלעגן אָן אָטעם ביז די זון האָט ניט דערגרייכט האַלבן טאָג. דער הימל איז צו יענער צייט געוואָרן דורכזיכטיק, דער האַרבסט־טאָג האָט זיך אויסגעשטאַנען נאָך דעם שטאַרקן פרימאָרגן־פרעסטל, און דעמאָלט האָט זיך אין דער שטילקייט און קלאָרקייט פון דעם האַלבן טאָג אַריינגעריסן אַ ווילד טופּען פון קלויען, און איבערן דאָרף, פון שטוב צו שטוב, איבער די סעדער, פון טויער צו טויער, איבער די פאַרפּלאָנטערטע ווענעלעך און שטעגעלעך האָט זיך דורכגעטראָגן אַ טויט־שרעק.

עפּעס צעטומלטע, צעפּליקטע פּויערים זיינען צוגעלאָפן צו די פאַרטייעטע שטיבער, האָבן געקלאַפּט מיט די פויסטן אין די טויערן און אין די לאָדנס, האָבן אויסגעשריען בהלהדיקע ווערטער און — איבערגעשראָקענע — זיינען זיי געלאָפן ווייטער. אין די שטיבער האָט זיך אויפגעהויבן אַ מידער ווייבערשער געוואַי, די קינדערלעך האָבן אים אונטערגעכאַפּט אויף די אונטערשטע קעלכלעך; פאַרשמייעטע, זשוואַווע מיידלעך האָבן זיך דאָ באַוויזן אויף די הויפן, דאָ פאַרשוואונדן געוואָרן. איינציקווייז, איינגעבויגן צו דער ערד, האַלטנדיק זיך מיט די פּלויטן און קוסטעס, האָבן זיך די פּויערים אַרויסגעקראָגן פון דאָרף.

די דאָרפישע אַסיפה האָט זיך פאַרזאַמלט הינטער רוטשיע אויף אַן אויסגעפּליכטן שטח, וואו פון די פאַרלאָזענע סעדער האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט איינזאַמע ביימער פון ווילדע פרוכט און דער אויסגעטריקנטער אַגרעסן־קוסט מיט די אייזערנע דערנער איז אַזוי ווי מיט בייזע בייטשן געקראָגן איבער די נידעריקע ערטער.

אויף די הויכענישן, אָן אַ זייט פון דעם סאַנשינער אָפּגעלע־

גענעם וועג, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט וועג־בלומען, האָט זיך געאײַלט א הייפל מענטשן, אָנגעטאָן אין טונקל־גרויע מאָרד־ווינישע זשופּאַנעס. אין מיטן דעם הייפל איז אויף אַן אראָפּגע־פּאַלענעם עפּלבוים געזעסן א מענטש — וואָס איז ניט געווען ענ־לעך אויף א מאָרדווינער — אין מאָרדווינישע יום־טובדיקע מלבושים, מיט העלע אויגן, א געגאָלטער. לעבן אים האָט זיך געוואַלגערט א גרויע, אויסגעברענטע קורטקע פון א סאָלדאַט. די אָנגעזאָטלטע פערד האָט מען פון דער ווײַטנס געהאַלטן פאַרן צוים.

די אסיפה פון די רוטשיער פּויערים האָט אַרײַנגענומען און אַרײַנגעצויגן אין דעם רינג די רײַטער, ניט ווײַט פון דעם בערגל, אויף וועלכן דער אויסגעפּוצטער מאָרדווינער האָט זיך געמאַכט אַן אָרט. מיט די רײַטער האָט אָנגעפירט דער אָפיציר אין דער אויס־טערלישער אוניפאָרם.

— ווער וועט ריידן אין נאָמען פון דאָרפישן קהל? — האָט אַ ברום געטאָן א באַוואָנצמער סאָלדאַט, אונטערגאַרטלענדיק זיך בשעת מעשה און באַוועגנדיק מיט דער קרומער שווערד.

— גיי ארוים פאַראויס, לעבעדיק!

פון דער מחנה פּויערים, וואָס האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אין א קופּע, איז אומזיכער אַרויסגעקראָכן א נידעריקער באַבערדיק־טער מענטש מיט אייגעלעך, וואָס זײַנען געווען פאַרגראָבן אין די ברעמען. דער סאָלדאַט האָט זיך א לאָז געטאָן אויף אים:

— שטעלן־זיך־אנט־קע־גן?!

דער באַבערדיקטער האָט געביטן די פּנים און האָט געפינטלט מיט די אייגלעך.

— שטע-לן־זיך־אנט־קע־גן?!

דער סאָלדאַט האָט אויפגעהויבן די שווערד, דאָס קייטעלע פון דער פּאָרטופּעיע האָט דראָעריש א קלונג געטאָן איבער דער אייזערנער שייד.

— מיט די באָל־שע־ווי־קעס?!

דער באַבערדיקטער האָט זיך א וויג געטאָן צו דעם סאָלדאַט און האָט מיט א דינינק קעלכעלע אויסגעשריען א דערפרייטער:

— אומבאַדינגט חבר, מיט די באָלשאַקעס*, אומבאַדינגט, דאָס איז ביי אונז...

— א־א, אומבאַדינגט?

— אומבאַדינגט, חבר, דאָס גאַנצע דאָרף איז אַלע ווי איינער מיט די באָלשאַקעס...

דעמאָלט האָט דער סאָלדאַט אויפגעהויבן די שווערד און טרייסלענדיק מיט איר איבערן דעם באַבערדיקטנס קאָפּ, האָט ער גענומען גוואַלדעווען:

—גיב אַרויס דעם אָנפירער! ווער איז דער אָנפירער? דו— ביסט דער אָנפירער? זאָג, — דו?

— טייערער חבר, לאָז דערציילן ווי די זאַך איז ביי אונז...

— א־א, ח־בר!

פלינק אַרויסגעוואָרפן דעם גוף פאַראויס אויף די שנעלע פעסטע הענט, האָט זיך לעפּענדין געקייקלט פון דעם וועג צו דער קהלשער אסיפה. ער איז דורכגעקראָכן דורך די פיס פון די פערד, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די פויערים, און איז אונטערגעשפּרונגען צו דעם באַבערדיקטן מענטשן.

ווערנדיק רויט און אויסציענדיק די האַלז, האָט דער באַוואָנצטער סאָלדאַט זיך גערוקט אויף דעם המון:

— א־א־א, פאַרבאַהאַלטן דעם אָנפירער? שטעלן זיך אַנטקעגן?

פּלוצלונג האָבן זיך די פויערים גענומען רודערן, גענומען הוסטן, עטלעכע הענט האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דעם סאָלדאַט, עמעצער האָט אַראָפּגענומען און האָט ווידער אַרויפגערוקט דאָס היטל.

— וואָס קוועטשט איר זיך? איר האָט פאַרלאָרן דאָס לשון? — האָט דער סאָלדאַט אויסגעשריען.

דעמאָלט האָט זיך פון אַ צענדליק העלזער תיכף אַרויסגעשאָטן אויפן סאָלדאַט אַן אומגעלומפּערט וואָרט:

— לעפּענדין...

* באָלשעוויקעס.

— אַלץ לעפּענדין...

— פּיאָדאָר, ער וועט, הייסט עס, דערקלערן ווי אַזוי...

— לעפּענדין...

דער סאָלדאַט איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט געפרעגט:

— וועלכער?

די קעפּ און די הענט האָבן אַלע צוזאַמען באַוויזן אויף לע־פּענדינען. זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן, זיינען דערשראָקן אַריבער־געשפּרונגען פון דעם סאָלדאַט אויף דעם המון. די פּויערים האָבן אויף אים ניט געקוקט, און זייערע פּנימער זיינען געווען אַלע גלייך, אַזוי ווי אָפּגעהובלטע ברעטער.

ביי דעם סאָלדאַט איז אָפּגעפאַלן און געבליבן הענגען די אונטערשטע קינבאַק, ער האָט פאַרשטאַרט געקוקט אויף דעם אָפּ־געהאַקטן שטיקל מענטש, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון דער ערד.

אויף לעפּענדינס באַקן האָבן זיך דורך דער אָפּגעברענטקייט דורכגעשלאָגן גרינלעכע פלעקן, דאָס געזיכט איז געוואָרן באַ־שפּרענקלט און דער קאָפּ איז נאָך מער, ווי אַלע מאָל, געוואָרן ענלעך צו אַ מעלאָנע.

— עך! — האָט ער אַ קרעקע געטאָן און האָט נאָך אַמאָל מיט אַ פאַרלאָרענער מינע באַקוקט די פּויערים.

דערנאָך האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט זיך געווענדט צו דעם סאָלדאַט:

— אַט וואָס פאַר אַן ענין דאָס איז, חבר. ווי אונז איז, קענט איר אַליין זען...

נאָר דער סאָלדאַט איז פון דעם ערשטן בליק געקומען צו זיך...

ער האָט אַ שטויס געטאָן לעפּענדינען מיטן פוס אין ברוסט אַריין, און יענער איז אומגעפאַלן אויף דער ערד, אַזוי ווי אַן עמער מיט אַ קיילעכיקן דעק.

— וואַרט נאָר, — האָט דער אָפיציר אין דער אויסטער־לישער אוניפאָרם. וואָס האָט ביז דאַמאָלסט געהאַט געשוויגן, גע־

זאָגט. ער האָט פאַרקערעוועט דאָס פערד און האָט זיך אוועק־געיאָגט צו דעם בערגל, וואו אויף דעם איינגעפאַלענעם עפּלבוים איז געזעסן דער מענטש, וואָס איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ מאָרד־ווינער. דער מענטש האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אויפן וועג, איז צוגעגאַנגען צום פערד, איז געשטאַנען אַ ווײַלע לעבן די זאָטל־רינגען און האָט זיך אומגעקערט צו דעם איינגעפאַלענעם בוים. דער אָפיציר איז אָנגעפלויגן צו דער פאַרזאַמלונג.

— פיר! — האָט ער געזאָגט צו דעם באַוואָנצטן סאָלדאַט.

לעפּענדין איז נאָך אַלץ געלעגן אַזוי ווי אַן איבערגעקערטער עמער. דער סאָלדאַט האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און האָט אים אַ זעץ געטאָן מיטן שווערד. ער האָט זיך איבערגעקערט פון רוקן אויפן בויך, האָט איינגעבויגן די הענט אין די איילנבויגנס, האָט איינגעפעסטיקט אין דער ערד זיינע האַנטבערעטלעך, האָט זיך אויפ־געהויבן און זיך אַוועקגעזעצט.

— פויזע אוועק פון דאַנען, דו מיאוסקייט! — האָט דער סאָלדאַט אויסגעשריען.

לעפּענדין האָט זיך אָנגעבויגן און האָט איבערגעשטעלט די הענט. נאָר איידער ער האָט זיך אַריבערגעזעצט אויף אַ טראָט פאַראויס, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אומגעקערט צו די פויערים און האָט נאָך אַמאָל דערזען אָפּגעהובלטע ברעטער אָנשטאָט מענטש־לעכע פּנימער.

— געגאַנגען!

אויף דעם בערגל איז לעפּענדין געזעסן אַנטקעגן דעם העל־אויגיקן געגאָלטן מענטשן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ מאָרד־ווינער. ער האָט געזען, ווי דאָס אויפגעעפנטע מויל פונעם מענטשן האָט זיך אומרויִק באַוועגט, האָט געהערט זיין גלאַטע שטימע, אָבער סיי זיינע ווערטער, סיי די ווערטער פון עפּעס אַנדערע מענטשן אין טונקל־גרויע טשאַמפּאַנעס, וואָס האָבן געשריען אויף אים און געפאָדערט אַן ענטפער, האָט ער ניט פאַרשטאַנען. ער האָט בלויז געשמייכלט מיט אַ מינע פון אַ פאַרשולדיקטן און האָט גע־

ביטן די האַנטבּרעטלעך, און האָט זיך געפּלייסט צו זעצן זיך ווי־באַקוועמער.

דער סאָלדאַט אין דער גרויער אויסגעבּרענטער קורטקע און יענער, דער באַוואָנצטער, וועלכער האָט געטריבן לעפּענדינען, ביז וואַנען ער האָט ניט אַרויפגעקלעטערט אויפן בערגל, זיינען שנעל אַוועק אָן אַ זייט. אויף לעפּענדינען האָט מען נאָך אַלץ געשריען, און דעם געפּילדער פון די ריידערייען האָט מען אַזוי ווי פריער ניט געקענט פונאַנדערקלייבן און ער איז געוועזן נעפּלהאַפּט. און לעפּענדין האָט ווייטער מיט אַ דינסט־גרייטער און פאַרשולדיקטער מינע געשמייכלט, ווען די סאָלדאַטן האָבן זיך אומגעקערט. די מענטשן אין די טשאַפּאַנעס האָבן זיי געלאָזן דעם וועג, און לעפּענ־דין האָט הינטער די מענטשן דערזען אַ שטריקל, וואָס איז אַראָפּ־געהאַנגען פון אַ סוק פון אַן איינזאַמען קרומען עפּלבּוים. דער מענטש, וואָס איז געווען אָנגעטאָן פאַר אַ מאָרדווינער, האָט זיך מיט אימפּעט אויפגעהויבן פון דעם איינגעפאַלענעם בוים, האָט אויפגעהויבן די האַנט ביז דער פּלייצע, האָט מיט אַן אויסגע־צויגענעם פינגער באַוויזן אויף דעם עפּלבּוים און האָט אויסגע־שריען עפּעס אַ קלעפּיק וואָרט.

דעמאָלט האָט זיך לעפּענדין אַ וויג געטאָן און האָט זיך צעיאָמערט:

— ברידערלע־עך! דאָס זיינען דאָך — דוי־ייטשן! ברוי־דער־לעך!

ער האָט אַ פאַל געגעבן אויף אַ זייט און האָט זיך אַוועק־געקייקלט אונטערן באַרג, צו די פּויערים.

נאָר מען האָט אים פאַרהאַלטן מיט די פיס און, אָנכאַפּנדיק פאַר די פיס, האָט מען אים אַוועקגעשלעפּט צו דעם עפּלבּוים.

דעמאָלט האָט ער גענומען קלאַפּן מיט די האַנטבּרעטלעך איבער די הענט און די קני פון די מענטשן, וואָס האָבן אים גע־שלעפּט. די האַנטבּרעטלעך האָט מען בּיי אים אַרויסגעקלאַפּט מיט די שיידן פון די שווערדן. ער האָט זיך גענומען בייסן און האָט — אויס פאַרצווייפלונג — געקוויטשעט, ווי אַ צעבּיסענער הונט. נאָר־

די מענטשן האָבן אים אַלץ געשלעפּט און האָבן אים מיט כוח אָפּ־געריסן פון די אַגרעסן־קוסטעס, ווען די אייזערנע דערנער האָבן זיך איינגעגעסן אין זיינע בגדים און אין זיין לייב.

— ברי־דער־לע־עך!

דאָס קוישל, וואָס האָט לעבעדיקערהייט געדינט פאַר אַ פּעסטן, באַקוועמען שוך, האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין הינטער־חלק און האָט זיך נאָכגעשלעפּט אויפן רימען נאָך דעם גוף, איבערלאָזנדיק אויף די קוסטעס דאָס געפּילעכץ פון די שמאַטעס.

— ברי־דער־לע־עך!

לעבעדיקערהייט האָט מען געבראַכט צו שלעפּן צו דעם עפּלבוים, די שטריק האָט מען צוגערוקט נעענטער צום שטאַם, כדי דער סוק זאָל זיך ניט אָפּברעכן פון שווערקייט, און ביי אַ מינוט אַן ערך האָט מען ניט געזען, וואָס ס'האָבן געטאָן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַנגעבויגן אונטערן סוק.

— ברי־ד...

דערנאָך האָט זיך איבער זייערע קעפּ גענומען וויגן אַ מיאוס אָפּגעהאַקט שטיקל פלייש, און די לאַנגע הענט, וואָס זיינען געווען צוגעדריקט צו אים, האָבן זיך אַ ריס געגעבן איינמאָל און אַ צווייטן מאָל אַן אַ זייט און זיך פּלוצלונג אויסגעגלייכט לענג אויס דעם גוף און האָבן זיך פאַרקוועטשט אין פויסטן, גלייך לעבעדיקערהייט האָט צום לעצטן מאָל געוואָלט איינשפּאַרן זיך מיט די הענט אין דער ערד.

דער מענטש, וואָס איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ מאָרדווינער, האָט לאַנגזאַם געדראָט מיטן פינגער, תחילת אויף דעם אויפגע־האַנגענעם, דערנאָך אויף דער פאַרזאַמלונג פונם דאָרף, איז שטיל געשטאַנען אונטערן בערגל אין דעם רינג פון דער רייטער-אָפּ־טיילונג.

דעמאָלט האָט עמעצער צווישן דעם המון פּויערים שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט, אַ זיפץ געטאָן:

– גאָט, גיב כוח... פּיאָדאָר איז דאָך סיי־ווי־סיי אַ קריפּל.

— עך, יונגערמאַן! וויפל יאַגדעס זיינען ביי אונז פאַראַן! קאַרשנבּיינער זיינען ביי אונז — ממש אַ ים! היינט פלוימען און טאַראָנעס — ווילן אַפילו קיין חזירים ניט עסן! און אויף די בייטן, אויף די בייטן, יונגערמאַן, איז אַלץ רויט פון פּאָזשימקעס, און די פּאָזשימקעס זיינען — אָט ווי אַ פויסט די גרייס! וויכטאָריע, דאָרטן, פאַרשיידענע, גיבצייטיקע — אַי־אַי־אַי! היינט עפּל — אַ גאַנצן ווינטער שלינגען מיר זיי, און מיר ווייקן זיי, און מיר זאַלצן זיי, און מיר טריקענען זיי, און מיר קענען בשום אופן ניט פּטור ווערן מיט זיי, אַזוי פיל זיינען זיי דאָ! אַ מאַרק שטעלט זיך אויס ביי אונז...

יאָ, יאָ, לעפּענדין, דאָס אַלץ איז אין סטאַריע רוטשיע פאַראַן איבערגענוג....

* * *

דאָס סאַמע שרעקלעכע — איז אָפּשטעלן זיך אויף אַ וועלכן־ס'איז געזיכט, דערזען פרעמדע אויגן. דאָס סאַמע שרעקלעכע — איז פלוצלונג דערשפּירן, אַז דער המון באַשטייט פון זייער פיל מענטשן, וואָס זיינען ניט ענלעך איינע אויף די אַנדערע און אַז יעדער מענטש — איז אַ דם־שונא דעם צווייטנס גערדאַנק און האַסט דעם צווייטנס וואָרט. דעמאָלט — איז עס אַ חרפּה.

קוקן דאַרף מען אין דער הויך איבער די קעפּ, הערן — בלויז די אייגענע ווערטער און ניט קוויקן זיך מיט זיי דאַרף מען, נאָר וואַרפן זיי מיט עקל, אַזוי ווי אומנוציקע אַלטוואַרג, וואָס שטערט דעם גערדאַנק. דעמאָלט — איז עס אַ ניצחון.

אָט ווי איצטער, איינער אַליין, אין דעם פאַרמאַכטן צימער — איז עס אַ ניצחון. אַנדרעי האָט אָפּגעזוכט אַלע ווערטער, וועלכע מען דאַרף האָבן, כדי אויפצומונטערן די אויסגעמאַטערטע סאָלדאַטן צו נעמען זיך ווידער פאַר דעם געווער. אַנדרעי האָט צוגעגרייט אַ רעדע. ער האָט זי אויסגעלערנט. ער האָט אָפּגעוואויגן דעם כוח פון יעדער פּויזע. ער ווייס, ווען און ווי אויפצוהייבן די האַנט, ווען אָפּצושטעלן זיך און ווען צו געבן פרייהייט די אומגעצאַמטע ווערטער. אַנדרעי איז גרייט.

נאָר אין דעם ברעטערדיקן לאַגער - באַראַק — איז ניט קיין המון, נייערט זייער אַ סך מענטשן. יעדערער האָט זיינע אויגן, און איבער די אויגן הענגען אַנגעברוגזט אָפּגעבליאַקעוועטע, דורכגעשאָסענע דאַשיקלאָזע היטלען. די אויגן זיינען פאַרדעכטיק, די אויגן זיינען מיד און פּוסט. וואָס ליגט פאַרבאָרגן הינטער דער דאָזיקער פּוסטקייט? די קאַלטע פינסטערניש פון די בלינדאַזשן און דער זיפּלעכער טשאַד פון די שפּיטאָלן, די ווייסע ביינער, וואָס זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דעם צעקוואַטשעטן פלייש, דאָס בלוט, וואָס טריפט אַראָפּ פון דעם שטעכיקן דראָט און די פאַרשטיקטע, שטייזיקע פייכטקייט פון די שוצגריבער. מיט וואָס קענסטו איבעראַשן אַזעלכע אויגן? זיי האָבן אַלץ געזען, זיי ווייסן אַלץ, זיי דאַרפן גאָרניט, זיי איז פּוסט, זיי איז אומענדלעך פּוסט אין דער דאָזיקער וועלט. די וועלט פון בלינדאַזשן, פון שוצגריבער און שפּיטאָלן האָט נאָך ניט צוגעטראַכט קיין ווערטער, וואָס זאָלן קענען אָנפילן די פּוסטקייט פון אַזעלכע אויגן, און אויף דער וועלט וועט קיין זאַך ניט קענען אַראָפּנעמען די אומבאַוועגלעכקייט פון די פּנימער, וואָס זיינען פאַרווינטיקט מיט דעם בלוטיקן ווינט.

אָט האָבן זיי זיך אויפגעדרענגט אין דעם נידעריקן ברעטערבאַראַק — פאַרהאַרטעוועטע, אין דעם מלחמה־וואַרשטאַט אָפּגעשליפענע פּנימער. הונדערטער פאַרשיידנקאַליבערדיקע לולקעס שטעקן אין זייערע פאַרהאַקטע מיילער, און די געלבלעכע, תכלית־דיקע, בלויע שטרעמעלעך, וואָס רייסן זיך אָפּ פון געזיכט, מאַכן דיקער דעם רויכיקן פאַרהאַנג איבער די דאַשיקלאָזע היטלען. דער פאַרהאַנג איז צונויפגעזעצט פון דעם ריח פון איבערגעברענטע קאַרשנבלעטער, און ס'דוכט זיך, אַז ערגעץ דאָ דערביי ברענט מען די סעדער.

די געפאַנגענע פּיפּקען זייערע לולקעס און רוקן זיך פויל פונאַנדער פאַר אַנדרעיען. ער איילט זיך צום באַנק, פון וועלכן קורט וואָן האָט געמאָלדן דעם באַראַק, אַז ס'וועט ריידן אַ רוס, און צוליב זיינע הויך אויפגעהויבענע פּלייצעס האָט מען קוים געקענט אונטערשיידן זיינע בלייך געוואָרענע ליפּן.

— ס'וועט ריידן אַ רוס? ס'איז דען ניט אַלץ איינס? זאָל זיין אַ רוס. געוויס וועט ער פּלאַפּלען וועגן דער רעוואָלוציע און וועגן פעלקער-פאַרברידערונג. אויף צען כפּרות דאַרף מען די פאַר־ברידערונג! קענען ניט פאַרטיליקן די טיפאָזע לייז און שווין אַ האַלב יאָר צייט, ווי יעדן טאָג זאָגן זיי צו אָפּצושיקן אַהיים. איבע־ריקנס זאָל זיין. הערן שאַדט ניט. טיילמאָל ברייען די רוסן אַזעלכע שטותערייען, אַז ס'איז צום לאַכן. און לאַכן קומט אויס זעלטן, דאָס דאַרף מען שעצן. זאָל זיין. די דאָזיקע ווערטער האָט געהאַט אין זינען דער קרומער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען פּונקט אַנט־קעגן אַנדרעיען. ער האָט געהאַט אַ בראָנזענעם פּנים, און דאָס שווערע אויגנלעפּל זיינס האָט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזן, דאָ אַ אייליק אַרויפגעפלויגן, גלייך ער האָט געוואָלט אַ פינטל־טאָן און האָט יעדעס מאָל געהאַט חרטה.

אַנדרעי זאָל נאָר ניט פאַרגעסן דעם אָנהייב פון זיין רעדע! ער זאָל נאָר ניט דערזען דאָס פרעמדע אויג, וואָס וועט אָט־אָט אַ פינטל טאָן און דערמאָנען, אַז הינטער זיין פּוסטקייט — געפינען זיך בלינדאַזשן און שפּיטאָלן, שוצגריבער און דראָט. און וואָס געפינט זיך הינטער דעם פלאַטערדיקן שרעק פון אַנדרעים אויגן? ער וועט רופן צו מלחמה? צי האָט ער אָבער געזען כאָטש איין בלינדאַזש? צי האָט ער זיך געוואַלגערט מיט אַ פונאַנדערגעריסענער קני אויף דעם שפּיטאָל־בעטל? צי איז ער איין נאַכט אָפּגעשלאָפן אין שוצגרוב? צי האָט ער געשניטן מיט אַ שער די דראָט־פאַרצאַ־מונגען, ווען מען האָט זיי באַגאָסן מיט בליי? ער וועט רופן צו מלחמה?

און אין דעם שטיל געוואָרענעם באַראַק, אונטער דעם רויך־פאַרהאַנג, וואָס שמעקט מיט איבערגעברענטן בלאַט, טראָגט זיך אַן אויפמונטערנדיקער קול:

— שטילער, איר נעבעכדיקע טייוואָלים! מען הערט ניט, וואָס דער רוס רעדט דאָרטן...

דוכט זיך ניט, אַז די סאָלדאַטן האָבן זיך צעלאַכט? וואָס איז עס? עמעצער צופּט אַנדרעיען פאַר אַ פּוס. צי דען שטייט ער

שוין לאנג אויפן באנק? ווי אזוי האט זיך אנגעהויבן די גוט איינ־געחזרטע רעדע? דער בראנז־פנימדיקער סאלדאט האט קיין פינטל ניט געטאן מיט זיין פוסטן אויג? וואס קייט ער דאס? גאלעט אדער ביסקוויט? עסטרייכישע ביסקוויט.

— עסטרייכישע ביסקוויט, — זאגט שטיל אנדרעי.

— א געשמאקע זאך! — רופט זיך אפ עפעס א סאלדאט.

און ווידער א געלעכטער. לאכן קומט אוים זעלטן, דאס דארף מען שעצן.

— עסטרייכישע ביסקוויט, — זאגט אנדרעי העכער.

קורט זאגט עפעס שנעל און דעמפיק. אנדרעי צאפט אן א פולע ברוסט מיט רויך: דער פארהאנג שפרייט זיך אין איין הייך מיט זיין קאפ; שטייענדיק אויפן בענקל, שפארט ער אים אונטער, אזוי ווי די שפיצן פון די בערג, וואס שפארן אונטער די וואלקנס.

— מיט א קורצער צייט צוריק, חברים, האט מען אונז ארויסגעגעבן די פעקלעך, וואס האבן זיך געהאט אנגעקליבן אין סאוועט מחמת דעם, וואס מען האט ניט געקענט אויפזוכן די גע־פאנגענע, צו וועלכע זיי זיינען געווען אדרעסירט. מער פון אלץ זיינען אזעלכע פעקלעך אנגעקומען פון עסטרייך. כ'האב זיך איצט דערמאנט וועגן דעם, ווייל איין חבר קייט דא עפעס עסטרייכישע ביסקוויט. די עסטרייכער זיינען גרויסע מייסטערס צו מאכן ביס־קווים.

— מאלט אייך, ביי אונז, אין זאקסן... — האט עפעס א סאל־דאט באמערקט.

— פארשטאפ דעם מויל, געדיכטע שווארצע קאווע! — האט אים א צווייטער געראטן.

— כ'האב זיך דערמאנט א מעשה מיט עסטרייכישע ביס־קוויט און איך וויל זי אייך דערציילן. אין דעם היגן סאוועט האבן געארבעט עטלעכע געפאנגענע. אין דער צייט פון אפרו האבן זיי זיך אויפגעקאכט קאווע. מען האט זיי געהאט ארויסגעגעבן פון מאגאזין א פעקל, וואס איז געווען אדרעסירט צו איינעם א שמידט. האבן זיי דעם פעקל צעטיילט צווישן זיך. איז אט איז צו איינעם

אַ געפאַנגענעם אריינגעפאַלן אזא הארטער ביסקוויט, אז ער האָט זיך שיר ניט צעבראָכן די ציינער. דער ביסקוויט האָט זיך צע־ברעקלט, און איינבייסן אים האָט דער סאָלדאט ניט געקענט. דע־מאָלט האָט ער אים איינגעווייקט אין דער קאווע און האָט אין די טויג געפונען אַ פארבאַקט רעדעלע פון צוויי שטיקלעך בלעכלעך אין דער פאָרם פון אַ מעדאַליאָן. דער סאָלדאט האָט מיט אַ מע־סער אויפגעעפנט דעם מעדאַליאָן און האָט אין אים געפונען אַ בריוו. דער דאָזיקער בריוו ליגט נאָך ביי מיר פונקט אזוי, ווי ער איז געווען, אין דעם בלעכענעם מעדאַליאָן, וואָס איז אַ ביסל פאַר־ראָסט געוואָרן. כ'וועל אייך איבערלייענען דעם בריוו. אָט איז ער:

ליבער גוסטאַוו!

שוין זעקס חדשים ווי פון דיר איז ניטאָ קיין שום ידיעות, און ליזבעט זאָגט, אז עס קען זיין, אז דו לעבסט שוין ניט מער. נאָר איך וויל דאָס ניט גלויבן. גוסטאַוו, אָן דיר האָב איך דאָך ניט נאָך וואָס צו לעבן. יענע וואָך האָט זיך אומגעקערט פון געפאַנגענשאַפט היינריך מע־נערט, מען האָט אים אָפּגעשניטן די האַנט ביז דער פּלייצע, און ער דערציילט, אז אין סיביר איז גאָר ניט אזוי שרעק־לעך, אז זומער איז אַפילו זייער היים און אז ברויט איז אין רוסלאַנד אַלץ פאַראַן לרוב. ער זאָגט, אז ס'איז גוט, וואָס דו ביסט אריינגעפאַלן אין רוסלאַנד, ווייל די גע־פאַנגענשאַפט וועט דיך אויפהיטן פאַר אונז, און אויפן פראָנט וואָלט זיך די זאַך געענדיקט ערגער. איך בעט נאָר גאָט, אז די מלחמה זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן, ווייל ס'איז געוואָרן שווער. ליבער גוסטאַוו, איך טראַכט אַלץ, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד וועסטו געפינען אונזער דערפל, ווען דו וועסט זיך אומקערן. ביי דעם מילנער טאָמאַס איז דער עלטערער זון געהרגעט געוואָרן, און דער יינגערער פּאָול איז געקומען פון פראָנט אַ בלינדער, און ער האָט אויפגעהערט צו ארבעטן, אזוי אז מיר דאַרפן פאָרן מאָלן קיין ליקענדאָרף. אַ דאַנק גאָט, וואָס דאָס קומט איצט אוים

זייער זעלטן צו טאָן, וואָרעם אונזער גרויער איז פאַר פסח אַוועקגעפאַלן, און איצט דאַרף מען אויף יעדער קלייניקייט דינגען אַ פערד. היינטיקן פרילינג האָבן מיר צוליב דעם גרויען און אויך צוליב דעם פאָטער, וואָס איז שוין מער ניט אויפגעשטאַנען פון בעט — ניט געזייט. היינט איז דער יום־טוב פון גאָטס גייסט, און נעכטן, אום גרינהגא, איז די מומע אַראָפּ פון זינען בעת דער תפילה. פאַר דעם צופאַל האָט מען געהאַט אָפּגעדרוקט איר בילד אין אונזער צייטונג, צוליב דעם, וואָס איר זעקסטער זון האַנס איז אויך געפאַלן אויפן פראָנט, ווי די פריערדיקע פינף, און בסך־הכל האָט זי געהאַט זעקס זין, וועגן וואָס איך האָב דיר צוויי מאָל געשריבן, איך ווייס אָבער ניט צי דו האָסט דעם בריוו באַקומען. זי איז משוגע געוואָרן פונקט דעמאָלט, ווען דער גייסטלעכער האָט געזאָגט, אַז די מומע אַננע האָט געבראַכט אויף דעם מזבח פון פאַ־טערלאַנד אַלץ, וואָס גאָט האָט איר געגעבן, און דער גאַנ־צער דאָרף האָט געוויינט. זיי מיר מוחל, ליבער גוסטאַוו, איך האָב אויך געוויינט אויף דיר און אויף דיין האַרציקן ברודער אווגוסט, וועגן וועלכן איך האָב דיר געשריבן, אַז ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין ברוסט, און אויף דעם פאָטער, וואָס האָט זיך פאָרט ניט דערוואַרט אויף דיין אומקערן זיך. ליזבעט זאָגט...

נאָר אין דעם אָרט פון בריוו האָט זיך דורך דער שטומקייט פון דעם באַראַק דורכגעריסן צו אַנדרעיען אַ ציטעריקער קול:

— הייסט עס, אַז דער פאָטער איז שוין ניטאָ?

אַנדרעי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— אפשר איז אווגוסט אויך געשטאָרבן? — האָט שאַרפער און העכער געגומען ציטערן דער קול.

עפּעס אַ האַנט מיט אויסגעדרייטע לאַנגע פינגער האָט זיך געצויגן איבער די קעפּ פון די געפאַנגענע צו אַנדרעיען.

— גיט אהער דעם בריוו! דאָס שרייבט דאָך עלזאַ!

— דאָס שרייבט עלזאַ, — האָט אַנדרעי געזאָגט, — אָט דאָ איז אונטערגעשריבן: עלזאַ.

די רויכלעך פון דער ליולקע האָבן געדיכטער און אייליקער גענומען שטראָמען פון די דזשיקלאָזע היטלען צו דעם פאַרהאַנג אונטערן דאַך. די געפאַנגענע האָבן זיך אָנגעוואַלגערט אויפן באַנק, און זייערע פּלוצלונג אײַנגעוואַקסן אין דעם פּנימלאָזן אויסוואַרטנדיקן המון.

און דעמאָלט האָט עפּעס קאַלטס אַ זעץ געטאָן אַנדרעיען אין רוקן — פון דעם קאַרק ביז די פּיאַטעס, — און ער האָט זיך דערמאָנט זיך אָן איר אַזאַ, ווי זי איז אים קיינמאָל ניט געקומען אויפן
מאָנט זיך אָן איר אַזאַ, ווי זי איז אים קיינמאָל ניט געקומען אויפן
זינען. און אַזוי ווי ער האָט ניט געזען ניט די פּנימער, ניט די פּוסטקייט הינטער די אומצייליקע אויגן, ניט דעם רויך־פאָרהאַנג, ניט דעם באַראַק, נאָר ער האָט זיך בלויז געטוקט אין דער קעלט, וואָס האָט פון ערגעץ געזעצט, האָט אַנדרעי מיט אַ העסלעכער בייזקייט אויף די ווערטער, וואָס האָבן געשטערט זיין געדאַנק, געשריען אין דער הויך איבער די קעפּ מיט די דורכגעשאָסענע דזשיקלאָזע היטלען, געשריען וועגן דעם,

וואָס מען דאַרף טאָן, כדי די פאַרלוירן געגאַנגענע בריוו זאָלן ניט זוכן אומזיסט די איבער דער וועלט פאַרלוירן געגאַנגענע שמידטן...

דערנאָך זיינען אַנדרעי און קורט געשטאַנען אין דעם רויש־לאָזן בין־השמשות אויפן הויף פון באַראַק און האָבן געוואַרט אויף אַן ענטפער פון די געפאַנגענע. און ווען ס'איז געוואָרן גאָר פינסטער, האָט זיך געעפנט די טיר פון באַראַק צו אַנדרעיען איז צוגעגאַנגען אַ סאָלדאַט און האָט אויף אים אַן אָטעם געטאָן מיט טאַבאַק פון קאַרשנבלעטער. די ליולקע האָט באַלויכטן זיין בראָנזפּנימדיקן איינאויגיקן קאָפּ. ער האָט שאַרף געזאָגט:

— איר קענט איבערגעבן אייער סאָוועט: די געפאַנגענע האָבן באַשלאָסן אונטערצוהאַלטן די באָלשעוויקעס.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן

דער סאַמאָוואַר איז ניט אַראָפּ פון טיש. די טרויב האָט מען מיט אַ לאַנגער קני אַריינגערוקט אין קאַמין, דאָס קיילנקערבל איז געשטאַנען אין איין ריי מיט די געשיר, וואָס איז געווען קלעפּיק און אַרומגענומען מיט ברודיקע פינגער. טיי האָט מען פאַרבריט דורכאויס אין צוויי טראַקטיר־טשאַיניקעס און מען האָט אים גע־טרונקען אַ געדיכטן, אַ שוואַרצן, אַזוי ווי יאַדינע. ס׳האָט זיך גע־ענדיקט די צווייטע נאַכט אָן שלאָף און אָן אָפּרו.

ביי גאַלאַסאָוון זיינען אָנגעשוואָלן געוואָרן די אויגנלעפּלען, אַזוי ווי ביי אַ קאַץ, נאָר זיינען געוואָרן אָפּגעוועלקט, און דער בליק איז געוואָרן אומגעהאָרזאַם און פויל, דעם קאָפּ האָט ער גע־האַלטן מיט די הענט, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די איילנבויגנס אָן טיש און האָט זיך מיט אַ טריבן בליק איינגעגעסן אין פּאָקי־סענס אויגן.

— איך גיי! — האָט ער הייזעריק געזאָגט.

פּאָקיסען איז געווען בלייך, די בלויע אָדערן אויף זיינע שלייפן האָבן זיך אומרויִק געוואָרפן. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו ריידן רויִק.

— אויף דיר ליגט די שטאָט און דער קרייז. דער קריגסקאָם פאַרשטייט גאָרניט אין די זאַכן. אויף דיר ליגט די ציַיטונג, אויף דיר ליגט אַלץ. איך גיי.

— ניין, איך.

— דאָס וועלן מיר זען.

— וועלן מיר זען!

— גיי איך.

— ניין, איך.

דער טריבער בליק דערנעענטערט זיך צו די גאָלדענע ברילן מיט די פעטע גלעזלעך. די ווייסע אויגן וואַרפן מיט קעלט דורך די פעטע גלעזלעך. די פּנימער דערנעענטערן זיך לאַנגזאַם און אַנט־שלאָסן, די פּנימער זיינען עקשנותדיק און פינסטער, די פּנימער זיינען האַרט אַזוי ווי שטיינער.

— איך!

— ניין, איך!

— וואָס מאַכט איר... אַזוי ווי שעפּסן, — האָט דער קריגס־קאָם אַ סאָפּע געטאָן און האָט זיך אַריינגעוואָלגערט אין צימער. ער האָט, אַזוי ווי פריער, שווער געאָטעמט, האָט געסאָפּעט און האָט געגלאָנצט פון שוויס, האָט גערעדט, פאַרכלינענדיק זיך און כאַפּנדיק לאַנג מיטן מויל די לופט. דאָס לעבן האָט אים מיד געמאַכט אויף שטענדיק, און קיין שום נייע מידיקייט, ניט די אַרבעט, ניט די שלאָפלאָזע נעכט האָבן ניט געקענט ענדערן זיין אויסזען.

— אין אַ שעה אַרום וועט די מיליטער-אָפּטיילונג זיין גרייט אָפּצומאַרשירן, — האָט ער געזאָגט און אָנגעזאָפּט טיי, — די די ראָטע פון דעם צונויפגעזעצטן פאָלק וואַרט אויף אים לעבן סטאַרע רוטשיע. די אויפגאַבע איז — צו צען אַ זייגער אין דער פרי פאַרנעמען סאַנשינאַ.

ער האָט אָפּגעזופּט אַ ביסל פון דעם טיי און האָט זיך אומגעקערט.

גאַלאָסאָוו און פּאָקיסען האָבן זיך ניט באַוועגט. זייערע מיט בלוט אָנגעגאָסענע שטערנס האָבן זיך כמעט אָנגערירט איינע אָן די אַנדערע, די ליפּן האָבן קלאַנגלאָז געצוקט, און אין די אויסגעשטאַרצטע אויגן האָט געגליווערט דער געלער פלעק פון לאָמפּ.

— פּ־פּו, ט־טייוול! וואָס איז מיט אייך? — האָט דער קריגס־קאָם אַ סאָפּע געטאָן

דעמאָלט האָבן זיך גאַלאָסאָוו און פּאָקיסען אַ וואָרף געטאָן צו אים און האָבן איינע נאָך די אַנדערע גענומען גוואַלדעווען:

— גיב אים, זיי מוחל, צו דערקלערן, אַז מיין אָנוועזנהייט אין שטאָט איז כלל ניט נייטיק!

— שטות, טיפּשות! אין אַזאַ צייט אוועקוואַרפן די באַזונדער־אָפּטיילונג...

— וואָרט־אונטער!

— ווען ס'וואָלט זיך גערעדט...

— שטיי! איך זאָג, אַז...

דער קריגסקאָם האָט גענומען פּאָכן מיט די הענט:

— גענוג! פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען!

ער איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט, האָט זיך אַריינגעזעצט אין פאָטעל און האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ פּאַפּיראָסנשפּיץ.

— איידער איך הייב מיט אייך אָן צו דיספּוטירן, — האָט ער געזאָגט, געסאָפּעט און געבלאָזן אויפן פּאַפּיראָס, — מוז איך אייך, חברים, איבערגעבן איין באַשלוס. לויט מיין באַריכט האָט דער קאָמיטעט באַשטימט פאַר אַ קאָמיסאַר פון דער מיליטער־אָפּטיילונג דעם חבר פאַקיסען...

גאַלאַסאַוו איז אָפּגעשפּרונגען צום פענסטער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן רוקן צום קריגסקאָם. פאַקיסען האָט צורעכט געמאַכט די ברילן:

— דו זאָגסט, אַז די מיליטער־אָפּטיילונג גייט אַרויס אין אַ שעה אַרום?

— כאַפּט אייך דער טייוול! — האָט גאַלאַסאַוו אַרויסגע־ברומט און האָט זיך אַ ריס געטאָן צום אַרויסגאַנג. — כ׳וועל זיין אין דער דרוקעריי.

אַריינזעצנדיק די קנאַפּל אין דעם קלינגענדיקן דיל, האָט ער פון האַסט אַ זעץ געטאָן איבער דער טיר־הענטל און האָט אויפגע־פּראַלט די טיר. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סעקונדע, האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן אויף צוריק און איז צוגעגאַנגען צו פאַקיסענען.

— אַ גליקלעכע רייזע, פאַקיסען, — האָט ער געזאָגט.

— צום ווידערזען, סיאָמע.

זיי האָבן צוויי מאָל איינע די אַנדערע קורץ אַ טרייסל געטאָן די הענט, און גאַלאַסאַוו איז אַרויסגעפלויגן פון צימער.

אין פירהויז האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער ניאַנקע. זי איז געגאַנגען מיט אַ ליכט, און די אומרויִקע שיין האָט געצי־טערט איבער אירע טונקעלע צעקנייטשטע באַקן. זי האָט צוגע־האַלטן גאַלאַסאַוון פאַרן אַרבל און האָט מיט אַ זקנישן געפּליס־טערל געפּרעגט:

— דער סאַמאָוואַר זי־ידט?

— וואָסי?

— כ'רעכן, אַז דו וועסט זיך באַלד אומקערן, איז זאָל מען אָנוואַרעמען צי ניט?

— גוט! — האָט זיך גאַלאַסאָוו אַרויסגעמאַכט.

די ניאַנקע האָט זיך אײליק אַ צי געטאָן צו אים און, ווי אַן אַלטע פאַרשווערערין, וואָס איז פאַרטרויט אין אַלע סודות, האָט זי שטרענג געפרעגט:

— איר וועט זיך דען איינקערעווען?

דעמאָלט האָט זיך אויף גאַלאַסאָווס געזיכט אַ וויג געטאָן אַ וואַרעמער שמייכל, און ער האָט אים פאַרשטעלט מיט דער דלאָניע — מיט זיין געוויינלעכער שעמעוודיקער באַוועגונג.

— מען וועט זיך אַן עצה געבן, ניאַניע, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און איז אַרויסגעלאָפן אויפן הויף.

פאַרטאָג האָט חבר גאַלאַסאָוו אין דער דרוקעריי, וואָס איז געווען פול מיט טשאַד פון די לאָמפּן, פאַרענדיקט לייענען די שפּאַלטן פון דעם אויפרוף פון דעם רעוודריילינג „צו די אַרבעטער, פּויערים און די אָרנטלעכע בירגער פון סעמידאָל".

די האָר, וואָס זיינען ביי אים געווען אַראָפּגעהאַנגען פון שטערן, זיינען אַלץ אָפטער און אָפטער געפאַלן אויפן פּאַפּיר. דער בלייער האָט געציטערט אויף די אויסגעקרימטע שורהלעך פון דעם פּעטן, מיט נאַפּט שמעקנדיקן אָפּצוג. די לעצטע ווערטער פון דעם אויפרוף זיינען געווען אַזוי אויסגעזעצט:

זאָל לעבן דער ניצחון פון די אַרבעטער
און פּויערים אין דער גאַנצער װעלט!

גאַלאַסאָוו האָט זיך מיט דעם טעמפּן בלייער אָנגעצילעוועט אויף דעם בוכשטאַב „פ", נאָר די לאַנגע גלייכע פּאַסמעס האָר האָבן פּלוצלונג פאַרשטעלט די צונויפגעפּלאָנטערטע שורות, און דער קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן אויפן האַנט. גאַלאַסאָוו האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן און האָט זיך אָנגעהאַנגען אָן טיש.

דער מעטראַנפּאַזש האָט פּאַרזיכטיק אַרויסגעצויגן דעם אָפּ־צוג פון אונטער דעם אומבאַוועגלעכן. פּאַטלאַטן קאָפּ פון דעם פּאַר־זיצער פון אויספּירקאָם.

* * *

אין די דאָזיקע אויסטערלישע, איבעראַשנדיקע יאָרן, ווען מיר האָבן ניט באַוויזן צו קומען צו זיך פון איין שעה, האָט אונז שוין אַנידערגעשליידערט די צווייטע. מיר האָבן געמיינט, אַז אַ וואָסער שעה וועט פאַרלאַנגזאַמען איר לויף. מיר האָבן געהאָפט פאַרבינדן מיט אַ קניפּל די אויפגעשניטענע בלוט־געפעסן און איין מאָל, כאָטש איין מאָל אָן עטעם טאָן. מער האָבן מיר ניט געוועלט. מיר זיינען געווען גרייט צו יאָגן זיך ווייטער מיט דער צייט, ווייטער, אַראָפּבאַרג, צום טויט, אַזוי ווי אַלטע לייט. איינמאָל נאָר אָן עטעם טאָן! נאָר דער הוראַגאַן פון די שעהן איז ניט שטיל געוואָרן. און מיר זיינען געשטאָרבן, אייליק, לויפנדיק, אָן דעם לעצטן אָטעם, אָט טאַקע ווי מיר האָבן געקענט שטאַרבן אין די דאָזיקע אויסטערלישע, שטוינענדיקע יאָרן.

נאָר אפילו אין דעם טויט־הוראַגאַן פון די שעהן איז אויס־געפאַלן אַ שעה, וואָס אויף איר שאַרף האָט זיך אַנגעשנירלט דער טויט, אַזוי ווי אַ בליץ־אָפּפירער — כדי דער געוויטער אַליין זאָל נעמען שוידערן פון אימה, און כדי די ביטערניש גופא זאָל זיך נעמען וואַרפן אין קאָנוואולסיעס פון ביטערקייט.

אזא טאָג איז אויסגעפאַלן אין סעמידאַל אום מאָנטאָג, אויפן דריטן טאָג פון דער בהלה, אין אַ רעגנדיקן בין־השמשות, אין דעם ערשטן שלעכטן האַרבסט־וועטער. אין דער זעלבער שעה האָבן זיך קיין סעמידאַל אומגעקערט דער מיליטערישער פּליער שטשעפּאָוו מיט דעם אָבסערוואַטאָר. זיי זיינען געקומען צופוס, נאַסע, אַרומ־געריסענע.

— וואו איז דער ניופאָר? — האָט דער קריגסקאָם אַרויסגע־קוועטשט פון זיך, ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן אין דער רע־דאַקציע.

שטשעפּאָוו איז אַנידערגעפאַלן אויפן שטול, האָט גענומען פונאַנדערשנירלען די שטיוול.

— כ׳האָב געזאָגט, אַז מען זאָל ניט אונטערנעמען די אויסשפּירונג אָן דעם צווייטן פּראָבע־פּלי. אָט דער אַלטער קאַלאָש...

— ניופּאָר, ניופּאָר! — האָט זיך דער קריגסקאָם פאַרכליניעט, — איר האָט אים פאַרברענט?

— ניט געטראַכט.

— איר זייט אַראָפּ פון זינען, דער טייוול זאָל אייך...

— נעמט צו דעם ראַפּאָרט.

— טאָ רעדט שוין, טייוול...

דעמאָלט האָט דער אָבסערוואַטאָר, צורעכט מאַכנדיק דעם ברודיקן בינט אויף דער רעכטער האַנט, אַרויסגענומען פון בוזים מיט דער לינקער האַנט אַ צייכענונג פון דעם געגנט און האָט זי אוועקגעלייגט אויפן טיש.

דער קריגסקאָם האָט, סאָפּענדיק און בלאָזנדיק, זיך אָנגעבויגן איבער דעם צעקנייטשטן פּאַפּירל.

די אויסשפּירונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער קעגנער קאָנצענטרירט זיך אין ראַיאָן פון דאָרף סאַנשינאָ, אין דעם וואַלדלאָזן געגנט. די כוחות פונם קעגנער זיינען באַשטאַנען פון קליינע אינפאַנטעריע־אָפּטיילונגען, ניט מער פון דריי־פיר ראָטעס. די וואַנפּאָסטנס, וואָס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן ווי אַ צעריסענע שיסער־קייט, זיינען געווען אַרויסגערוקט איבערן טראַקט צו די רוטשיער סעדער. פעסטשטעלן גענוי, וואו ס׳געפינען זיך די מיליטער-טיילן אינם ראַיאָן פון סטאַרע רוטשיע, האָט די אויסשפּירונג ניט געקענט. לויט דער השערה פון דעם אָבסערוואַטאָר, זיינען די סעדער געווען פריי פון דעם שונא, מחמת סאַנשינאָ איז געלעגן אויף אַ בערגל, וואָס האָט קאָמאַנדירט איבערן געגנט. מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז גלייך הינטערן בערגל געפינט זיך דעם שונאס קאַראַוואַן. קיין פאַרבינדונג מיט דעם ווייטן הינטער־טייל איז ביי דעם שונא ניט געווען, און, אויף אַ שטח פון פופצן-צוואַנציק ווי׳אָרסט, אויפן טראַקט הינטער סאַנשינאָ און אויף די ביי־

וועגן, וואָס שליסן זיך אָן אים אָן, האָט מען ניט באַמערקט קיין שום באַוועגונג. דער שונא האָט ניט פאַרמאָגט קיין אַרטילעריע, און דער גאַנצער קאַראַוואַן זיינער איז באַשטאַנען פון פּראָוויאַנט־פורן. די פליגלען פון דעם שונא זיינען ניט געווען געדעקט. די באַדינגונגען פון דער באַלייכטונג בעתן פליען זיינען געווען גינ־סטיקע, די אָבסערוואַציע איז געמאַכט געוואָרן פון פיר הונדערט מעטער די הייך און האָט געהאַט אַ שייכות צו זונטאָג צוויי אַ זייגער ביינאַכט.

— דאָס הייסט, אַז איצט האָט עס פאַר אונז קיין שום ווערט ניט, — האָט גאַלאַסאַוו געזאָגט.

דער קריגסקאָם האָט גענומען סאָפּען:

— איר, חבר, בויט דאָ פאַרשיידענע סברות מכוח רוטשיע. דאָס איז ניט אונזער עסק. בכלל לייקנט ניט דער ראַפּאָרט די פאַקטן, וואָס האָבן זיך באַקומען דורך אַנדערע וועגן. נו, וואָס ווייטער?

— דער פליער וועט אייך ראַפּאָרטירן.

— דאָס איז אַלץ? — האָט גאַלאַסאַוו אויסגעשריען.

— נו, ניט אַלץ, — האָט שטשעפּאַוו געזאָגט און האָט פאַר־נאַנדערגעשפּיליעט דעם לעדערנעם גורט און די קורטקע.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער העמד עפּעס בויגנס פּאַפּיר, וואָס זיינען געווען צנוויפגעלייגט אין פירען, האָט זיי אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש, און באַלד האָט ער צוגעקלאַפּט מיט דער דלאָניע.

— שטייט חברים, אַ רגעלע גערולד. אויספאַרשנדיק דעם אָרט פון דעם שונא, האָט דער אָבסערוואַטאָר מיר געגעבן אַ צייכן, איך זאָל אויפהייבן זיך אויף 800 מעטער און האַלטן די ריכטונג צום טראַקט צו. אויף דעם אַכצנטן קילאָמעטער — אַן ערך — האָט דער מאָטאָר געגעבן אַן עקספּלאָזיע. איך האָב פאַרמאַכט דעם בענזין און האָט גענומען פּלאַנירן. אין אַ מינוט אַרום האָב איך געפּרוּווט עפענען דעם בענזין און האָב איינגעשלאָסן דעם קאָנ־טאַקט. פיר אויפרייסן, איינע נאָך די אַנדערע. איך האָב אָפּגעפּלאַ־נירט אויף אַ קליין פעלד, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פון וועג

דורך א יונגן דעמבן ווערדל. איך האָב פאַרקערעוועט דעם מאָטאָר אין דער צווייטער זייט און האָב קאָנטראָלירט די קאָמפּרעסיע. אין צוויי צילינדערס האָבן די אַריינלאָז־דעקלעך געטויגט אויף כפּרות. די מעשה דערפון איז, וואָס דער פּראָבע־פּלי האָט פעסטגעשטעלט פונקט.

פאַרשטענדיק מיטן האַנט דאָס געזיכט, האָט גאַלאָסאָוו געלאַכט. ער האָט זיך געטרייסלט פון געלעכטער, גלייך ווי פון אן אָנפאַל פון אן אומדערטערעגלעכן ווייטאָג, און זיינע פּאַסמעס האָר, וואָס האָבן זיך צונויפגעקלעפּט אַזוי ווי לאָקשן, האָבן זיך געטרייסלט און געפּאַטשט איבער די הענט.

שטשעפּאָוו האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט אויסגעשריען?

— צו וועלכע רוחות, סיאָמקע? איך רייד וועגן דער זאַך...

— וועגן דער זאַך... כאַ־כאַ... וועגן דער זאַך, וועגן וועלכער אויסער דיר פאַרשטייט קיינער ניט אויף הונדערט וויאָרסט אַרום און אַרום! אין דעם אַעראָפּלאַן־בּרוך דאַרף זיין קלאָרקייט? אַ? כאַ־כאַ!

— און ניופּאָר, וואָס איז מיטן ניופּאָר? — האָט זיך דער קריגסקאָם ווידער גענומען דענערווירן.

— ביי אַזאַ באַציִונג, חבר, קען איך ניט...

— אָבער זייט ניט אין כעס, שטשעפּאָוו, — האָט דער קריגסקאָם אַרויסגעשטאַמלט, גלייך ער וואָלט פאַרשלאָפן געוואָרן.

שטשעפּאָוו האָט אַרויסגעמורמלט:

— דאָס הייסט דאָך געמאַכט חוזק! דער רוח ווייס, וואָס ער האָט צוגעקלערט וועגן קלאַוודיע וואַסיליעוונען, איצט...

— כאַ-כאַ! מאָדנער מענטש! רייד פשוט!

— הכלל... נו, הכלל... כ'האָב דאָך ווירקלעך ניט געקענט אויסזויגן פון פינגער די רעזערוו־דעקלעך און די אינסטרומענטן! כ'האָב אַרויסגענומען פון דעם מאָטאָר... נו, טייוול, אַזאַ טייל, וואָס אָן אים איז ער כּלל קיין מאָטאָר ניט... הכלל, מיר האָבן איבערגעלאָזן דעם אַפּאַראַט אויף דעם אָרט, וואו ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן.

— כדי דער שונא זאָל אים פאַרברענען?

— ער קען אים ניט פאַרברענען אויך, ווייל קיין שום שונא איז דאָרט ניטאָ. און ווען מיר וואָלטן אים פאַרברענט, וואָלט ביי אונז...

— ווייטער, ווייטער!

— מיר זיינען אוועק ארום און ארום, מיטן וואַלד, קיין לעבעזשאַיקע. די באַנדע האָט דאָרטן איבערגענעכטיקט די נאַכט פון שבת אויף זונטאָג, האָט רעקווירירט די פערד און איז אוועק קיין סאַנשינאָ. די פויערים האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין די שטי־בער. דער וואָלאָסט־אויספירקאָם איז פאַרשלאָסן, און אויפן טיר הענגט אַ פּאַפּירל מיט אַן אויפשריפט... אָט איז עס, זעט.

שטשעפּאָוו האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ בויגן פּאַפּיר.

דער אויפרוף איז געווען געשריבן מיט געכתיבהטע אותיות, מיט שלעכטן טינט, משמעות אייגענע ארבעט.

רוסישע פויערים!

דאָס מאָרדווינישע פאָלק, וואָס האָט יאָרהונדערטער־לאַנג געשמאַכט אונטערן יאָך פון די צאַרישע סאַטראַפּן, איז אויפגעשטאַנען צו קעמפן פאַר זיין אומאָפּהענגיקייט און זיין פרייהייט. די רוסלענדישע רעוואָלוציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דאָס זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פון די פעלקער, האָט זיך אויף דער פּראַקטיק ארויסגעוויזן אַלס פּאַסטקע פאַר דעם גלייביקן פּראָסטן פאָלק. און פּונקט ווי פאַר דער רעוואָלוציע, אַזוי אויך נאָך איר, האַלטן די מאָסקווער טשינאָווניקעס מיט דער הילף פון סאָלדאַטן אַלע פרעמדע פעלקער אין שקלאַפן־יאָך.

ביי די מאָרדווינער נעמט מען צו דאָס ברויט, מען ווער־בירט מיט געוואַלד רעקרוטן, מען רעקווירירט די פורן, און מען רעכנט זיך ניט — ניט מיט דעם ווילן פון פאָלק, ניט מיט דער טרויעריקער לאַגע, אין וועלכער עס געפינען זיך די מאָרדווינישע דערפער.

רוסישע פויערים! איר ווייסט אַלע, וואָס פאַר אַ פריד־

לעבער אַרבעטליבנדיקער שבֿן דאָס מאָרדווינישע פֿאָלק איז. ער טראָגט אַריבער שטיל אַלע חוזק־מאַכעניש פֿון די צאַרישע משרתים, דען ער אָנערקענט, אַז דאָס גרויסע רוסישע פּויערטום טראָגט דעם צאַרישן יאָך צוזאַמען מיט אים. אָבער די געדולד פֿון דעם מאָרדווינישן פֿאָלק האָט זיך אויסגעשעפּט. ער האָט פֿאַרשטאַנען. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט מיט גוואַלד ניט אַרויסרייסן זיין פֿרייהייט פֿון די הענט פֿון די אונטערדריקער, וועט זיין גורל זיין אַ שרעקלעכער. און ער איז אויפֿגעשטאַנען.

דאָס מאָרדווינישע פֿאָלק זעט, ווי דאָס גרויסע רוסישע פּויערטום איז אָפּגענאַרט געוואָרן פֿון די רעוואָלוציאָנערן פּונקט אַזוי, ווי אַלע פֿעלקער, וואָס זיינען געגאַנגען אונטערן סצעפּטער פֿון דעם בלוטיקן רוסישן צאַר. דאָס מאָרדווינישע פֿאָלק וואָלט מיט פֿרייד געהאָלפֿן זיינע ברידער — דאָס גרויסע רוסישע פּויערטום, נאָר ער איז שוואַך און נייטיקט זיך אַליין אין הילף. ער רופֿט די רוסישע פּויערים צו דעם געמיינזאַמען ברידערלעכן אויפֿשטאַנד קעגן די באַדריקער און ער גלויבט, אַז מיט געמיינזאַמע כּוחות וועט ניט שווער זיין אַראָפּצוּוואַרפֿן דעם באָלשעוויסטישן יאָך פֿון די פּלייצעס פֿון דעם פּויער און דעם האָרעפּאַשניק.

דאָס מאָרדווינישע פֿאָלק ראַנגלט זיך פֿאַר דעם רעכט פֿריי צו באַשטימען זיין גורל. ער מישט זיך ניט אין די ענינים פֿון דעם גרויסן רוסישן פֿאָלק, נאָר מיט דעם כּוח פֿון געווער פֿאָדערט ער, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט זאָל אָנערקענען זיין רעכט אויף דער ערד, אויף דעם גלויבן, אויף דער אומאָפּהענגיקייט און אויף דער גלייכקייט מיט אַלע אַנדערע פֿרייע פֿעלקער. די ערלעכע פֿריינד, וואָס האָבן געבילדעט די מאָרדווינישע באַטאַליאָנען צו קעמפֿן מיט די באָלשעוויקעס, וועלן מיטהעלפֿן דער באַפֿרייונג פֿון דעם מאָרדווינישן פֿאָלק.

רוסישע פּויערים! העלפֿנדיק די מאָרדווינישע באַטאַל־

יאַנען, העלפּט איר זיך אַליין, ווייל זיי קעמפּן מיט אייערע אונטערדריקער — מיט די באָלשעוויקעס.

דאָס מאָרדווינישע פאָלק רופט אַלעמען אונטער זיין פאָן, וואָס טראָגט פרידן פאַר זיינע פריינד און טויט פאַר זיינע פיינד.

דער פריינד פון דער מאָרדווינישער פרייהייט
קאָמאַנדיר פון די באַטאַליאָנען

מאַרקגראַף פאָן צור
מילען שענאַו.

די אַנדערע אויפרופן זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער יערזן-שפּראַך * און איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט די זעלבע רוסישע געכתיבהטע בוכשטאַבן.

— בעסטיע! — האָט דער קריגסקאָם אַרויסגעסאָפּעט און געפּאָכעט אויף זיך מיט דער צייטונג, אַזוי ווי פון היץ.

גאַלאָסאַוו האָט גענומען צופן די פּאַסמעס האָר, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעזשמורעט, זיך צונויפגעקאָרטשעט, גלייך ער וואָלט זיך געגרייט אַ שפּרונג צו טאָן:

— די דאָזיקע פּאַפּירלעך זיינען טייערער פאַר יעדער אויס־שפּירונג. איצט האָבן מיר אַ פּונקט, וואוהין צו צילעווען.

— פון לעבעזשאַיקע זיינען מיר אַוועק... — האָט שטשע־פּאָוו געוואָלט ווייטער ריידן, נאָר גאַלאָסאַוו האָט אים ניט גע־לאָזט:

— שטותערייי! אַלץ איז קלאָר. דאָס איבעריקע — זיינען פּאַסירונגען פון אַ מיליטערישן פליער בעת אַ בירגער-מלחמה. דו וועסט אונז דערציילן וועגן זיי בעתן עסן די שוועמלעך און דעם מאַרינאַד...

ער האָט מיט דער דלאָניעלע פאַרשטעלט דעם שמייכל, האָט אַ וואָרף געטאָן אַן אויג אויף שטשעפּאָוון און האָט אומגעריכט אַ פרעג געטאָן מיט אַ זאָרגפולן ערנסט:

---

* אַ מאָרדווינישער דיאַלעקט.

— דו — ביסט געזונט? פאַרוואָס טרייסלסטו זיך?

שטשעפּאָוו איז געווען בלאַס, און אויף זיין פאַרגלעזערטן לינקן אויג האָט מאָדנע געציטערט דאָס אייבערשטע אויגנלעפּל.

— איך בין פאַרפראָרן, — האָט ער געזאָגט, — כ'האָב זיך געוואָלט מיט דיר דורכריידן מכוח...

— כ'וויים! — האָט גאָלאָסאָוו איבערגעריסן.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן פון טיש אַ שטיקל פּאַפּיר און האָט אָנגעצייכנט אויף אים עטלעכע ווערטער מיט אַ בלייער.

— מכוח דעם? — האָט ער געפרעגט און האָט איבערגעגעבן שטשעפּאָוון דאָס פּאַפּירל.

שטשעפּאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פּאַפּירל, האָט אים רעגולער אויפגעלייגט און באַהאַלטן אין קעשענע:

— יאָ. דו מוזט מסכים זיין, אַז דאָס איז געווען נאַריש.

— שטותעריי! קומט כ'וועל אייך אָנוואַרעמען, — האָט גאָלאָסאָוו געזאָגט.

אויף זיינע ליפּן האָט אַ צוק געטאָן אַ שמייכל, ער האָט אים צעריבן מיט אַן עקשנותדיקער גרימאַסע, האָט אָנגעכאַפּט שטשעפּאָוון און דעם אָבסערוואַטאָר פאַר די אַרבל, און האָט זיי אוועקגעשלעפּט צום טיר.

ווי נאָר זיי זיינען צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי זיך אויפגעמאַכט. דער מיט בלאַטע פאַרשפּריצטער אָרדינאַנס איז זיי געגאַנגען אַנטקעגן.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָ, חבר? — האָט גאָלאָסאָוו געפרעגט, גלייך ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן טורעם.

— דער קאָמיסאַר פון דער געמישטער ראַטע חבר פּאָקיסען... איז אין אַ אַטאַקע... אין דעם אָנגריף אויף סאַנשינאַ...

— נו!

— דער חבר פּאָקיסען איז דערהרגעט געוואָרן.

שטשעפּאָוון האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אויף דעם אַרבל, פאַר וועלכן גאָלאָסאָוו האָט אים געשלעפּט, האָט זיך אָנגעהאַנגען אַ טעמפּע משא.

* *
*

אין דער־אַ שעה איז חבר פּאַקיסענס פרוי געזעסן לעבן וועגעלע, איבער דעם אין קאָנווערט פאַרשפּילעטן קליינינקן אַטטי.

אַטטי האָט אַ לאַנגע צייט געשלאָפן און האָט געקוקט אויף דער מוטער מיט ריזיק־גרויסע מילך־אויגן.

אפשר האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געזונגען?

איר געזיכט איז געווען אַ שטיינערנס, אַ פאַרגליווערטס, די קינען און די באַקנביינער זיינען געוואָרן פלאַך, בלויז דאָס לאַנגע מויל האָט זיך אויסגעדרייט און האָט אַנטפּלעקט די פעסטע געלע אויסגעשטשירעטע ציינער.

— קליינער אַטטי! דו ווייסט נאָך ניט, וואָס פאַר אַ טעג די מיידלעך טאַנצן אויפן ברעג פון בעפּאָ־יאַרווי. און דו ביסט נאָך ניט איינגעשלאָפן אונטער זייערע לידער, און זיי האָבן נאָך דיר ניט געבראַכט די סאָסנע־צאַפּנס, און דו ביסט נאָך גאַר־גאַר אַ פּיטשינקער אַטטי.

— פּיטשינקער אַטטי! דו וועסט שוין מער ניט זען די מיידלעך פון דער אָזערע בעפּאָ־יאַרווי. און זיי וועלן שוין מער ניט זינגען איבער דיר קיין לידער און וועלן דיר ניט ברענגען קיין סאָסנע־צאַפּנס, און דו וועסט זיך ניט וויגן מיט זיי אויף די הוידעס, ווען דו וועסט זיין אַ גרויסער, גרויסער אַטטאַ.

— פּיטשינקער אַטטי! דו ווייסט נאָך ניט, אַז דיין טאַטע — איז אַ באָלשעוויק, און אַז די באָלשעוויקעס דאַרפן ניט האָבן קיין פרויען און דאַרפן ניט האָבן קיין קינדער, ווייל זייער בעפּאָ־יאַרווי איז ווייט, און די פרויען וועלן אים ניט זען, און די קינדער וועלן צו אים ניט דערגיין.

— פּיטשינקער אַטטי! דו ווייסט נאָך ניט, אַז דיין מוטער איז אומגליקלעך דערפאַר, ווייל דיין פאָטער — איז אויף מלחמה, און אויך דערפאַר, וואָס די מלחמה האָט ניט קיין סוף, און קיינער ווייס ניט, צי דיין פאָטער וועט קומען צוריק.

— אָבער פּיטשינקער אַטטי, אויב דיין פאָטער וועט ניט קומען פון דער מלחמה און אויב דיין מוטער וועט אומקומען פון

פיין און נויט, און קיינער וועט מיט דיר מער ניט זינגען וועגן באפא־יארווי, איז זאג מיר צו פון וויגעלע, זאג צו, פיטשינקער אטטי, צו נוקם זיין זיך פארן פאטער און פאר דער מוטער.

— ווייל זיי האבן דיך ליב געהאט, פיטשינקער אטטי, ווייל זיי האבן ליב געהאט בעפא-יארווי.

— זאג־צו, אז דו וועסט זיך נוקם זיין.

זי האט געענדיקט זינגען און האט ארא־בגעלאזן דאס שטויערנע געזיכט אין דעם וועגעלע אריין און געווארט אויף אן ענטפער.

דער קלייניגקער אטטי איז געשלאפן.
דער קליינינקער אטטי האט פארמאכט די אויגן.

* * *

פון דעם קעלער, וואו ס'איז געזעסן די העלדין פון סעמידאלער טעאטער, האבן געפירט צווי וועגן. איין וועג האט געפירט איבער די סעמידאלער גאסן, אין די באזונדערע סעמידאלער בנינימלעך, צו די סאמאווארן, די הייליקע בילדער, די לאטקעס און סעמידאל האט אויסגעזען פון קעלער ארויס ווי אן אומענדלעכע רחבות, און די ארעמע הייזלעך מיט די געבעט־שטיבלעך, — ווי א פארשפראכענער רו-ארט.

דער צווייטער וועג איז געלעגן אין א גארטן, און ווייטער — דורך לאזע-קוסטעס איבער א בלאטע, פארביי דעם אייל־פאבריקל און ווייטער, איבער צעשטויבטע קליען, איבער א פוסטן פלאץ, אין א טאל אריין.

דער וועג איז ניט געווען אויסגעטראטן, ווי עס זיינען ניט אויסגעטראטן אלע וועגן, וואס פירן צום טויט, און צום טאל האבן איבער אים געטראטן מער מענטשלעכע פיס, וויפל עס האבן זיך אומגעקערט צוריק אין קעלער אריין.

אין דער־א צייט האט מען קלאודיע וואסיליעוונען איבערגעגעבן א קוישל מיט ברויט, פוטער, עפל, מיט א שטיק געקאכט חזיר־פלייש, מיט א צענדליק פלוימען. די מתנה האבן געזאמלט

די אַקטריסעס, און זיי האָבן ניט פאַרגעסן אַריינרוקן אין קיישל א פעקל פּאַפּיראָסן מיט אַ שאַכטל שוועבעלעך.

צוויי אויגן — בלישטשענדיקע און אויסגעקרימטע — האָבן געגומען נישטערן אין דער פינסטערניש פון קעלער, און דאָס קיישל האָט אַ סקריפּע געטאָן אויפן בעטל, לעבן קלאַוודיע וואַסיליעוונעס קני.

— איך באַגריס אייך, בירגערין, מיטן איבערגעבן אייך די מתנה. זייט מכבד מיט אַ פּאַפּירעסל, — האָט דער שיקלדיקער געענטפערט און איז פלינק אַריבערגעלאָפן מיט די אויגן פונם קיישל אויף קלאַוודיע וואַסיליעוונען.

זי האָט אָנגעטאַפּט די שוועבעלעך, האָט אָנגעריבן. דער שפּור פון דער שוועבעלע האָט אויפגעלויכטן אויפן שאַכטל אַזוי ווי קעצישע אויגן, אַ בלוי פייערל האָט גענומען צישען און זיך דרייען אויפן שוועבעלע.

— אָן דאַרטן, אויבן ליגן די פּאַפּיראָסן — האָט דער שיקלדיקער אָנגעוויזן. דאָס פייערל איז געוואָרן געל, איז אויסגעוואַקסן, האָט באַלויכטן דאָס ברוינע שמאָלינקע געזיכט פון דעם שיקלדיקן, דערנאָך איז עס שנעל פאַרלאָשן געוואָרן.

— אַ דאַנק, — האָט דער שיקלדיקער געזאָגט און האָט זיך אויסגעדרייט צום טיר.

ווען ער האָט זי פאַרמאַכט הינטער זיך, האָט ער אויסגעצויגן מיט אַ באַרויקנדיקן טאָן:

— נישקשה, בירגערין אַרטיסטקעלע, ניט קיין סך פאַרבליבן...

— ניט קיין סך?

— און דערנאָך?

ביינאַכט, ווען מען קען זיך אַן אויג אַרויסנעמען פון דער פינסטערניש, וועט זי אָנטרעטן אויף די פּיאַטעס פון עפּעס אַ מענטשן, וואָס וועט גיין פאַראויס, און פון הינטן וועלן אירע פּיאַטעס קלאַפּן אין עמעצנס שיך מיט טעמפּע געזולער, און די טופ־

ליעס וועלן ביי איר אראָפּפאַלן, און זי וועט זיך אָפּשטעלן, כדי אָנצוטאָן זיי גוט, גלייך ס'איז ניט אַלצאיינס — צו גיין אהין אין טופליעס צי גיין אהין אַ באָרוועסע. ס'איז דען ניט אַלצאיינס, צי מען וויים יאָ, צי מען וויים ניט, וואָס פאַר אַ פּנימער די מענטשן, וואָס וועלן פירן קלאַוודיע וואַסיליעוונען, וועלן האָבן, און וויפל מענטשן וועלן זיין, און צי מיט זיי וועט גיין דער שיקל־דיקער, און צי וועט ער שווייגן, צי וועט ער ריידן וועגן די פּאַפּי־רעסלעך? אויפן גאָרטן קנאַקט געווים אונטער די פיס די אויס־געטריקנטע באַטווינע, און די פיס וועלן ריזנען אין בלאָטע, און די טופליעס וועלן דורכגענעצט ווערן, און די נידעריקע לאָזע־קוסטעס, וואָס האָבן זיך פונאַנדערגערוקט דורך דעם-אָ, וואָס גייט פּאָראויס, וועלן עלאַסטיש שלאָגן איבער די קנעכלעך. ניט שווין־זשע וועלן די קנעכלעך נעמען ציטערן, פונקט ווי אויף דער סצע־נע, ווען פון צוויי רעפּעטיציעס שפּילסטו אַ נייע ראָלע? און ניט שוין-זשע וועט ניט קלעקן קיין כוח אַ שמייכל צו טאָן אין דער פינסטער, פונקט ווי אויף דער סצענע, כדי מען זאָל קוקן אויפן געזיכט, און ניט אויף די קנעכלעך? אַגב, וועט קלאַוודיע וואַסי־ליעוונע ניט ווערן באַלויכטן דורך דער ראַמפּע, און קיינער וועט ניט באַמערקן, אַז אירע טריט זיינען ניט קיין גלייכע, ווען די פיס זינקען אין קופּעס קלייען־שטויב, לעבן דעם אייל-פאַבריקל, אָדער ווערן געשמדרויכלט אָן די שטיינער און די גראָבנס פון דעם פוסטן פּלאַץ. אויפן פוסטן פּלאַץ וועט מען קלאַוודיע וואַסי־ליעוונען זאָגן, זי זאָל זיך אויסטאָן און זיך אַוועקשטעלן מיטן פּנים צום גראָבן. אויסטאָן זיך? וואָס דאַרף מען אַראָפּנעמען פון זיך? דעם מאַנטל, דערנאָך די בלוזקע און דאָס קלייד, די טופלעס, וואָס וועלן דורכגענעצט ווערן אין דער בלאָטע, דערנאָך... ניט שוין-זשע דאַרף מען בלייבן אין איין העמד? די נאַכט וועט זיין אַ שוואַרצע, פון גראָבן וועט אונטער די פיס נעמען פּויזען אַ קעלט, און קלאַוודיע וואַסיליעוונע וועט ציטערן, אַזוי ווי איצט, אין קעלער, שטאַרקער איידער איצט, אין איין העמד און אין נאַסע זאָקן. די העמד וועט זיך צוקלעפּן צום לייב, אַזוי ווי אַ ווייסער פלעק צו דער שוואַרצער נאַכט, און פאַר די, וואָס שטעלן

זיך שוויינגנדיק הינטערן רוקן, וועט זיין גוט צו צילעווען זיך אין דעם פלעק.

ניין, ניין!

ניט שוין־זשע איז שוין ניט קיין סך?

ניט קיין סך פארבליבן ביז דער מינוט, ווען מען וועט עפע־נען די טיר, און נאך א טיר, און מען וועט — פארבייַ דעם פאכטן מיט דער ביקס — ארויסלאזן אויף די סעמידאלער גאסן, צווישן דער קרומער, פרייער רייַ פון די באזונדערע הייזלעך און קאנורעס. קלאוודיע וואסיליעוונע וועט זיך ווארפן וואו דער ווינט וועט בלאזן, — אפשר צו זיך, אין דעם נידעריטשקן צי־מערל מיט דער איקאנע, אפשר אין טעאטער, צו די אר־טיסטינס, וואס האבן ניט פארגעסן צוצושיקן פאפיראסן און שוועבעלעך, אפשר צו שטשעפאוון. שטשעפאוו וועט זי בא־געגענען מיט זיין מידן שמייכל, און אין זיינע אויגן וועט א שיין טאן דער אומעט. ער וועט לאכן פון קלאוודיע וואסיליעוונען, ווי זי האט געציטערט פון דער קעלער־פייכטקייט און פון דעם געדאנק, אז זי וועט דארפן שטיין אויף דעם ברעג פון גראבן אין א העמד און אין נאסע זאקן. ער וועט צום צענטן מאל נעמען ריידן וועגן דעם, אז פון זינט דער רעוואלוציע האבן די מענטשן אויפ־געהערט צו לעבן מיט א געוויינלעכן לעבן, אז זיי גרייטן זיך יעדע מינוט צום טויט און אז דער איינציקער זינען פון דער רעוואלו־ציע — איז אין דער דאזיקער שטענדיקער גרייטקייט צו שטארבן; אז די מענטשן האבן זיך ניט וואס צו פארטראכטן איבער דעם גורל פון דער רעוואלוציע, נאר מען דארף בלויז שטארבן, ווייל אויף דעם ארט פון די געשטארבענע וועלן קומען לעבעדיקע, און דעמאלט וועט די רעוואלוציע במילא קומען. ער וועט ריידן וועגן דעם און וועט מיד שמייכלען, און אין זיינע אויגן וועט זיין אן אומעט, און אז קלאוודיע וואסיליעוונע וועט א רוף טאן מיט א בעטנדיקן קול:

— שטשעפאוו! —

וועט ער איר א פאטש טאן איבערן רוקן, אזוי ווי מען גיט

אַ פּאַטש אַ הינטל, און וועט בלייבן, אַזוי ווי פריער, קאַלט, קאַרג און אומעטיק. און קלאַוודיע וואַסיליעוונע וועט טראַכטן וועגן דעם, אַז זי איז — די העלדין פון סעמידראַלער טעאַטער, אַז זי איז איינזאַם, איבעריק, און אַז שטשעפּאָוון האָט דערעסן איר בעטנדיקע שטים און אירע אויגן, וואָס זיינען אויסגעשמירט מיט אַ בלייער, אַז דאָס אַלץ — איז נעבעכדיק, ביזיונדיק, נישטיק, און אַז בעסער וואָלט געווען צו שטיין אין אַ העמד אַלס ווייסער ציל־ברעט אויפן ברעג טאַל.

מחמת קלאַוודיע וואַסיליעוונעס גאַנץ לעבן איז געווען אָנגעזאַפּט מיט ביטערניש פון אַ ניט־געליבטער, ניט נייטיקער, לעבערלעכער פרוי. אָט פירט זי צוויי טעג אין דער פאַרשטיקטער פינסטערניש, און דעם מענטשן, וואָס איז פאַר איר — אַזוי ווי פאַר אַ הונט — אַ באַלעבאָס, דעם מענטשן איז אויפן זינען ניט אַרויף צו דערפרייען זי מיט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און מיט אַ שאַכטל שוועבעלעך.

אָפּבייסן די ברעכעוודיקע קעפּלעך שוועבעלעך, שלינגען זיי איינע נאָך די אַנדערע, אַלץ אייליקער, אַלץ גיכער, כדי צו באַווייזן איינצושלינגען דאָס גאַנצע שאַכטל, כל־זמן די ווייטאָגן האָבן זיך נאָך ניט אָנגעהויבן, כל־זמן עס לויפט אָן פון אונטערן צונג און קייקלט זיך אין האַלז אַריין די ווירציקע שפּייעכץ, כל־זמן דאָס מויל איז ניט געוואָרן הייליק און ס׳איז נאָך ניט אַריבער דאָס הינטישע רחמנות צו זיך, צו שטשעפּאָוון, צום טעאַטער, צו סעמידראַל, צו דער פאַרשמאַרבעלטער מוטער, צו רוסלאַנד, צו דער גאַנצער וועלט.

זאָל זיין אַזוי, גיכער, גיכער!

און אַז דאָס פּוסטע שאַכטל איז אַרויסגעפאַלן פון די הענט און איבערן דיל האָבן זיך צעשאָטן די אָפּגעביסענע שוועבעלעך,— האָט אַזוי ווי מיט אַ קרומער זעג אַ שניט געטאָן דאָרטן, וואו קלאַוודיע וואַסיליעוונע האָט זיך ניט געריכט אויף קיין ווייטאָג— אונטערן ברוסט, אין די פּלייצעס און איבער די לאָפּעטקעס האָט זיך צעגאָסן אַזוי ווי אַ סם.

און קלאַודיע וואַסיליעוונע האָט, אין גרויס רחמנות צו זיך אַליין און מיט עפּעס אַ פריידעוודיקן האַס צו דער גאַנצער וועלט, זיך אַ ריס געטאָן צו דער אויפגעפּראַלטער טיר מיט אַ געיאָמער:

— שטשע־פּאָוו, כ'האָב־זיך־פאַר־ס־מט!

שטשעפּאָוו האָט זי אַ כאַפּ אַרויף געטאָן אויף די הענט, האָט זי אויפגעהויבן און איז אַוועקגעלאָפן אונטער די געוועלבן פון דעם קעלער, אין דער ציטערדיקער געלער שיין פונם לאַמטערן.

דער שמאָל־פּנימדיקער מענטש האָט, האַלטנדיק די לאַמטערן, שיקלדיק באַוועגט מיט די אויגן איבער דעם שטיקעלע פּאַפּיר מיט דער אויפשריפט:

פּ אָ ר ז י צ ע ר פ ו ן ר ע ו ו ד ר י י ל י נ ג — ג אַ ל אָ ס אָ ן.

* * *

קורט איז געלאָפן פון איין ווינקל אין דעם אַנדערן איבער זיין קליינעם צימער און האָט דאָ געצופּט דעם קורץ־געשוירענעם קאָפּ, דאָ פונאַנדערגעצויגן דעם קראַגן פון דער בלוזע. זיינע הענט זיינען אויף קיין איין סעקונדע ניט געווען רויִק און האָבן פאַר־בייגעשווינדלט פאַרביי אַנדרעיען, גלייך ווי צווייגן, וואָס ווערן געוואָרפן פון אַ שטורעם.

— אַ־אַ! אים האָט גערירט אונזער פריינדשאַפט? ער איז שפּירעוודיק צו ברידערלעכע באַציִונגען? וואָס? וואָס האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט דיך אָפּגעלאָזן?

— ער האָט געפרעגט, צי איך פאַרשטיי, אַז ער האָט עובר געווען אויף זיין התחייבות?

— ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז צוליב מיר איז ער געגאַנגען אויף אַזאַ קרבן?

— מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער שעצט דיך מיט אַן אמת.

— אַ־אַ! ער שעצט! ער שעצט! צי רעדסטו ניט וועגן אים שוין מיט צופיל איינזעעניש? פאַר דער שעה, וואָס דו האָסט מיט אים פאַרבראַכט, האָסטו ניט באַוויזן צו דערטאַפּן זיין צביעות.

ס'האָט דיך פאַרברענט דער סענטימענטאַלער זשעסט פון דעם דאָזיקן קריפּל?

— איך דאַרף אים אפשר דאַנקבאַר זיין דערפאַר מיט מיין לעבן.

— וואָס־זשע איז דערפון געדרונגען? אפשר דאַרפסטו אויך דאַנקבאַר זיין פאַר דיין לעבן אַ וועלכן ס'איז סוק, אָן וועלכן דו האָסט זיך פאַרטשעפּעט, ווען דו ביסט געפאַלן אין אָפּגרונט אַריין. וועסטו דען דעריבער אַלע דיינע טעג, וואָס דיר איז נאָך פאַרבליבן צו לעבן, מתפּלל זיין אויף דעם דאָזיקן סוק?

— איך בין ניט מתפּלל אויף אים, קורט. איך זאָג דיר, אַז ער האָט מיר געהאָלפן, ווייל איך בין — דיין פריינד. משמעות, אַז דו ביסט אים מיט עפּעס טייער.

— אַ־אַ! דו פאַרשטייסט ניט, אַנדרעי! ער דאַרף אומבאַדינגט, אַז ער זאָל זיך שפּירן אַלס וואָוילטוער. מיט זיינע וואָוילטואונגען פאַרדעקט ער זיין אַכזריות. פאַר זיך אַליין באַרעכטיקט ער זיין עקסיסטענץ מיט די נישטיקע נדבות פון זיין וואָוילטוערײַ. דיר דאַרף זיין עקלהאַפט יעדע נדבה פון אַזעלכע הענט! דו דאַרפסט...

— הער־נאָר, קורט, — האָט אים אַנדרעי איבערגעשלאָגן.— דו ביסט מיך עפּעס אַזוי ווי חושד אין סימפּאַטיע צו דעם דאָזיקן מענטשן? איך קען אים ניט האַסן אַזוי שטאַרק, ווי דו. פּערזענלעך, אַלס מענטש, עקסיסטירט ער פּשוט ניט פאַר מיר. אַ פּוסט אָרט. און איצט, אַז ער האָט זיך אַזוי אומגעריכט אַרויסגעוויזן פאַר מיינעם אַ שונא...

— נו, איז וואָס איז איצט?

— איצט, פאַרשטייסטו, איז ער פאַר מיר געוואָרן נאָך מער פערזאָנלאַז. ער איז — אַ שונא, צוזאַמען מיט הונדערטער, מיט טויזנטער, אפשר מיט מיליאָנען אַנדערע שונאים. דער מענטש, וועלכן איך האָב צופעליק געקענט, איז אַריבער צו מיינע שונאים. מער גאָרנישט.

קורט האָט אויפגעהערט צו גיין און האָט פאַרלייגט די הענט אהינטער.

— דאָס איז קאָמפּליצירט, אַנדרעי.

— ניין, דאָס איז פּשוט.

קורטס געזיכט איז געוואָרן קאַלט, דער בליק איז צוגעשפּיצט געוואָרן, ער איז, אַזוי ווי גנבענענדיק זיך, צוגעגאַנגען צו אַנ־דרעיען און האָט אַראָפּגעלאָזן די שטימע:

— ניין, דאָס איז זייער קאָמפּליצירט, אַנדרעי. ווען דער דאָזיקער פריינד פון דער מאָרדווינישער פרייהייט, דער דאָזיקער ווערדיקער שפּראָץ פון דער גרויסאַרטיקער מאַרקגראַפישער פאַ־מיליע, — ווען ער וואָלט זיך פּלוצלונג געפונען אין דיינע הענט...

— נו?

— וואָלסטו אים דערהרגעט?

אַנדרעי האָט זיך איינגעהויקערט, האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף קורטס בליק און האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן:

— איך וואָלט, מן־הסתם, קיינעם ניט געקענט דערהרגענען. דאָס הייסט, אַזוי, אַ וועלכן־עס־איז מענטשן, בכדי צו וויסן דער־נאָך, אַז איך האָב דערהרגעט. בפירוש איך. בפירוש, אַזאַ און אַזאַ מענטשן.

קורט האָט ווידער גענומען פּאַכן מיט די הענט און האָט גענומען לויפן איבערן צימער.

— דו שרעקסט זיך פאַרן פּחד, אַנדרעי, פאַרן פּחד שרעק־סטו זיך. דאָס איז שרעקלעך. מען דאַרף אַריבערטרעטן איבערן פּחד, אַריבערשפּרייזן איבער אים.

— איך גיי צוזאַמען מיט דיר אויפן פראָנט, קורט.

— דאָס איז ניט דאָס.

— דאָרטן וועל איך קענען באַנוצן אַ מויזער ניט ערגער פאַר גאַלאָסאָוון.

— ניט דאָס, ניט דאָס, מיין פריינד!

— אפשר וועל איך גראָד דערהרגענען דעם מאַרקגראַף. אָבער... איך זאָל דאָס נאָר ניט וויסן אויף געוויס. ניט זען.

— ניט דאָס, ליבער פריינד, אַלץ ניט דאָס. ווי איך האָס די דאָזיקע פּאַרזענעניש! הער, אַנדרעי, כ'האָב זיך געשפּירט — ניין, וואָס רייד איך! — כ'בין געוואָרן אַ חפץ אין די הענט פון דעם דאָזיקן בעל־טובה. כ'בין איינגעשלאָפן און זיך אויסגעשלאָפן מיט דעם געדאַנק וועגן דעם, אַז ער האָט מיך געקויפט, אַז איך געהער ניט צו זיך. אים איז געווען באַקאַנט מיין יעדער טראָט, ער האָט נאָכגעשפּיאָנירט מיינע פּלענער, ער האָט ניט ארויסגעלאָזן פון מיין צימער קיין איין שטיקל לייוונט. זיין אַגענט האָט אונטערגעקויפט דעם מייסטער מייער, כדי צו וויסן אַלץ, וואָס די דאָזיקע הענט האָבן געמאַכט. אַלץ ארום האָט מיך דערמאָנט אָן מיין שפלות, פּונקט ווי אַ טובערקולאָזן מענטשן דערמאָנט אַלץ אָן טובערקולאָז. אַ קללה! צו וואָס איז דאָס געטאָן געוואָרן? אָן עגאָיסטיש יינגל איז ארויף אויפן זינען צוצוגעבן גלאַנץ דעם נאָמען פון דעם מאַרקגראַף, וואָס איז אָפּגעוועלקט געוואָרן אין פּאַרגעסנהייט. ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל וועגן אים ריידן, אַז מען זאָל אים דערמאָנען. דאָס אויסגעמאָגערטע לייטענאַנטל, וואָס ווייטער פון דעם פּאָלק, אין וועלכן ער דינט, ווייס מען פון אים ניט, אַנטדעקט אומגעריכט אַ נייעם קינסטלער. אַך, ס'איז דער מאַרקגראַף? דער מאַרקגראַף, כאַ-כאַ! ניט אין דעם קינסטלער גייט דאָ, נאָר אין דעם מעצענאַט! אָן דעם מעצענאַט וואָלט ניט געווען קיין קינסטלער! טייוול! ער האָט דורכגעפירט זיין פּלאַן מיט דער אַכזריות פון אַ שפּין. ניט קיין הענט האָט ער, נאָר לאַפּעס. ער האָט זיך מיט זיי איינגעקלאַמערט אין מיר, אַזוי ווי אַ פּאַרמשפּטער. אַ־אַ־אַ! אַזאַ באַשעפעניש דאַרף מען האַלטן אונטערן שלאָס! און דו האָסט געגלויבט אין זיין ליבע צו בילדער? געגלויבט, כאַ-כאַ! ליבע צו בילדער, כאַ־כאַ־כאַ! איצט איז דער דאָזיקער פּראָטעזשע פון שיינע קונסט אַ בעלן צו באַצירן זיין רעסטאַוורירטן טיטל מיט נייע לאָרבערן. עס מוז אים אויף געוויס שווינדלען אין די אויגן: דער מאַרקגראַף גייט אריין אין סעמי־

דאָל, דער מאַרקגראַף מאַרשירט ניצחונדיק אויף מאָסקווע, דער מאַרקגראַף רעסטאַווירט די מאָנאַרכיע, דער מאַרקגראַף פאָן צור מילען שענאו, דער פריינד פון דער מאָרדווינישער פרייהייט, כאַ־כאַ! ווען איך זאָל אים נאָר טרעפן, דעם פריינד פון דער מאָרדווינישער פרייהייט, כאַ־כאַ!

קורט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענסטער, האָט אים אויפגעפּראַלט און האָט זיך אָוועקגעלייגט אויפן פענסטערברעט. אין הויף האָבן זיך דערהערט טויבע קולות, עמעץ איז געלאָפן איבער דער ערד, וואָס איז געווען צעווייקט פון רעגן, פערדישע קלויען האָבן געריזנעט אין בלאָטע, רעדער האָבן גענומען טראַסקען איבער דער צעבראָכענער דיל פון דעם וואָגן־שטאַל.

— פּאַרטיק, פראַנץ? — האָט עמעץ אויסגעשריען הינטערן פענסטער.

— גיי, רוף!

קורט האָט זיך אויפגעהויבן אויף די איילנבויגנס, האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט פאַרשפּילעט דעם קראַגן פון דער קורטקע. זיין אָטעם איז שטיל געוואָרן, די באַוועגונגען זיינען געוואָרן דייטלעך און גלייכמעסיק.

— אונז איז שוין צייט, אַנדרעי.

דעמאָלט האָט אַנדרעי אַ שוידער געטאָן, איז שנעל אויפגעשטאַנען און האָט אַ שפּרייז געטאָן צום טיש. לעבן דעם ביי־ביקן פעלד־קלומיק איז אויפן טיש געלעגן אַ לאַנג־רעריקער בלוי־שוואַרצער מויזער. אַנדרעי האָט אים גענומען און דערלאַנגט קורטן.

— באַווייז, קורט, ווי אַזוי מען פילט אָן דעם מאַגאַזין, — האָט ער רויק געפרעגט.

* * *

אין שטאָט האָט מען זיך איבערגעוואָרפן מיט קורצע ווערטער, עמעצער איז אָפּגעשטאַנען, כדי צו פאַרריכטן אויפן פלייצע דעם קלומיק אָדער פאַרציען אויף די פיס די וויקל־טיכער. נאָר ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען איבער דעם דורכפאָר פון דער

באַלגיניע, איז אָנגעשטאַנען אַ שטיל שווייגן און די אָרדענונג איז ניט געשטערט געוואָרן. דער מאַרש איז געווען אַ שווערער. אַ קליין רעגנדל, וואָס האָט פון האַלבן טאָג געמראַקעט, האָט טיף דורכ־געזאַפּט דעם וועג. די שטיוול זיינען באַקלעפּט געוואָרן מיט ווייכע טופליעס פון בלאָטע, און די טריט האָבן זיך אָפּגעריסן, אַזוי ווי אויף אייז. נאָר די פּיס האָבן זיך באַוועגט עקשנותדיק און די קערפּערס האָבן זיך געוויגט שווער און ריטמיש, אַזוי ווי גלאָקנצינגער.

איבער דעם אָפּגעלענענעם טראַקט, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין רוסלאַנד, האָבן, פאַרדעקט מיט דער האַרבסטיקער נאַכט, אין די עלנדע אומענדלעכע און גרענעצלאָזע פעלדער, געשפּרייזט אומ־באַוואוסט וואוהין, מענטשן פון העסען, פון דאַרמשטאַט, פון נירנבערג. געוויינט צו דעם מלחמה־מאַרש, האָבן זיי ליבכט דער־הערט זיין האַרבע מוזיק און אויף פרעמדער ערד, אונטער אַ פרעמדן בלינדן הימל האָבן זיי גענומען זינגען דאָס אומפאַרגעס־לעך ליד:

Ich hatte ein Kamara-aden...

אויף דער דאַזיקער ערד איז דאָס זיסלעכע ליד געוואָרן גרויזאַם, און אַנדרעי האָט ניט געהערט זיין שטימע אין דעם כאָר פון די דאַרמשטאַטער, העסענער און נירנבערגער.

ער האָט אָבער געזונגען, און זיינע ווערטער זיינען צונויפ־געפאַלן מיט די ווערטער פון דעם ליד, הגם זייער געדאַנק האָט אים אויסגעוויזן צו זיין אַן אַנדערער. און הגם מיט יעדער מינוט האָט דער גלייכמעסיקער גאַנג פון דעם מאַרש אָפּגעהילכט שווע־רער אין דער ערד, איז דאָך געוואָרן לייכטער צו גיין. די פאַר־גאַנגענהייט איז אַוועק אין ערגעץ אַ פוסטקייט, און די גאַנצע צוקונפט איז געלעגן אין יענעם צווייטן טראָט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נאָך דעם ערשטן. אַזוי זיינען אומבאַמערקטערהייט פאַר־שוואונדן אין דער געדיכטעניש די אומקלאָרע זעונגען פון דעם מאַרקגראַף, פון קורטן, פון ריטען, פון מאַסקווע, וואָס איז גע־ווען פאַרדעקט מיט אַ כמאַרע פון ראָבן, פאָול הענניגס קאָלאָסאַל־

צימער און פאול העננינג גופא, וואס האט געברומט וועגן סאציא־ליזם. שיטקלעך אפגעריסענע אומאויפהערענדיקע ווערטער זיינען אויפגעשוואומען און זיך געלאשן אין זיכרון, אזוי ווי סיגנאל־פייערן פון א קליינער סטאנציע, וואס איז איבערגעלאזן געווארן אין דער ווייטנס.

מיט קיין זאך זיך ניט אונטערגעשיידט פון די סאלדאטן, פוס אין פוס, אקסל צו אקסל מיט זיי, איז אנדרעי געגאנגען אנט־קעגן דער פינסטערניש, און א פרעמד ליד איז געפלאסן פון אים ליכט און אן ווייטאג:

In der Heimath, in der Heimath,
Da gibt's ein Wiedersehen...

ער איז געווען שטארק און רויק. ער האט געזונגען וועגן מארים היימאט, ער האט געזונגען וועגן דער זעונג מיט איר. ער האט געגלויבט, אז מארי — איז די צוקונפט, אז זי איז — יענער צווייטער טראט, וועלכן ער וועט מאכן באלד נאך דעם ערשטן.

ווען די מיליטער־אפטיילונג האט אויפגעשלאגן אין רוטשיע א ביוואק, איז ער איינגעשלאפן אויף דער ערד...

דער פארטאג איז געווען א שפעטיקער, דער רעגן האט ניט אויפגעהערט, די סעדער זיינען געשטאנען אנטבלויזטע אין דער ווינטיקער נאכט. אין דעם פוילן פרימארגן־נעפל האט אנדרעי צום ערשטן מאל דערזען די סאלדאטן. די שטריכן פון זייערע פנימער זיינען געווען מאדנע גלייך, גלייך זיי וואלטן אלע געווען אוים־געשניצט אין איין ווארשטאט און וואלטן זיין געפארבן מיט איין פארב. לאנגזאם און קארג זיינען געווען זייערע באוועגונגען, און זייערע מיילער האבן זיך געעפנט בלויז אויף דעם, כדי אפצובייסן ברויט אדער כדי באקוועמער איבערצוכאפן די לולקע מיט די ציינער.

ווען מען האט איבערגעגעבן דעם באפעל וועגן אנגריף אויף סאנשינא, האבן זיך די סאלדאטן גענומען עסקן מיט די לולקעס: ווער עס האט זיי אויסגעקלאפט, ווער עס האט זיי פונדאסניי אנ־געשטאפט, ניט געאיילט און פלייסיק, גלייך דאס וואלט געווען

דאָס סאַמע ווייכטיקע אינעם אויספירן פון דעם באַפעל. דערנאָך האָבן זיי פונאַנדערגענומען די ביקסן פון דעם בינטל, און וועלכן זיי זיינען געווען אויפגעשטעלט, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען און זיינען אַוועק. ביים ענד פון די סעדער האָט מען גע־געבן אַ קאָמאַנדע, וואָס אַנדרעי האָט ניט פאַרשטאַנען. די קאָ־לאָנע האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אין אַ לאַנגער ריי, און די ריי האָט זיך אין אַ געבראָכענער קייט אַוועקגעלאָזט איבער די בערג־לעך, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט די פאַראומערטע, זייער שיטערע רעשטלעך פון די פאַרלאָזטע סעדער.

— ס׳שמעקט מיט שונא, — האָט אַנדרעיס שכן אַ וואָרטשע געטאָן.

אַנדרעי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן. דער סאָלדאַט האָט געבלאָזן דעם רויכל פון דער קורצער לולקע און האָט געקוקט אויף די פיס. זיינע וואָנצעס, וואָס זיינען געווען אונטערגעשאָרן אַזוי ווי אַ בערשטעלע, זיינען פון איין זייט געווען באַצויגן מיט גרויע האָר.

— איך בין ניט דורכגעגאַנגען די מושטירונג, — האָט אַנ־דרעי געזאָגט, — איך ווייס ניט, וואָס מען באַדאַרף טאָן.

— גיין, — האָט דער סאָלדאַט געענטפערט.

— כ׳וועל זיך האַלטן לעבן אייך.

— דאָס מאַכט ניט אויס.

און זיי זיינען אַוועק שווייגנדיק, זיינען אַריבערגעשפּרונ־גען דורך די פּויזענדיקע געפלעכטן פון די אַגרעסן און אַרומגע־גאַנגען די אָפּגעוועלקטע שטאַמען פון די פאַרווילדערטע עפּל־ביימער.

הינטערן אויסבייג פון דעם זייטיקן וועג האָט אַנדרעי דער־זען אויף אַ משופּעדיקן בערגל אַן איינזאַם שטאַרצענדיקן בוים מיט אַ פאַרמלאָזן געלבלעכן קניילכל אויפן סוק. ער האָט זיך שאַר־פער איינגעקוקט אין דעם דאָזיקן קניילכל. פון דעם בוים איז אויף אַ שטריקל אַראָפּגעהאַנגען אַן אומבאַוועגלעך דיק שטיק פלייש, וואָס איז פון וויטן געווען ענלעך צו אַ געשאָכטענער גאַנז, וואָס

מען האָט אויפגעהאַנגען פאַר האַלז. אַנדרעי האָט ניט באַמערקט, ווי ער האָט פאַרביטן די ריכטונג און האָט צעפּלאָנטערט און פאַרגיכערט די טריט. ער איז געגאַנגען גלייך צום בוים.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געזאָגט און אַ צי געגעבן די האַנט אויף צוריק, כדי צו כאַפּן זיין שכן.

— אַ מענטש? — האָט ער געפרעגט שטילער.

זיין אָרעם האָט זיך אַריינגערוקט אין עמעצנס ברוסט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אים האָט אַרומגערינגלט אַ הייפל סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיט אים געלאָזט צום בוים. די ריי איז געווען צעבראָכן. עמעצנס אַ שטימע האָט פרענגדיק אַרויסגעבריפעט:

— מען האָט אים אָפּגעזעגט די פיס?

אַנדרעי האָט זיך אַ ריס געטאָן און איז אַוועקגעלאָפן אַרויף אויפן בערגל. נאָך אים האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן די סאָלדאַטן.

דער קאָפּ פון דעם אויפגעהאַנגענעם איז געווען אָנגעבויגן אויף אַ זייט, מאַכטלאָז און שווער, ווי ביי אַ טויטן פויגל. דאָס געזיכט איז געוואָרן בלוי און איין אויג — אַ געלס און אַ רייזיקס — איז אַרויסגעקראָכן פון אויגנלאָך, גלייך מען וואָלט עס אַרויסגעשלאָגן. אויף דער לאַנגער האַלז, וואָס איז געווען אויסגעצויגן ביז די הייך פון אַ מענטשן, איז מאָדנע נעהאַנגען דער ברייטפּלייציקער מאַסיווער גוף. ס'האָט אויסגעזען, אַז אויב מען וואָלט אונטערגעשטעלט אונטער אים די פיס, וואָלט ער אַוועק. נאָר אָנשטאָט פיס האָט זיך, אונטער די שמאַטעס געראַזט, גלייך ווי אַ לעבעדיקע, די צונויפגעקנייטשטע הויט פון די דיקע פיסרעשטלעך. מיט אויסגעשפּרייטע דלאָניעס האָבן זיך די הענט איינגעשפּאַרט אין דער לופטן, גלייך דער גוף וואָלט זיך געהאַלטן אויף די הענט סעפּאַראַט פון דעם קאָפּ, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום שטריקל. די סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט דעם אויפגעהאַנגענעם.

אַנדרעי האָט געקוקט אויף זיין בלויען קאָפּ מיט דעם אַרויסגעקראָכענעם אויג. ער האָט ערגעץ געזען דעם מעלאָנע-ענלעכן קאָפּ, וואָס איז געווען באַפּינטלט מיט גרויסע זומערשפּרענקלעך.

אויף דעם פעסט געבויטן אָפּגעהאַקטן שטיקל קערפּער האָט ער זיך געוויגט ביזן גאַרטל פון די אויפגעדרענגטע סאָלדאַטן און, זיך פרייִדעווּדיק אויסגעשטשירעט, האָט ער אונטערגעבּרומט צו דער טומלדיקער גערייִדערייִ:

— שלום־עליכם, ברידערלעך־חברים! זיך דערוואַרט, קען מען זאָגן, ביזן שלום, ביז דער היים...

נאָר אַנדרעי האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען, ווען ער האָט באַגעגנט דעם דאָזיקן קאָפּ, און ער האָט זיך נעפּלדיק צוזאַמענ־געגאָסן אין זייַן זיכּרון מיט אַן אַנדער קאָפּ, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי בלוי, מיט פּלוצלונג זיך באַוועגנדיקע טויטע ליפּן:

— ...Adieu, Frau Mama, adieu

— מען דאַרף אים אַראָפּנעמען, — האָט זיך הינטער אַנ־דרעיען דערהערט אַ טעמפּער קול.

ער האָט זיך אומגעקערט. ס'האָט גערעדט אַנדרעיס שכן פון דער רייִ, אַ האַלב געזיכט זייַנס מיט אַ גרויער וואָנץ האָט אויס־געטאַנצט עפּעס אַן אימפּעטפולן דראָבנעם טאַנץ. ער איז געווען בלייִך. אַנדרעי האָט אַרומגענומען מיט דעם בליק די אַנדערע סאָל־דאַטן. זיי זייַנען געווען מאָדנע ניט ענלעך איינע אויף די אַנדערע, בשעת ווען אַ מינוט פריִער האָבן זיי זיך אויסגעדוכט אַנדרעיען, אַז זיי זייַנען אַלע ווי איינער.

עמעצער האָט אַ שפּרייַז געטאָן צו דעם אָפּגעהאַקטן שטיקל גוף אויפן בוים און האָט אים אויפגעהויבן. אומגעשיקטע, אויפ־ציטערנדיקע הענט האָבן גענומען רייַסן די שטריק אויף דעם אויפ־געהאָנגענעמס אויסגעצוויגענער האַלז.

נאָר אין דעם זעלבן מאָמענט איז פון ערגעץ אַראָפּגעפאַלן אויפן קאָפּ אַ טרוקענער קורצער קנאַק, גלייַך אַן אַלטער סוק וואָלט זיך אָפּגעבראָכן. אַנדרעי האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דעם עפּל־בוים. די סאָלדאַטן זייַנען זיך שנעל צעלאָפן אין די זייַטן, האָבן זיך צעשאָטן איבערן בערגל אין אַ לאַנגער ליניע און, אַזוי ווי קאָרטנפיגורלעך פון דעם ווינטס אַ בלאָז, האָבן זיי גענומען פאַלן אויף דער ערד. דער טרוקענער קנאַק האָט זיך איבערגעחזרט. און

בּלוצלונג האָט זיך אָן אומרעגלמעסיקע פּויקעריי פון קורצע, איינצ די אַנדערע דעריאַגנדיקע אויפרייסן צעקאָלערט איבערן בערגל, גלייך מען וואָלט ערגעץ אַ דיקע רעדנע צעפליקט אויף שטיקלעך. און אַזוי ווי פון אַ רעדנע, זיינען אויף דעם ווייטן בערגל הינטערן וועג געפלויגן אין דער הויך לייכטע, פּוכיקע שטיקער וואָל.

אַנדרעיען האָט עפּעס אַ שטוים געטאָן אין זייט. ער איז אָפּ־געפלויגן פון בוים און איז אַנידערגעפאַלן. ליגנדיק אויף דעם רעכטן אָרעם, האָט ער מיט דער לינקער האַנט אָפּגעשפּיליעט פון גאַרטל דאָס הילצערנע רעוואָלווער־שיידל פון דעם מויזער. דער־נאָך האָט ער לאַנגזאַם אַרויסגעזעצט דאָס הענטל פון רעוואָלווער אויף דער לייכטער קאָלבע פונם שיידל, האָט אויפגעעפנט דעם פאַרהיטער, האָט זיך אָוועקגעלייגט אויף דער ברוסט און האָט זיך מיט דער גאַמבע אַנגעשפּאַרט אָן דער פויסט.

דער מיזערער, אַנטבלויזטער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט קנייטלבעלעך בלויע רויכלעך. די רויכלעך זיינען געוואָרן שי־טער, זיינען צעגאַנגען און אויף זייער אָרט זיינען אַנטשטאַנען נייע, כדי ווידער צו צעפליסן זיך און לאָזן אַן אָרט פאַר אַנדערע. אַנדרעי האָט אַ לאַנגע צייט געקוקט אויף זיי. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַ טריט פערציק פון אים איז געלעגן אויפן בויך זיין שכן מיט די וואָנצעס, וואָס זיינען געווען אונטערגע־שאָרן אַזוי ווי אַ בערשטעלע. לעבן אים האָט זיך געוואָלגערט אַ ביקס. ער האָט געגנוי און לאַנגזאַם דורכגערייניקט זיין לולקע מיט אַ שטרויעלע. אונטן, איבער דעם משופּעדיקן בערגל איז זיך אין שיטערע רינגען צעפלויגן די קייט פון די שיסער. אַלע זיינען זיי געווען אומבאַוועגלעך און שטיל. אַנדרעי האָט אַ קוק געטאָן אויפן בוים. דער געהאַנגענער, וואָס איז באַאומרויקט געוואָרן פון די סאָלדאַטן, האָט זיך נאָך אַלץ ריטמיש געוויגט אויפן סוס. אַנדרעי האָט זיך גלייכגילטיק אָפּגעקערט.

אַן אויסטערלישע רויִקייט האָט זיך צעגאָסן איבער זיין לייב. צום ערשטן מאָל פאַר די דאָזיקע יאָרן, אפשר צום ערשטן מאָל פאַרן גאַנצן לעבן, האָט ער דערשפּירט אַן אומגעוויינלעכע לייכט־

קייט פון עפּעס אַ געדאַנקענלאָזיקייט. ער האָט נעהאַט אַזאַ געפיל, גלייך ער וואָלט מיט קיין זאַך ניט געווען פאַרבונדן מיט דער וועלט, וואָס האָט זיך אומגעריכט און וואונדערבאַר איינפאַך אויפגעעפנט פאַר אים און האָט אים אַריינגענומען. ער האָט בלויז זיך אַליין דערשפּירט אין דער וועלט, און די צייט האָט פּלוצלונג איבערגעריסן איר שטראָם, אַזוי אַז ס'איז ניט געוואָרן ניט קיין צוקונפט, מיט איר אומאָפּלאָזלעכן געדאַנק וועגן מאָרין, ניט קיין קעגנוואַרט, מיט איר בענקשאַפט און מורא פאַר דעם פאַרקריפּלטן, געהאַנגענעם מענטשן.

אַנדרעי האָט נאָכגעפאָלגט די אומגעהייער גרויסע געלע מור-רעשקע, וואָס האָט געשלעפּט איבער דער ערד אַן אויסגעטריקנטע רויפּע. זי האָט דרייסט גובר געווען די שטערונגען, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אָפּגעוועלקטע רער־אַרטיקע גרעזעלעך, רונדע קיזע-לעך און שטיקלעך קויט. עפּעס אַ שוואַרצע פּיטשינקע מורעשקע איז, זוכנדיק פאַרצוקונג, פאַרלאָפן אין דעם תחום פון דער געלער, האָט זיך יענע אויסגעבויגן ווי אַ בויגן, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער דרייסטער מורעשקע און האָט זי געצוואונ-גען צו אַנטלויפן. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקערט צו דער רויפּע און האָט אַוועקגעפּויזעט.

ס'קען זיין, אַז דערפון, וואָס די ערד איז געווען נאָענט צום געזיכט, איז איר נישטיקער פלעק, וואָס איז געווען דורכגעלעכערט פון די גענג פון די ווערעם און זשוקעס, אויסגעוואַקסן אין אַ גאַנצער וועלט, און די דאָזיקע וועלט האָט אָנגעפילט אַנדרעיען מיט אַ זייער טיפער און אומבאַזיגבאַרער שטילקייט.

צו אים איז דערגאַנגען די ווייטע אומפאַרשטענדלעכע קאָ-מאַנדע. די בלויע רויכלעך אויף דעם הימלגעוועלב זיינען פאַר-שוואונדן, די שיסעריי האָט אויפגעהערט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם שיפּוע פון דעם בערגל. די סאָלדאַטן זיינען אין אַ קרומער ליניע, אַזוי ווי אַ צונויפגעלייגטע מאָס, אַראָפּגעלאָפן אין גראָבן מיט די ביקסן אין די הענט.

אַנדרעי האָט זיך לייכט אויפגעהויבן, האָט פאַרכאַפּט מיט

זיך דעם מויזער און איז אוועקגעלאָפן אונטערן בערגל. און מיט יעדן קלאַפּ פון דער פוס אָן דער שיפּועדיקער ערד איז אין איר געוואַקסן דאָס געפיל פון אַ קיינמאָל ניט געשפּירטער מאָדנער לייכטקייט, גלייך פון אים וואָלטן ביסלעכווייז אַראָפּגעפאַלן די קליידער, און ער איז געלאָפן אַ הוילער. ווען דער שיפּוע פון בערגל איז אַריינגעפאַלן אין גראָבן און מען האָט באַדאַרפט איינהיטן דעם אימפּעט, כדי צו נעמען דעם אַרויפשטייג פון אַ צווייטן בערגל, האָט אַנדרעי אויפגעהערט צו הערן זיין אָטעם, און די לייכטקייט האָט אָפּגעטראָטן דעם געפיל פון עפּעס אַ קערפּער־לאָזיקייט, וואָס האָט אים אומשפּירבאַר געטראָגן אין דער הויך.

איבערלאָזנדיק הינטער זיך דאָס בערגל, איבער וועלכן עס זיינען ניט לאַנג געפלויגן בלויע רויכלעך, האָט ער זיך באַדענקט. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שיטערלעכן דעמבענעם יונגן וואַלד הינטער דעם בערגל, פּונקט ווי עס פאַלט אַראָפּ אַ שטיקל פּאַפּיר, ווען אונטער אים ווערט שטיל דער געדריי פונם ווינט, וואָס האָט אים פאַרדרייט.

עס האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין, אַזוי ווי אַ שאָס. די קורצע, אָפּגעהאַקטע ביקסן־קנאַלן האָבן אָפּגעהילכט אין אַלע זייטן.

דעמאָלט האָט אַנדרעי צוגעדריקט צום פּלייצע די פּוסטע קאָלבע פון דעם מויזער און אָן אויפהער גענומען קוועטשן דעם געוועהר־שלאָס, ביז וואַנען דער מאַגאַזין האָט זיך ניט אויסגעליי־דיקט. דערנאָך האָט ער, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, זיך גענומען איינהערן, ווי דער גערויש, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן דורך דער שיסעריי, האָט זיך געקייקלט איבער דעם אַרום. דורך דעם דינעם געפלעכט פון די צווייגן רעכטס און לינקס פון זיך האָט ער באַקוקט די שמייכלענדיקע סאָלדאַטן, און דאָ ערשט האָט ער דערזען, אַז די רער־לאָך פון דעם מויזער שטאַרצט אַרויס אין דער הויך, צו דעם הימל צו.

— נו, ווי? — האָט עמעצער געפרעגט און האָט זיך צע־לאַכט.

אנדרעי האָט אראָפּגעוואָרפן די קאָלבע פון פּלייצע און האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם רעוואָלווער.

ער איז געווען אָפּגעברענט מיט בלויען פּולווער־רויך.

— ער אַרבעט רעגולער, — האָט אַנדרעי געענטפערט און זיך אויך צעלאַכט.

די באַגעגעניש

אויף צען אַ זייגער אין דער פרי איז באַשטימט געוואָרן אויפצוזאַמלען זיך אין לאַגער, וואו מען האָט מיט אַ טאָג פריער געפירט דאָס מאָרדווינישע מיליטער, וואָס מען האָט פאַרכאַפּט אין געפאַנגענשאַפט. אין אַ באַזונדער באַראַק זיינען געווען פאַר־שפּאַרט די געפאַנגענע עסטרייכער און דייטשן, צווישן וועלכע מען האָט באַדאַרפט דערקענען דעם פריינד פון דער מאָרדווינישער פרייהייט.

סעמידאָל איז געקומען צו זיך פון דער מהומה, און די פּוי־ערטעס מיט די עמערס אויף די אַקסל־שטאַנגען האָבן שוין גע־טריבן זייער רכילות לעבן די ביידלעך פון די פּלומפּעלעך. אָבער וואָס נעענטער אַנדרעי איז צוגעגאַנגען צום שטאָט, אַלץ ווים־טער איז געוואָרן אַרום, און די הייזלעך האָבן פאַרבאָרגן זייערע בלינדלעכע פענסטערלעך הינטער די צעשויבערטע לאָדנס.

פּלוצלונג האָט אַנדרעי דערזען אויפן ראָג פון אַן אויסגע־צערט געסל אַ מיידל, וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין אַ פרעמ־דע, ניט קיין היגע צווישן די פון די רעגנס שוואַרצגעוואָרענע ברעטערדיקע קאָנורעס, פאַרקאַנעס און טויערן. ער האָט פאַרלאַנג־זאַמט די טריט, האָט זיך שאַרפער איינגעקוקט און, גלייך ער וואָלט אָנגעפלויגן אויף אַ שטריק, וואָס איז געווען איבערגעצויגן קווער דעם וועג, איז ער געבליבן שטיין.

דאָס מיידל איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט גאַס, מיטן רוקן צו אים, און האָט באַטראַכט דאָס פאַרראָסטע אייזערנע ברעטעלע אויף דעם טויער־סלופּ. דערנאָך איז זי לאַנגזאַם צוגע־גאַנגען צו דעם שכנותדיקן הויז און האָט גענומען זוכן אויף אים

די לאַנג-פאַרשוואונדענע שפּורן פון דעם נומער. שטייענדיק אַ ווײַלע, האָט זי זיך געלאָזט ווײַטער, אומזיכער און שטיל, אַזוי ווי אַ מענטש, וואָס צווייפלט, צי ער פירט די אויספירונג אויף אַ ריכטיקן וועג. איבערגעלייענט די אָפּגעבליאַקעוועטע אָדער אָפּגעשיילטע אויפשריפטן אויף די ברעטלעך, האָט זי צוגעלייגט די רעכטע דלאָניע צום שלייף, ווי עס פלעגט טאָן מאַרי, ווען זי פלעגט זיך איינקוקן אין עפּעס אַ געפּלדריקער זאַך, וואָס מען האָט ניט געקאָנט פונאַנדערקלייבן. דערנאָך האָט זי צוגענומען די האַנט פון פּנים, האָט זי אָבער ניט אַראָפּגעלאָזן תיכף, נאָר געטראָגן פאַר זיך צוויי-דריי סעקונדעס, גלייך זי וואָלט סאַלוטירט. דער דאָזיקער קלענסטער זשעסט, דער דאָזיקער סאַמע קלענסטער טייל פון זשעסט האָט געהערט בלויז איר — מאַרין.

אָ, געוויס, ס'איז מאַרי!

יעדע באַוועגונג אירע, דאָס — ווי אַזוי זי האָט אָנגעהויבן איר דינגע — אפשר צו דינגע — פוס, כדי צו שטעלן אַ טראָט; דאָס — ווי אַזוי זי האָט איבערגעשטעלט די פיס, ניט ווינגדיק כמעט דעם קערפּער, און אַרויסגעוואָרפן פאַראויס די קני, גלייך איר וועג וואָלט שטענדיק געפירט דורך אַ באַרג — די דאָזיקע אַלע באַוועגונגען, וואָס בלויז ער אַליין, אַנדרעי, האָט געוואוסט פון זיי — האָבן געבילדעט איר, מאַרים, גאַנג.

דאָס איז טאַקע געווען מאַרי.

זי האָט געטראָגן אַ קלייד, וואָס אַנדרעי האָט אויסגעצייכנט גוט געקאָנט — דאָס איז געווען דאָס ברוינע, שווערע האַרבסט-קלייד, מיט די ברייטע פאַלבן אַרום טאַליע און די אַרבל שטייף פאַרשפּיליעט אויף די מאַנקעטן.

אָט האָט זי אָנגעהויבן דעם קאָפּ, כדי צו באַטראַכטן עפּעס אַ הייזל. אירע האָר האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטער דעם וועג-הוט, דורך זיי לייכט זיך דורך דער בלאַסלעכער הימל, און אַנדרעי זעט קלאָר זייער קאָליר, דער קאָליר פון מאַרים האָר.

דאָס איז אָן שום ספק זי!

אָבער ווי קומט זי אַהער, אין דעם דאָזיקן העק, אין דער דאָזיקער פאַרשטאָט, אין דער-אַ שעה?

גאַס מינער, זי קומט ערשט פון צוג, פון דעם מאָרגן־צוג. אין איר לינקער האַנט — טראָגט זי ניט קיין גרויסן סאַקוואַיאַזש. אפשר געדענקט אים אַנדרעי, דעם דאָזיקן סאַקוואַיאַזש? פון בלאַס־גרינעם לעדער, אַזוי ווי אַ פּיסטאַשקע־נוס, כמעט אַ קוואַדראַטי־קער, און אַריבערגענומען אין מיטן מיט איין רימען. ווינציק האָט ער דען געזען אַזעלכע סאַקוואַיאַזשן אין בישאָפּסבערג? מאַרי האָט דען ניט געהאַט אַזאַ סאַקוואַיאַזש?

מאַרי!

מיט איבערמענטשלעכע כוחות האָט זי זיך דערשלאָגן קיין רוסלאַנד. זי האָט זיך דערוואוּסט, וואו עס וואוינט אַנדרעי. זי האָט פון אונטער דער ערד אויסגעגראָבן דעם אומבאַקאַנטן סע־מידאַל, איז געקומען צו פאָרן, און אָט — איצט — בלאָנקעט זי אַרום איבער דעם העק, און זוכט אים — אַנדרעיען.

מאַרי...

אָ, פאַראַן מינוטן, ווען דער דמיון טראָגט אַריבער איבער אונזערע קעפּ אָן אַן ערך מער ערינערונגען, השערות, מאָטיוון און בילדער איידער יענע נישטיקע אָפּגעריסענע און שטיקלעך געדאַנ־קען, וואָס האָבן פאַרבלענדט אַנדרעיען די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געקוקט איבערן וועג אויף דער מיידל. געוויס איז ביי אים קיין ברעקל ספק ניט געבליבן, ווען ער האָט איבערגעריסן די אומ־זעעוודיקע שטריק, וואָס האָט פּלוצלונג פאַרצאַמט זיין וועג, און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן דורך דער בלאָטיקער גאַס.

נאָר ער האָט בלויז געשטעלט צוויי טריט. דאָס מיידל, וואָס האָט עפּעס געזוכט אויפן טויער, האָט זיך אויסגעדרייט צו אַנ־דרעיען. ער האָט דערזען אַ פרעמד אָזן — ווי אים האָט זיך גע־דוכט — אָן אָפּשטויסנדיק, העסלעך געזיכט.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרצן און זיך פאַרקע־רעוועט צוריק.

ער האָט שיִר ניט אומגעוואָרפן עפּעס אַ מענטשן און האָט זיך אָפּגעשטעלט. די אַקצענטירטע דייטשע ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגערעדט געוואָרן זייער שטיל, האָבן אים געבראַכט צו זיך:

— מאָדנע... מאָדנע...

פאַר אים איז געשטאַנען אַ געפאַנגענער דייטשער סאָלדאַט און, ניט וועגנדיק אויף אים קיין אויפמערק, האָט ער איבער דער גאַס געקוקט אויף דעם מיידל.

— וואָס איז מאָדנע? — האָט אַנדרעי געפרעגט.

דער געפאַנגענער האָט אויפגעציטערט און האָט זיך שנעל אומגעקוקט. זיין אויפגעלאָפן, שלעכט אויסגעוואַשן געזיכט האָט זיך לאַנגזאַם געביטן אונטער דעם אָנפלי פון דעם אומפאַרשטענדלעכן שמייכל.

— נאַרישקייטן, — האָט ער געזאָגט, — אָט יענץ וואויל מיידל האָט מיר דערמאָנט אָן אַ באַקאַנטער..

— יאָ? מאָדנע... אַגב, טרעפט עס...

— ס'טרעפט, — האָט דער דייטש מסכים געווען.

— איר גייט אין לאַגער? — האָט ער דאָ תיכף געפרעגט.

— יאָ.

דער געפאַנגענער האָט טיפער פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס פון שינעל. דער שינעל איז געווען אויסגעגעסן פון מלחמה-מאַרשן און פון די שליכאַטעס, אויף די פיס האָבן זיך געקנייטשט די אויפן פייער אויסגעטריקנטע עסטרייכישע בלויע וויקל-טיכער און אויף די אויגן איז געווען אַראָפגערוקט אַ הויך היטל אָן אַ דאַשעק פון אַ גרויסן פרעמדן קאָפּ. דער געפאַנגענער האָט אויפגעשווי-דערט און האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט פון קעלט

— צי ווייסט איר ניט אמאָל, ווי לאַנג מען וועט אונז נאָך האַלטן אין דער דאָזיקער מיסטגרוב? — ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין דער זייט פונעם לאַגער.

— און איר גייט קיין דייטשלאַנד?

— יאָ.

— צו ביסלעך שיקט מען אָפּ.

— אויף יענער וועלט? — האָט דער געפאַנגענער איראָניזירט, און אַנדרעי האָט דערזען זיין מויל.

זיי האָבן איינע די אַנדערע מאָמענטאַל דערקאָנט — דער

געפאַנגענער דייטש און אַנדרעי סטאַרצאָוו. ביי זיי האָט זיך אַרויסגעריסן אין איין און דער זעלבער צייט אַ האַרציק:

— איר!..

זיי האָבן זיך איינגעגעסן איינע אין די אַנדערע מיט די אויגן און זיינען פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק. נאָר דאָס האָט זיך געצויגן איין סאַמע קורצער אויגנבליק. גלייך אַן אייז־קאַלטע וואַגע, האָט אים די שרעק אויפגעטרייסלט, און זיי זיינען געשטאַנען גרייט צום געראַנגל. און דערפאַר אפשר, וואָס אַנדרעי האָט ערגעץ אַ וואָרף געטאָן אַן אייליקן זוכנדיקן בליק, איז דער געפאַנגענער האַסטיק און טרעפליך אָנגעפאַלן אויף אים דער ערשטער:

— ניין, ניין, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, האָט זיך עטוואָס אָנגעבויגן צו אַנדרעיען און אַרויסגענומען די הענט פון קעשענע, — איר וועט דאָס ניט טאָן, איר קענט דאָס ניט טאָן!

— איר זייט אַראָפּ פון זינען! — האָט אַנדרעי אויסגעשריען.

— איר וועט דאָס ניט טאָן, ווייל פון אייער איין אומבאַטראַכטן טראָט הענגט אָפּ דאָס לעבן פון הונדערטער אומשולדיקע מענטשן. אומשולדיקע מענטשן!

— הערט נאָר...

— ניין, ניין. איילט זיך ניט, כדי איר זאָלט דערנאָך ניט חרטה האָבן דאָס גאַנצע לעבן. איילט זיך ניט, איך בעט אייך! ניט וועגן זיך. וועגן זיך — איז מיר אַלץ איינס...

— וועגן וואָס רעדט איר דאָס? וועגן וואָסערע מענטשן?

— טוט מיר די געפעליקייט. איך בעט אייך. הערט מיך אויס. אויב איר וועט מיך אַרויסגעבן, אויב מען וועט מיך כאַפּן...

— איך ווייס, וואָס איך דאַרף טאָן! — האָט אַנדרעי אויסגעשריען און האָט זיך אומגעקוקט.

די טאַבונדלעך הייזקעס, וואָס זיינען געווען צעשויבערט פון דעם שלעכטן וועטער, האָבן זיך אַזוי ווי פריער ווילד געטוליעט אויף דער בערגלדיקער גאַס. די ווייסטע וועגן האָבן זיך אומעטיק אוועקגעצויגן אין פעלד. ס'איז ניט געווען קיין איין לעבעדיקער מענטש.

— כ'ווייס, — האָט אַנדרעי ווידער אויסגעשריען, נאָר זיין שטימע האָט זיך איבערגעריסן און איז פאַרשטיקט געוואָרן.

דעמאָלט האָט דער געפאַנגענער אַ שפּריז געטאָן צו אים, האָט אים מיט זיכערקייט אָנגענומען מיטביידע הענט פאַר די אָרעמס און האָט גענומען ריידן:

— גוט. כ'קען תיכּף אַנטלויפן, וועט איר זיך אָבער נאָך מיר אַ לאָז טאָן, וועט אויפהייבן אַ געשריי, וועלן דאָך די מענטשן ארויסלויפן אויפן גאַס, וועט מען מיך דעריאָגן און אָננעמען. אָט דאָרטן גייען שוין צוויי סאָלדאַטן. איר זייט ניט איינער, איר קענט מיך אָננעמען. נאָר איך זאָג אייך: דערפאַר וועלן באַצאָלן מיטן לעבן צוואַנציק, דרייסיק, פופציק מענטשן, וואָס זייער גאַנ־צע שולד באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט וואָס גיכער אַנקומען אַהיים. מיך האָט מען פאַרכאַפּט צוזאַמען מיט מיינע סאָלדאַטן. דאָס זיינען אַלץ געפאַנגענע, און בלויז איך איינער בין שולדיק אין דעם, וואָס זיי זיינען זיך געגאַנגען שלאָגן. אָבער זיי זיינען — אָרנטלעכע, פּשוטע מענטשן, און זיי האָבן מיר ארויסגעהאָלפן. זיי האָבן מיך איבערגעטאָן נאָך דאָרטן, הינטער סאַנשינאָ, פאַרן אונטערגעבן זיך. איך בין געזעסן צוזאַמען מיט זיי אָן דאָרטן, אין באַראַק, ווי אַ פּראָסטער סאָלדאַט. באַ־גינען האָבן זיי מיר געהאָלפן אַנטלויפן. איך רייד פאַר זיי. זיי וועט מען ניט שענקען, וואָס זיי האָבן מיר געהאָלפן. זייער גורל איז אין אייערע הענט. באַשליסט. איך בין גרייט. איך שרעק זיך ניט פאַרן טויט. כ'האָב פינף יאָר געלעבט מיטן טויט אונטער איין דאַך. ווען איר...

— דאָס אַלץ — איז שטותעריי, — האָט אים אַנדרעי גע־ענטפערט און האָט אַראָפּגערוקט די ברעמען.

— ס'איז שפּעט, אַנדרעי! מען האָט ניט באַדאַרפט הערן די דאָזיקע שטותעריי, מען האָט ניט באַדאַרפט דערלאָזן קיין איין וואָרט, ניט פּטרן קיין איין רגע. דעמאָלט וואָלטן די צוויי סאָל־דאַטן ניט געזען, ווי דער חבר סטאַרצאָוו, וואָס גאַנץ סעמידראָל קען אים, איז אין דער פרי, אויפן וועג אין לאַגער אריין, געשטאַ־

נען מיט עפּעס אַ געפאַנגענעם אין אַ אויסגעגעסענעם שינעל און אין עסטרייכישע וויקל־טיכער, און דער געפאַנגענער האָט זיך וועגן עפּעס געבעטן ביים חבר סטאַרצאָוו, און האָט אים פּעסט געהאַלטן פאַר די אָרעמס. דאָס פאַרשלאָפענע פּייערל, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון דער קאַנורע, לעבן וועלכער אַנדרעי האָט געשמועסט מיט דעם געפאַנגענעם, וואָלט דעמאָלט ניט באַמערקט, ווי דער חבר סטאַרצאָוו האָט זיך פאַרלאָרן געצאַפּלט, גלייך ער האָט געוואָלט רופן עמעצן צו הילף, נאָר האָט זיך תיכף איינגעהאַלטן און האָט זיך איינגעהערט אין דעם אייליקן מורמלען פון דעם געפאַנגענעם:

— גלויבט מיר, אַז איך בעט ניט פאַר זיך. מיר איז אַלץ איינס. כ'האָב אַפילו ניט אין זינען, אַז איר זאָלט זיך ווען עס איז דערמאָנען, ווי איך האָב אַמאָל עובר געווען אויף דער פליכט, כדי אַרויסצוהעלפן אייך, כדי צו ראַטעווען אייך אפשר פון טויט. איך זע, אַז איר געדענקט דאָס, איר האָט דאָס ניט געקענט פאַרגעסן, ניט אמת? אייער לאַגע איז דעמאָלט געווען ניט קיין סך אַ בעסערע פון מיינער. ניט אַזוי? איר געדענקט?

און אָט הינטער דעם אויפציטערנדיקן משופּעדיקן אַקסל פונם געפאַנגענעם זעט אַנדרעי ווידער מאַרין. ניט שוין־זשע איז אין דער וועלט מעגלעך אַזאַ ענלעכקייט? ס'ליגט זיך ניט אויפן שכל! מאַרי! זי איז אַרויס פון טויער, האָט זיך אָפּגעשטעלט, צוגעלייגט די האַנט צום שלייף און האָט זיך איינגעקוקט אין דער ווייטקייט, דערנאָך האָט זי זיך אַנטשלאָסן און זיך לייכט געלאָזט אַראָפּ באַרג, אין שטאָט אַריין. און וואָס מער זי האָט זיך דערווייטערט, אַלץ שרעקלעכער איז אים געוואָרן פון דעם געדאַנק, אַז זי קען אַוועקגיין אויף שטענדיק, אַז אים — אַנדרעיען, וועט אפשר קיינמאָל ניט באַשערט זיין אומצוקערן זי, און אַז פּלוצלונג איז דאָס געזיכט פון דעם דאָזיקן מיידל געוואָרן גאַרניט העסלעך, ווייל דאָס איז — מאַרים געזיכט. מאַרי!

אַ סעקונדע אָדער צוויי — און אַ קרומזייטיק ראַנ־שטיבל האָט זיי פאַרשטעלט.

און דאָ מאַקע שליסט דאָס קלאָרע, אויסטערליש־היימישע וואָרט, וואָס אַ פרעמדע איבערגעריסענע שטימע האָט אַרויסגע־רעדט, אַנדרעים גערדאַנק.

— בישאָפּסבערג...

— בישאָפּסבערג? — פרעגט אַנדרעי דערשטוינט.

און דער געפאַנגענער אײַלט זיך צו פאַרענדיקן עפּעס וויכ־טיקס, מיט אַ שפּעליאַווער, טרוקענער שפּראַך:

— איך שווער, אַז איך טראַכט וועגן קיין זאַך ניט, ווי נאָר וועגן אומקערן זיך קיין בישאָפּסבערג. איך בין גרייט אײַך צו באַלוינען מיט וואָס איר ווילט. אומקערן זיך קיין בישאָפּסבערג, אויפן לאַושע! ניט שוין־זשע וועט איר, אַלס אָנדענק פון דעם, וואָס איך האָב געטאָן פאַר אײַך...

— איר ווילט זיך אומקערן קיין בישאָפּסבערג? — האָט אים אַנדרעי איבערגעשלאָגן.

— אָ, יאָ!

אַרום און אַרום איז ווידער קיין לעבעדיקער מענטש ניטאָ, דער העק איז אומבאַוועגלעך און פאַרבאָרגן פון אַ מענטשלעך אויג, אַזוי ווי אַ פאַרפוילטער גראָבן.

— ריידן וועגן דעם — איז אַן אומזין! — האָט אַנדרעי אויסגעשריען, און פּלוצלונג, אַנטשוויגן ווערנדיק און אײַנבייגנ־דיק זיך צו דעם געפאַנגענעם, שעפּטשעט ער שנעל:

— קומט צו מיר היינט באַלד ווי ס'וועט פינסטערלעך ווערן, איך וואוין אויפן ראָג...

ער זאָגט זײַן אַדרעס גענוי און קורץ, ער דריקט די אויס־געשטרעקטע האַנט פון דעם געפאַנגענעם, ער קערט זיך אום און הערט דעם טיף גערירטן, פאַרשטיקטן, עטוואָס איראָנישן אויס־רוף:

— אָ, ווי איידל איר זייט!

דערנאָך וואַרפט ער זיך אַן אַ נשמה פון די וויסטע גאַסן אין פעלד אַרײַן, און פאַרבײַ די פאַרלאָזענע ציגלנע שטאַלן, דורך

די טעלעכלעך, שטענגלעך און גראָבנדלעך, לויפט ער כמעט צום לאַגער.

ער וועט נאַטירלעך זאָגן, ווען ער האָט אָפּ־ערשט גע־טראָפן אויפן גאַס, ווען ער האָט גערופן צו זיך היינט, ווען ס׳וועט פינסטער ווערן. ער וועט מאַכן ביי זיך אין צימער אַ לאַ־קער, ער וועט ארויסגעבן, ער וועט פאַרראַטן דעם בורח. פאַר־ראַטן? ניין, ער וועט דערפילן זיין פליכט. פליכט? אָבער ניט שוין־זשע האָט ער ניט געבראָכן זיין פליכט? דען אויב דער בורח...

אַנדרעי שטעלט זיך פלוצלונג אָפּ, גלייך ווי פאַרבלענדט פון דעם גרויזאַמען ליכט, און וואַרפט זיך ווידער פאָראויס...

דערנאָך שטייט ער אין באַראַק צווישן קורטן און גאַלאַ־סאָוון, און פאַרביי אים ציט זיך אַ ריי דייטשן און עסטרייכער, וואָס מען האָט געכאַפּט הינטער סאַנשינאַ. די געפאַנגענע שטעלט מען אָפּ, מען צווינגט זיי אַראָפּצונעמען די היטלען און באַווייזן די הענט. קורט פאַרגיט קורצע פראַגן און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— דער ווייטערדיקער.

פון אַנדרעיען הערט ניט אויף צו רינען דער שוויים. ער ווישט אָפּ דעם שטערן מיט אַ דורכגענעצט שוועד טיכל און שאָקלט מיטן קאָפּ פונקט אַזוי, ווי קורט.

— דער ווייטערדיקער.

גאַלאָסאָוו זאָגט ניט הויך:

— סטאַרצאָוו, מאָרגן איז אַ מיטינג אין לאַגער, דו דאַרפסט אָפּדאַנקען די געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אויף אונזער זייט. מען וועט זיי אָפּשיקן אהיים מיט דעם ערשטן עשעלאָן. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קענען טאָן פאַר זיי. מיר זיינען זייער פאַר־פליכטעט.

גאַלאָסאָוו פאַרשטעלט מיט דער קליינער דלאָניע דעם שמייכל:

— און אויך דיר, נאַטירלעך...

— גוט, — ענטפערט אַנדרעי, — דער ווייטערדיקער.

אין דער שטענגע פון די פארביי אים דורכגייענדיקע מענטשן פארבלייבן פינף, דריי, צוויי. אט איז דער לעצטער.

— א־אך, ט־טייוול! — שרייט קורט הייזעריק.

— גאט מיינער, גאט מיינער! — רופט זיך אפ אנדרעי.

— כ'האב טאקע אזוי געטראכט: ער איז אנטלאפן, דער טייוול...

און אנדרעי:

— אנטלאפן, יא, יא, אנטלאפן. גאט מיינער...

ער ווענדט אפ די אויגן, און אים דוכט זיך, אז אלץ ארום אים איז אויסגעבעט מיט שווערן שווארצן רויך.

דער חלום

— אויב אין א באלאגערטער פעסטונג רעכנט זיך א חודש פאר א יאר, וואלט מען א חודש געפאנגענשאפט ביי אייך, רוסן, באדארפט פאררעכענען פאר צוויי יאר. מיין לעבן איז, אין תוך גענומען, פארגאנגען. אייער געפאנגענשאפט — איז א טרונע. זיין דעק און זיינע ווענטלעך — איז דער שניי, דאס דעקל — איז דער הימל, וואס איז פארהילט אין שניי־כמארעס. לעבעדי־קערהייט באגראבן. טיילמאל בין איך געפאלן אויפן דיל און זיך געקלאפט דעם קאפ. איך בין משוגע געווארן פון דעת שניי. איך בין פון זינען אראפ פון דעם געדאנק, אז באלד וועט ווידער גיין א שניי. איך קאן ניט זען, ווי ער פאלט, פאלט, פאלט. די האר שטעלן זיך מיר קאפויר... איר ווילט וויסן, וואס איז געווען מיין כוונה, ווען איך האב אנגעהויבן דעם דאזיקן נעבעכדיקן שווינדל? אדער ס'איז אייך אלץ איינס, פונקט אזוי ווי מיר? נאר איך פיל א נייטיקייט צו פארענטפערן זיך פאר אייך. אין אייערע הענט ליגט דאך מיין גורל, און איר זייט מילד צו אים, אפשר ניט נאך מיינע פארדינסטן.

— איר רעדט ווידער הויך. שטילער! — שעפטשעט אנדרעי.

— אנטשולדיקט. איך האלט זיך איין מיט די לעצטע כוחות, איך זאל זיך ניט פונאנדערוויינען. איך קען אויף אייך ניט קוקן

אָן טרערן. איך פאַרטראַג דאָס ניט אין זיך. ווי גראַנדיעז און אומ־זיניק ס׳איז אונזער לעבן. דוכט זיך, גאָר ניט לאַנג שונאים, זיינען מיר...

— רעדט שטילער און שנעלער. רעדט שנעל.

— איך בין אַזוי צערודערט, איך ווייס ניט, וועגן וואָס איך דאַרף ריידן. ביי מיר איז געווען איינאיינציקער פריינד, מיט וועלכן איך האָב אָפּגעלעבט אין דעם דאָזיקן קבר צוויי מיט אַ האַלב יאָר. געהייסן האָט ער פּרעי. מען האָט אים דערהרגעט מיט צוויי טעג צוריק, אין דעם לעצטן צוזאַמענשטויס, וואָס האָט אַלץ דעצידירט. ער איז געווען אַ דייטשער אָפיציר, און אַ דייטשער סאָלדאַט האָט אים דערשטאָכן מיט אַ באַגנעט. פון זיין טויט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אונטערגענומען אַ נאַרישן ענין. דאָס איז געווען זיין אידעע — אויפהייבן די מאָרדווינער. ער האָט מיך גערופן פריינט פון דער מאָרדווינישער פרייהייט, האָט פּאַשפּריוט אַ גאַנצע לעגענדע וועגן מיר, איך ווייס ניט נעגמוי — וואָס פאַר אַ לעגענדע. ער האָט ניט געקאָנט אָנקוקן די באָלשעוויקעס און האָט פאַראַכט די רוסן. מיר זיינען געווען טשי־קאַווע אי די אי יענע. נאָר מיר איז געווען אומעטיק. סוף־כל־סוף איז פּאָליטיק — בלויז לאַנגווייליקייט. די שווינגער האָלט שטענ־דיק די שנור פאַר אַן אויסברענגערין, דעם פּאָטער דוכט זיך, אַז די זין זיינען פּאַראַזיטן, און די קינדער שמאַכטן אונטערן יאָך פון די עלטערן. נאָר דאָס אַלץ — איז דאָך אַן אייגענע משפחה. ס׳איז לאַנגווייליק. כ׳האָב וועגן קיין שום פּאָליטיק ניט געטראַכט. איך האָב זיך אָנטציקט מיט פּרעיען, מיט זיין אַריינגעטאָנקייט, מיט וועלכער ער האָט געשפּונען זיינע חלומות, וואָס האָבן אונז באַדאַרפט ברענגען אַהיים, און מאַכן אַ סוף צו דער געפאַנגענ־שאַפט. איר ווייסט דאָך פון זיך אַליין, וואָס דאָס איז אַזוינס געפאַנגענשאַפט? איר ווייסט דאָך צו וואָסערע משוגעתן די גע־פאַנגענשאַפט קען ברענגען אַ מענטשן? איר געדענקט...

— רעדט שוין גיכער!

אַנדרעי וויקלט זיך איין אין דעם ברייטן האַרטן שינעל,

גלייך דורך דעם פעסט פארהאנגענעם פענסטער, און וועלכן ער האט זיך אנגעשפארט, וואלט געבלאזן א דורכדרינגלעכער שטראם קעלט. אין צימער איז שטיל. דאס ציטעריקע צינגעלע פון דעם וועקסענעם ליכטעלע אויפן טיש שאקלט זיך ניט, הגם אויף א מרחק פון אן אויסגעשטרעקטער האנט ציטערן קאנוואולסיוו די ליפן פון דעם אייבערלייטענאנט:

— איך האף, איך גלויב כמעט... אלץ הענגט אפ אן אייך, גוטער פריינד. קען איך אייך אזוי רופן?

— ווי אזוי האט איר זיך אנטשלאסן צו קומען צו מיר?

— א, כ׳האב קיין איין מינוט ניט געקווענקלט. איר וועט מיך פארשטיין. כ׳בין אזוי אומגליקלעך, כ׳האט אזוי חרטה, אזוי אומברחמנותדיק חרטה...

— אויף וואס האפט איר? זאגט שוין אמאל!

דער אייבערלייטענאנט שפארט זיך אן מיט די איילנבייגנס אן טיש און דערנענטערט זיין געזיכט צום ליכטל. דאס געזיכט איז אומבאוועגלעך, אויסגעמאטערט, בלויז דאס מויל איז אנגעפילט מיט אן אנגעשטרענגט לעבן.

— איך ווארט, איר זאלט מיר העלפן, ווי איך האב אייך אמאל געהאלפן. ווארט-נאר, ווארט! איך פארשטיי, אז דאס איז — קעגן אייער געוויסן. נאר ניט שוין-זשע האב איך אייך ניט ארויסגעלאזן פון שענאו קעגן מיין געוויסן? איך זע, אז איר ווילט זאגן: איר זייט געווען אומשעדלעך פאר דייטשלאנד? אבער גיט נאר א קוק אויף מיר. איך בין געקומען צו אייך נאך א חסד, נאך לייטזעליקייט, און איר קענט טאן מיט מיר, וואס איר ווילט. ניט שוין-זשע בין איך כאטש מיט עפעס געפערלעך פאר אייער לאנד?

אנדרעי ווארפט אראפ פון זיך דעם שינעל און שטייט אויף. א ריזיקער שאטן גלייכט אויס די הענט אויפן סופיט און ווארפט זיך פון איין ווינקל אין דעם צווייטן. אנדרעי לאכט:

— פאר מיין לאנד? פארן לאנד?

דער אייבערלייטענאנט ענטפערט אים מיט א שטיליטשקן, פארטראכטן געלעכטערל און וואַרטשעט:

— אוודאי איז דאָס קאָמיש. פאַר דעם גרויסן לאַנד, פאַר דעם גרויסן רוסלאַנד... פריינד פון דער מאָרדווינישער פרייהייט! נאָר אַפילו פאַר סעמידאָל, פאַר אייך, פאַר יענער זאַך, צו וועלכער איר דינט. ניט שווין־זשע איז עס געפערלעך? איך בין אַרומגערינגלט מיט אַ פּוסטקייט, איך בין איינזאַם. מיין פריינד איז דערהרגעט. כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי צוויי יאָר נאָכאַנאַנד האָבן מיר צוזאַמען געזאַמלט אַ הערבאַריום. אָרעמער פּרעי. וואָס בלייבט מיר צו טאָן אָן אים? נעמט אָן, אַז איך בין אויף דער פריי און איך בין באַהערשט פון אַ בייזן ווילן. איר האָט געזען, אויף וועמעס זייט די געפאַנגענע זיינען געווען. ביי מיר זיינען געווען צופעליקע מענטשן. איך בין אומשעדלעך, הילפלאָז, איך בין נישטיק. אויב איר וועט מיר העלפן אַרויסקריגן זיך פון דאַנען, וועט איר קינעם ניט טאָן קיין רעה, פּונקט אַזוי ווי איר וועט ניט ברענגען קיין שום נוצן, אויב איר וועט מיך אַרויסגעבן. ניין, ניין. איך קען ניט דערלאָזן אַזאַ געדאַנק. איך וויל זאָגן, אַז ביי אייך קענען אויך ניט זיין די־יעניקע פריינדשאַפטלעכע געפילן, וואָס האָבן מיך באַוועגט אַרויסצוהעלפן אייך דעמאָלט, אין שנאָו. אָבער איך גלויב אין אייער מענטשלעכקייט.

— איר האָט מיך דעמאָלט אָפּגעלאָזן אַלס קורט וואַנס פריינד, — שעפּטשעט אַנדרעי און בייגט זיך אַריבער איבערן טיש. — איר ווייסט, אַז איך, אַלס קורט וואַנס פריינד, האָב געדאַרפט... אַרויסגעבן אייך?

דער אייבערלייטענאַנט שפּאַרט זיך אָן אויפן אָנלען פון שטול. זיינע אויגן ווערן ברייטער, ער האַלט איין מיט גוואַלד דעם אָטעם און בייגט די טרוקענע, דינע פינגער אין די דלאָניעס.

— פאַרוואָס האָסט מיך אַזוי קורט וואַן? — מורמלט ער קוים וואָס מען הערט.

— איר ווייסט? — שעפּטשעט ווייטער אַנדרעי, — קורט וואַן — איז דאָ, אין סעמידאָל. אין זיינע הענט געפינט זיך די אַוואַקואַציע פון די געפאַנגענע, ער איז — דער פאָרזיצער פון ראַט פון די דייטשע סאָלדאַטן.

דער איבערלייטענאַנט פאַרמאַכט די אויגן און כאַפּט זיך פאַר די שלייפן. אַן אומבאַוועגלעכער, אַ געל געוואָרענער, שווייגט ער און האַלט זיך פאַרן קאָפּ, און זיין האַלב-געעפנטער מויל צוקט קאָנוואולסיוו

— מיין מזל, — רעדט ער ענדלעך אַרויס און הייבט אויף די אויגנלעפּלען. זיין בליק איז טריב און אָן לעבן.

— ס'איז מיין מזל... פאַרוואָס האַסט ער מיך? — חזרט ער איבער, — מיין האָפענונג צו טאָן עפּעס אין ראַט... איז די איינציקע האָפענונג...

פּלוצלונג שפּרינגט ער אויף, גיט זיך אַ וואָרף אַרום טיש צו אַנדרעיען און קרעכצט:

– איך פאַרלאַנג מענטשלעכקייט, בלויז מענטש-לעב-קייט!

דעמאָלט כאַפּט אים אַנדרעי אָן פאַר זיין ווייכער, ציטערי-קער האַנט-פלאַך, ציט זי אַראָפּ, גלייך ווי צו שלום-עליכם-געבן, און כריפּעט אים אַריין אין פּנים:

— ש-שטילער! מענטשלעכקייט? מענטשלעכקייט? און דער קאַליקער אָן די פיס אויפן עפּלבוים — איז מענטשלעכקייט? און דאָס בלוט פון די אומגליקלעכע אידיאָטן, וואָס האָבן געגלויבט אין אייער שפּאַס — איז מענטשלעכקייט?

— אָ, זייט ניט גרויזאַם! אָ!

— גרויזאַם?

— איך בעט ביי אייך רחמים. פרעי האָט אויסגעקויפט אונזער שולד מיט זיין טויט. איך שווער אייך, אַז דאָס גאַנצע לעבן וועל איך...

אַנדרעי לאָזט אָפּ זיין האַנט און גייט אָפּ אָן אַ זייט:

— מער קען איך אייך מיט קיין זאַך ניט העלפן. אייך איז געלונגען צו אַנטלויפן. לויפט ווייטער. באַהאַלט זיך. איך שטער אייך ניט. מיר זיינען קוויט. איבערלייטענאַנט, מיר זיינען קוויט! — שרייט פּלוצלונג שאַרף אויס אַנדרעי.

— איך פאַרשטיי אייך. איר ווילט אויסמיידן דעם מענטשן. וואָס שטאַרבט אַוועק אונטערן פּלויט.

— אָבער וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס קען איך טאָן פאַר אייך?

דער אייבערלייטענאַנט קאָרטשעט זיך צונויף, גיט פּלוצלונג אַ רייב די הענט און שעפּטשעט שנעל:

— איך דאַרף האָבן אַ וועלכן־עס־איז נאָמען. מער קיין זאַך. אַ וועלכן־עס־איז נאָמען...

אַנדרעי קוקט אויף אים מיט אַ בליק, וואָס איז פאַרגליווערט אַזוי ווי אַ גלאָז, און זיינע הענט הייבן זיך טעמפּ אויף, גלייך עפּעס פירט זיי צונויף קעגן זיין ווילן

— אַ וועלכער־עס־איז נאָמען, אַפילו ניט קיין שיין־קלינגענדיקער, קען מיך ברענגען קיין בישאָפּסבערג. מער פאַרלאַנג איך גאָרניט: בישאָפּסבערג, לאָושע, שענאָו — איז מיין לעצטער וואונטש אויף דער דאָזיקער וועלט.

אַנדרעי לאָזט זיך מאַכטלאָז אַראָפּ אויפן בעט.

— בישאָפּסבערג איז דער לעצטער וואונטש אויף דער וועלט...

די שטומקייט שמידט צונויף די האַלב־טונקלקייט פון דעם צימער, די ליכט ברענט ציטעריק אַזוי ווי פריער, און דער ווירציקער האַניק־ריח פון דעם צעלאָזענעם וואַקס ווערט לאַנגזאַם געדיכט.

אַנדרעי הייבט זיך שטיל אויף און גייט צו צו דעם אייבערלייטענאַנט. ער שטעלט זיך אַוועק אין איין ריי מיט אים, ער באַרירט מיט דער ברוסט זיין געזיכט, נעמט אַרום מיט דער האַנט זיין רוקן און דערנעענטערט זיך מיט דעם געזיכט צו זיין אויער. ער ציטערט אינגאַנצן. מיט דעם שווערן, נאָכאַנאַנדיקן אָטעמען וויגט ער דעם צום ברוסט צוגעדריקטן אייבערלייטענאַנט, און זיין געפליסטער איז רוישיק און שווער:

— אויב איר וועט זיך דערשלאָגן קיין בישאָפּסבערג, וועט איר מיר פאָלגן עפּעס אַ זאַך?

— דאָס וועט זיין דער ציל פון מיין לעבן!

— הערט נאָר, איך האָב דאָרטן... איך האָב דאָרטן אַ כלה, די איינציקע פרוי, וועלכע... מיין כלה...

— יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי, געוויס, — שעפּטשעט דער איי־בערלייטענאַנט, און עפּעס קינדערשס נעמט אַרום זיינע האַלב אָפענע ליפּן.

דעמאָלט צעגיסט זיך צום ערשטן מאָל אין דעם דאַזיקן אָוונט אַ טונקעלע פאַרב איבער אַנדרעיס געזיכט, און דער געלער פלאַם פון דער ליכט פאַרמערט זיך און פאַרברייטערט זיך אין זיינע אויגן:

— איר וועט זי אויפזוכן און וועט איר זאָגן, אַז איך... אַז איר האָט מיך געזען, אַז איך האָב וועגן איר גערעדט... איך וועל אייך דערנאָך זאָגן... איר וועט איר איבערגעבן דעם בריוו... דעם ערשטן בריוו... מיט אַ יאָר צוריק האָב איך זיך מיט איר צע־שיידט, און זי וואַרט... מיר איז שרעקלעך צו טראַכטן: אַ גאַנץ יאָר! און פאַראויס... נאָר איך וועל אַלץ אָנשרייבן אין בריוו... וועט איר איבערגעבן? ס'איז ניט שווער צו געפינען זי. מען רופט זי מאַרי אורבאַך. זי וואוינט..

אַנדרעי האָט זיך אַ וויג געטאָן. דער שווער געוואָרענער קערפּער פון דעם איבערלייטענאַנט האָט זיך איינגעבראָכן און איז געבליבן הענגען אין זיינע הענט אַזוי ווי אַ זאַק. זיין קאָפּ האָט ער פאַרוואָרפן אויף הינטן, און אויף דער אויסגעצויגענער האַלז האָט דער אַרויסגעשטאַרצטער גאָרגל־קנאָפּ גענומען לויפן, אַזוי ווי אַ שיפעלע.

אַנדרעי האָט דעם איבערלייטענאַנט צוגעשפּאַרט אָן וואַנט.

— וואָס איז אייך? אייך איז שלעכט?

דער איבערלייטענאַנט האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אויס־געגלייכט.

— ביי מיר... איר זעט, — האָט ער טויב אַרויסגעמורמלט און אָנגעוויזן אויפן קאָפּ.

פון דעם רעכטן אויער האָט זיך געצויגן צום קאַרק אַ גרוי־סער, מיט קאַרבן אָנגעזעצטער שניט.

— אין שאַמפּאַן, אין פופצנטן יאָר. פון זינט דעמאָלט איז דאָס געבליבן. ליגט ניט קיין אכט אויף דעם... פרייַלין מאַרי אור־באַך, זאָגט איר? מאַ־רי אור־באַך?

דער אייבערלייטענאַנט האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין אַנ־דרעיען.

נאָר אַנדרעי האָט אויף אים ניט געקוקט. ער האָט אויסגע־צויגן די האַלז און זיך צוגעהערט צו דעם גערויש הינטערן פענ־סטער. דרײַ דייטשלעכע קלעפּ אין שויב האָבן ניט הויך אַ קלונג געטאָן און זיך איבערגעריסן דורך דעם שווייַגן פונם צימער.

— צו מיר, — האָט אַנדרעי אַ פליסטער געטאָן.

ער איז בגנבה אַרויס פון צימער, האָט זיך רוישלאָז דורכ־געגליטשט דורך דעם פינסטערן קעמערל אין פירהויז אַריין און איז צוגעפאַלן צו דער דרויסנדיקער טיר

דער אייבערלייטענאַנט איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ ווינקל, האָט זיך מיטן רוקן צוגעטוליעט צום וואַנט און האָט אַרויסגע־שלעפּט פון קעשענע דעם אָפיצירישן נאַגאַן. מיט דער לינקער האַנט האָט ער אָנגעכאַפּט די האַנט-פלאַך פון דער רעכטער און האָט אָנגעשטעלט דעם רעוואָלווער אויף דער טיר. אַזוי איז ער געשטאַ־נען, אַן אומגעהערטער און אַן אומדערקענלעכער אין דעם וואַרע־מען האַלב טונקל פון דעם וואַכזאַמען צימער.

אַנדרעי האָט זיך צוגעהערט צו די אומזיכערע, ווייכע טריט אויפן הויף. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן גאַניק, און די האַלב צעפוילטע טרעפּ זיינע האָבן עלנד געסקריפּעט, גרייט אָפּצוברעכן זיך. עמעצער האָט אָנגענומען די אײַזערנע קליאַמקע פון טיר.

אַנדרעי האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם. דערנאָך האָט ער רויִ־שיק, פריי אָפּגעעטעמט, האָט אַראָפּגענומען דעם האָקנדל און האָט אויפגעעפנט די טיר. נאָך דעם גלאַנץ פון די קײַלעכיקע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן זיך צעבלישטשעט פאַר אים אין דער טונקעלער נאַכט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך ניט גע־נאַרט, און האָט שנעל אַ זאָג געטאָן:

— ריטע, טייערע, איך קען דיך ניט אויפנעמען, איך בין איצט פארנומען... ביי מיר איז א חבר... אין א פערטל שעה ארום וועל איך זיין פריי. כ׳וועל קומען צו דיר, כ׳וועל אומבא־דינגט קומען.

ריטע האט אויפגעהויבן די הענט, די ברייטע שווארצע פא־טשיילע האט זיך אראפגעקייקלט פון אירע פּלייצעס, און זי האט זיך שווייגעדיק א צי געגעבן צו אנדרעיען. ער האט זי צארט ארומגענומען, גלייך ער וואלט זיך דערפרייט מיט דעם שווייגן און האט זי שטייף א קוש געטאן אין די ווייכע, פייכטע קאלט־לעכע ליפּן.

— אנדרעי!

— יא, יא. אין א פערטל שעה ארום.

— דו ווייסט שוין?

— וואס?

זי האט גענומען מורמלען אומלאגישע ווערטער...

— אויפן פראנט... גאלאסאוו... ס׳איז באשלאסן געווארן אוועקצושיקן דיך אויפן פראנט... דאס איז אלץ גאלאסאוו, גאלא־סאוו, כ׳ווייס... ער קען מיר ניט מוחל זיין, וואס איך בין מיט דיר... דאס איז א באשלאסענע זאך — כ׳ווייס... די טעג, מעגלעך, אז נאך מארגן... וועט מען מאביליזירן... אנדרעי... איצטער צוצו־שיידן זיך...

ער האט זי ווידער צארט ארומגענומען:

— מען וועט מאביליזירן? נו איז וואס? איך וועל זיין ביי דיר אין א פערטל שעה ארום. גיי.

ער האט אויפגעהויבן די פאטשיילע פון דיל, האט זי איינ־געהילט, האט זי אומגעקערט צו זיך מיטן רוקן און האט זי צו־געהאלטן פאר די אקסלען, ביז וואנען זי האט זיך ניט אראפגע־לאזן איבער די סקריפענדיקע טרעפ פון גאניק.

דערנאך האט ער ארויפגעלייגט דאס האקנדל און האט זיך אומגעקערט אין צימער אריין. ניט גלייך האט ער דערזען זיין גאסט. דער אייבערלייטענאנט איז געשטאנען צוגעטוליעט צום

וואַנט, מיטן פּנים צו דער טיר. זיינע הענט האָבן געשטעקט אין די קעשענעס. ער האָט געשוויגן. אַנדרעי איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט זיך אָנגערירט אָן באָרט פון זיין שינעל.

דער אייבערלייטענאַנט האָט שטיל געפרעגט:

— ווי זאָגט איר? פרייל'ין מאַרי אורבאַך?

— ערלויבט! — האָט אַנדרעי געזאָגט, — איר האָט זי געדאַרפט קענען, מאַרין. ניט ווייט פון אייך, אורבאַכס ווילע, איר געדענקט?

— איך דערמאָן מיך ניט, — האָט דער אייבערלייטענאַנט אַרויסגעשטאַמלט און האָט מיט באַדענקונג געוויזן אויפן קאָפּ:

— איר זעט — ביי מיר...

דעמאָלט האָט זיך אַנדרעי גענומען איילן:

— איר מוזט גיין. כ'וועל זען עפּעס טאָן פאַר אייך. וואָרט־נאַר. מאָרגן עלף אַ זייגער אין אָוונט, אויף דעם אָרט, וואו מיר האָבן זיך באַגעגנט. כ'וועל זיין. כ'וועל צוגרייטן אַ בריוו. איר וועט איבערגעבן? פאַרגעדענקט אָבער דעם נאָמען און דעם אַדרעס, טאָמער געלינגט ניט איינצוהיטן דעם בריוו:

— Am Markt, $^{18}/_{II}$ ... Am Markt...

דער אייבערלייטענאַנט האָט געפּרוווט פאַרבאַהאַלטן דאָס ברויט אין בוזים, נאָר דאָס שטיקל ברויט איז געווען אַ גרויס, אַ ווינקלדיקס, האָט ער עס צעבראָכן אויף צוויי טייל און איין טייל האָט ער פאַרשטעקט אין דער לינקער קעשענע פון שינעל.

אַ ווייכער אַזוי ווי ברויט, האָט זיך דער אייבערלייטענאַנט געלאָזט אונטערשטופּן פון אַנדרעיען, האָט געמיטן דאָס קעמערל, דאָס פירהויז, האָט אָנגעכאַפּט אַנדרעיס האַנט, האָט זי צונויפ־געדריקט און האָט דייטלעך אַרויסגערעדט:

— כ'וועל געדענקען: Am Markt $^{18}/_{II}$, פרייל'ין מאַרי אורבאַך. איך בין אייך אומענדלעך דאַנקבאַר. צום ווידערזען מאָרגן.

ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין דער פינסטערניש, איז מיט

זיכערקייט דורכגעלאָפן דעם הויף, האָט אויפגעעפנט אַ ביסל דאָס טירל און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער שפּאַרע.

די שוואַרצע הארטע נאַכט האָט איינגעהילט דאָס טויטע סעמידאָל. די שיפּועים פון די בערגלעך און די אָרעמע הייזלעך, וואָס האָבן זיך אויף זיי געגעסטיקט, האָבן זיך אַזוי ווי קוים באַמערקלעכע הויקערס געהויבן צו דעם אָנאוויגנדיקן הימל. אין דער פוסטער טיפקייט פון דער שטאָט האָט טרויעריק געוואָיעט אַ הונט.

דער אייבערלייטענאַנט האָט אויפגעהויבן דעם נאַגאַן און האָט אים געהאַלטן אַ ווײַלע אויף דער דלאָניע, גלייך ער וואָלט אויסגעגלייכט אַ וואָג. דערנאָך האָט ער דעם רעוואָלווער צוריק פאַררוקט אין קעשענע און האָט זיך אַנטשלאָסן געלאָזט אין דער נאַכט אַריין, צוהאַלטנדיק מיט צוויי פינגער פון דער לינקער האַנט דאָס שטיקל ברויט, וואָס האָט געטאַנצט אויפן לענד, פונקט ווי ער האָט אַמאָל — צוגעהאַלטן די שווערד...

אין דער דאָזיקער מינוט האָט אַנדרעי, אָנבויגנדיק זיך אויפן טיש, אין דעם שרעקעוודיקן פלאַטערן פון ליכט, געצייכנט מיט אַ צעראַצטער פעדער אויף אַן אָנגעריסענעם, צעווייכטן בייגעלע פּאַפּיר פאַרצווייפלטע, אומזיניקע ווערטער, וואָס האָבן זיך אײַבערגעחזרט:

> מיין ליבע, מיין געליבטע, קליינינקע מאַרי. מיין יעדער זיפץ, מיין יעדער קלאַפּ פון הארצן איז שטענדיק און אומעטום... דו ביסט איינע אַליין... גאָט מיינער...

* * *

שוין שפּעט ביינאַכט, ווען קורט האָט געענדיקט די אַרבעט, איז געקומען אַנדרעי. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך באַוועגלעך, באַריידעווודיק, האָט אַפילו געפּלאַפּלט. ער האָט דערציילט, אַז אויף מאָרגן האָט מען באַשטימט אַרויסצובאַגלייטן די מאָביליזירטע, אַז ער איז פאַרנומען מיט אויפזאַמלען די מיליטער־אָפּטיילונג, אַז גאַלאָסאָוו איז טויזנט מאָל גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז אים, אַנדרעי סטאַרצאָוון, קומט כלומרשט צוניץ דאָס, וואָס ער ברעכט זיך אויפן פראָנט.

— נאָך סאַנשינאַ בין איך לחלוטין אַ נייגעבאָרענער! — האָט ער אויסגעשריען און געריבן די הענט, אַזוי ווי אין אַ פרישן, געזונטן פראָסט.

— איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איך האָב זיך ביז איצט געשפּירט עפּעס אונטערדריקט. עפּעס אַ פינסטערניש האָט מיך אַרומגעהילט, זי האָט מיך געשטיקט, און איך האָב קיין איין מינוט ניט געקענט איבערכאַפּן דעם אָטעם. דו ווייסט, וואָס דאָס איז געווען? דאָס איז געווען אַ פאַלש באַוואוסטזיין, אַז איך טראָג כלומרשט ניט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די גרויליקע מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אויף דער וועלט, גלייך איך וואָלט געווען שולדיק אין דעם. אָבער דאָס געוויסן האָט מיך ניט גע־לאָזט רוען. דאָס געוויסן — דאָס איז שרעקלעך, קורט. דאָס גע־וויסן... יאָ...

אַנדרעי האָט אָפּגעוואַרט אַ מינוט, דערנאָך האָט ער נאָך מיט מער היץ גענומען ריידן:

— ס׳איז אַ ליגן, דו פאַרשטייסט? — ס׳איז אַ ליגן. איך בין שולדיק אין דעם, וואָס איך האָב געשיקט מענטשן אויף טויט און אַליין בין איך מיט זיי ניט געגאַנגען. ס׳איז דען ניט אמת? אַלע, סיי דער, וואָס ס׳איז פריער ניט געגאַנגען אויף מלחמה, סיי דער, וואָס גייט איצט ניט אויף מלחמה, אַלע זיינען שולדיק אין דער מלחמה. מען טאָר קיין מענטשן ניט שיקן אויף טויט. אויב מען דאַרף דעם טויט, אויב דער טויט איז אומפאַרמיידלעך, דאַרף מען אַליין, דו פאַרשטייסט? — דאַרף מען אַליין שטאַרבן, און ניט שיקן... ווען מען האָט הינטער סאַנשינאַ באַדאַרפט לויפן נאָך דעם טויט צוזאַמען מיט אַלעמען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף נעמען אויף זיך די גאַנצע משא פון די גרוילן, און ניט אַנטלויפן פון זיי מיט דער אויסרעכענונג, אַז אין זיי איז שולדיק די וועלט, אָבער ניט איך...

אַנדרעי איז אויפגעשפּרונגען, האָט גענומען לויפן איבערן צימער, האָט זיך געזעצט, איז ווידער אויפגעשפּרונגען, זיך פאַר־בלינדעט כמעט, און האָט ניט אויפגעהערט צו ריידן. זיין גע־

זיכט איז געווען צעקנייטשט, אַזוי ווי פון אַ נאַכט ניט שלאָפן, נאָר די אומקלאָרע אויגן האָבן געברענט אומגעוויינלעך און שאַרף.

— אָ, איצט בין איך אַן אַנדערער. איך גיי מיט פאַרגעניגן אויפן פראָנט. איך וואָלט איצט ניט געקענט לעבן, אַזוי ווי פריער. איך וואָלט פשוט געשטאָרבן פון אומעט. עס פאַרכאַפּט מיר דער אָטעם, ווען איך דערמאָן זיך, וואָס איך האָב איבערגעלעבט הינ־טער סאַנשינאַ. דו ווייסט, קורט? פאַרן גאַנצן לעבן האָב איך איינ־איינציק מאָל, אויף עטלעכע מינוט אויפגעהערט צו זען ז י ך. פריי־ער, אַפילו דעמאָלט, ווען איך האָב זייענדיק אַ קליין יינגל, צום ערשטן מאָל דערקאָנט אַ פרוי, האָב איך קיינמאָל...

ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, גלייך ער וואָלט געווען געפּלעפט פון דעם אומגעריכטן געדאַנק, איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך איינגעקוקט אין דעם אומזעעוודיקן פונקט ערגעץ אויף דער הייך פון די אויגן. דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אָפּגעענטפערט זיין אייגענעם געדאַנק:

— ניין. אַפילו מיט מאַרין, דעמאָלט, ווען אַלץ איז גע־פלאָסן און זיך געוויגט אין איר בליק, אַפילו דעמאָלט, קורט, האָב איך ניט געשפּירט אַזאַ געפיל. כ׳האָב זיך שטענדיק געזען פון דער זייט. הינטער סאַנשינאַ האָב איך ניט נאָר אויפגעהערט זיך צו זען, נאָר אַפילו צו שפּירן. אויב דאָס איז טויט, איז דער דער טויט שיין...

קורט האָט נאָכגעשפּירט אַנדרעיען מיט דער־יעניקער אַנ־וואַקסנדיקער באַהאַלטענער אומרו, מיט וועלכער מען קוקט אויף אַ מענטשן, וואָס דערוויזט, מיט צו פיל טעמפּעראַמענט, אַז ער איז אין גאַנצן געזונט. און ווען אַנדרעי האָט זיך אויסגע־רעדט און זיין קול איז אַראָפּגעפאַלן, אַזוי ווי אַ פויגל, וואָס האָט זיך צעקלאַפּט אין שטייגל, האָט ער געזאָגט:

— דו האָסט אַ זייער מיד אויסזען, אַנדרעי.

— מיר דוכט — ניט מידער, ווי ביי דיר, — האָט אַנ־דרעי געענטפערט.

קורט האָט אָנגעוויזן אויף אַ פּעקל פּאַפּירן אונטערן לאָמפּ:

—פון אינדערפרי אָן, אַז איך עסק זיך, — מיר שיקן אָפּ אַ קאָלאָסאַלן טראַנספּאָרט. דאָס זיינען אַלץ די, וואָס האָבן זיך גע־שלאָגן קעגן דעם מאַרקגראַף... אפשר ווילסטו טיי, וועל איך היישן מאַכן

— אָ, יאָ, טיי וועל איך טרינקען, הייסע.

קירט איז אַרויסגעגאַנגען. דאָס קלאַפּן פון זיינע קנאַפּל האָט זיך דערהערט אין דעם שכנותדיקן צימער און איז אַנטשטילט געוואָרן אין קאָרידאָר. די ווייטע טיר האָט זיך פאַרמאַכט קוים וואָס מען האָט געהערט.

אַנדרעי האָט זיך אויפגעהויבן פון פאָטעל, האָט אַ שפּרייז געטאָן צום טיש.

די בלויע טעקעס זיינען געלעגן צונויפגעלייגט אין אַ גלייכן פּעקל. אויפן דעקל פון דער אייבערשטער טעקע האָבן זיך גע־שוואַרצט גרויסע בוכשטאַבן:

P — S.

Reichsdeutsche

דייטשן

אַנדרעי האָט אויסגעשפּרייט די טעקע אויפן מיטן. דער דיקער גרויל־עכער בויגן פּאַפּיר איז געווען פונאַנדערליניִרט מיט אַ פעטן שטריך איבער דער העלפט.

די רעכטע זייט פון דעם בויגן האָבן אויסגעפילט דער רוסי־שער דרוק־שריפט און אַ ריינע קאַנצעלאַריסטישע האַנטשריפט. אַ הייפעלע דייטלעכע ווערטער האָט זיך אַנדרעיען אַ וואָרף גע־טאָן אין די אויגן:

מיליטערישער באַרוף:	יעפרעיטער.
נאָמען:	קאָנראַד
פאַמיליע:	שטיין.
פון וואָסער צייט:	פון פעברואַר.
אין געפאַנגענשאַפט:	1917.

אַנדרעי האָט אַרויסגעריסן דעם בויגן פּאַפּיר פון דער טעקע און איז דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער זיין צווייטער זייט. פון

אונטער דעם בויגן פּאַפּיר איז געווען צוגעקלעפּט אַ ליליע־פּלעק פון אַ שטעמפּל און ס'איז געשטאַנען אַ קרומע, ברייט צעלייגטע אונ־טערשריפט:

ק. וואַן.

אַנדרעי האָט פאַרמאַכט די טעקע, האָט צונויפגעלייגט דאָס פּאַפּיר אין צווייען, האָט אים פלינק אַריינגערוקט אין קעשענע און האָט זיך אומגעקערט מיטן רוקן צום טיש. כדי צו פאַרשטיקן דאָס כליפּען, וואָס איז אַרויסגעפלויגן צוזאַמען מיט דעם אָטעם, האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע מוסקלען מיט אַזוי פיל כוח, אַז פון דעם טיש, אויף וועלכן ער האָט זיך צוגעזעצט, איז ער אָפּגע־שפּרונגען, אַזוי ווי אויף אַ פּרוזשינע. און צוזאַמען מיט דער דאָ־זיקער באַוועגונג איז ביי אים טיף איינגעפאַלן דער בויך, און ער האָט הויך אַ שלוקערץ געטאָן. ווען פון ווייטן האָבן זיך דערהערט טריט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער האַלב־פינסטערניש פון דעם שכנותדיקן צימער און האָט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אויס־געשריען, און יעדעס מאָל אַלץ אומפאַרשטענדלעכער:

— מען דאַרף ניט, מען דאַרף ניט!..

ער איז אין דער פינסטערניש אָנגעפלויגן אויף קורטן און האָט אָנגעכאַפּט זיינע הענט.

— מען דאַרף ניט. איך וויל ניט, איך האָב חרטה..

— וואָס איז?

— איך וויל ניט קיין טיי, איך קען ניט, כ'וועל ניט באַ־וויזן. כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף נאָך גיין... איך דאַרף נאָך גיין וועגן אַ וויכטיקן... מען האָט מיר איבערגעגעבן...

— וואָס איז מיט דיר?

קורט האָט שטאַרק פאַרקוועטשט אַנדרעיס האַנט און האָט אים אַ צי געטאָן צום ליכט. אָבער ער האָט זיך ניט באַרויקט, האָט אַלץ דערציילט וועגן דעם ענין, וואָס מען קען ניט אָפּלייגן, האָט געשלוקערצט און זיך פאַרכליניעט, דאָס אויסשרייענדיק, דאָס שעפּטשענדיק, און האָט אייליק אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם אומ־געלומפּערטן שינעל.

— ווי אַזוי האָב איך געקענט פאַרגעסן? אַדיע, קורט, איך קען בשום אופן ניט...

קורט האָט אים שאַרף אָנגענומען פאַר די אַקסלען:

— ביסט אַבסאָלוט ניט קיין באַלעבאָס איבער זיך, ליבער פריינד, דו האָסט פיבער.

— אָ, יאָ! אָבער דאָס איז — אַ גוטער פיבער, אַ גוטער. איך בין אַזוי גליקלעך! אַדיע.

קורט האָט אים צוגעדריקט צו זיך, האָט אים אַרומגענומען און — אַ הויכער, אַ שלאַנקער, ניט קיין בייגעוודיקער — איז ער אַזוי געשטאַנען אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך.

— אויב דו וועסט שטאַרבן, אַנדרעי, וועל איך האָבן איין טרייסט: דו וועסט שטאַרבן פאַר אַ גוטער זאַך. נו...

ער האָט זיך צוגערירט מיט די ליפּן צו אַנדרעיס באַק, דערנאָך האָט ער אים אָפּגעלאָזן. דעמאָלט האָט אַנדרעיען דורכגענומען אַ שרעקלעכער שווידער, גלייך אַ קאַלטער אייזן וואָלט אים פּלוצלונג אָנגערירט. איינהאַלטנדיק דעם שלוקערץ, האָט ער אַרויסגעקוועטשט פון זיך:

— זיי געזונט, — און איז אַרויסגעלאָפן.

די גאַסן זיינען געווען שוואַרץ, דער ווינט איז פּלוצלונג אָנגעפלויגן פון הינטער די ראָגעס און האָט ווילד געצופּט די אָפּגעפליקטע צווייגן פון די ביימער.

אַנדרעי איז געלאָפן אָן אָטעם און האָט נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין פאַרמאַכן די פּאָלעס פון זיין שינעל, גלייך ער וואָלט זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז מען דאַרף זיי פאַרשפּילען אויף די העקלעך. דער שלוקערץ האָט אים פאַרמאַטערט, ער איז זיך כמעט פאַרגאַנגען, און דער ווינט האָט אין דער פינסטער צעטראָגן זיינע אָפּגעריסענע, הילכיקע כליפּעס. נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

ער איז צוגעלאָפן צו די בערג־שיפּועס פון דער פאָרשטאָט, האָט געמידטן זיין הויז און האָט זיך אַוועקגעלאָזן צום באַרג, איבער דער גאַס, וואָס האָט געפירט אין פעלד אַריין. דאָ האָט ער פאַרלאַנגזאַמט די טריט און האָט זיך גענומען צוקוקן צו די הייזער.

נאָר די אָרעמע כאַלופּעס זיינען פאַרזונקען געווען אין דער שטאָק־פינסטערער נאַכט, אַזוי ווי פליגן אין טינט, און אונטערשיידן איינע פון דער צווייטער האָט מען ניט געקענט.

אַנדרעי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

און אין דער זעלבער רגע האָט אים עמעצער אָנגענומען פון הינטן פאַר דעם אָרעם. ער איז אָפּגעשפּרונגען און האָט זיך האַס־טיק אומגעקערט. אַ קאָנוואולסיע האָט אים פאַרקוועטשט דעם בויך און די האַלז, ער האָט זיך גענומען וואַקלען פון ווייטאָג.

— דאָס בין איך, — האָט ער דערהערט דורך דעם וואָיען פון ווינט.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ צעקרימטן בויגן פּאַפּיר און האָט אים אויסגעשטרעקט אין דער פינסטער. די קאַל־טע פינגער האָבן אָנגערירט זיין האַנט. ער האָט אָפּגעהאַקט און טויב אַרויסגערעדט:

— שלאָגט זיך דורך איינער אַליין... מיטן עשעלאָן קען מען ניט... ביז מאָסקווע...

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן אין באַרג אַריין, נאָר אים האָט אָנגעיאָגט אַ געשריי:

— דער בריוו פאַר מאַרין!

אַנדרעי האָט אַ צי געטאָן דעם קראַגן פון דער טוזשורקע, האָט אַרויסגעכאַפּט פון בוזעם דעם בריוו און האָט אים אַ שטעק אַריין געטאָן אין די קאַלטע אויסגעשפּרייטע פינגער.

דער ווינט האָט געבלאָזן איבערן וועג, דער וועג האָט זיך געצויגן אַראָפּ, און אַנדרעיס לויפן איז געווען אַזוי ווי דאָס פליען פון אַ שטיין, וואָס מען האָט אַראָפּגעוואָרפן אין אָפּגרונט אַריין.

ער איז דערפלויגן ביזן טויער פון זיין הויז, האָט זיך אַריינ־געריסן אין הויף, אויפן גאַניק, און דאָ ערשט האָט ער איבער־געכאַפּט דעם אָטעם. מען האָט אים אויפגעעפנט די טיר, דורך דעם פירהויז איז ער דורכגעגאַנגען אין קיך, האָט אָנגעטאַפּט אויפן באַנק אַן עמער מיט וואַסער, האָט זיך צוגעזעצט אויף די קני און, אָנגעבויגן דעם עמער, האָט ער גענומען טרינקען איבערן

ראַנד. דאָס וואַסער האָט אים אויסגעוויזן הייס, אַזוי ווי קאָכע־דיק. ער האָט זיך אָפּגעריסן, האָט אָפּגערוט, האָט ווידער גענומען טרינקען מיט לאַנגזאַמע, גרויסע שלונגען. דערנאָך האָט ער אויס־געזוכט דעם שעפּער, האָט אָנגעשעפּט וואַסער, האָט אויפגעעפנט דאָס פענסטער, האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ אויף דרויסן און האָט אויף אים אַרויפגעקערט דעם שעפּער. דערנאָך איז ער אַנידערגע־פאַלן אויפן באַנק.

אַריינגייענדיק אין זיין צימער, האָט אַנדרעי ניט אָנגעצונדן קיין פייער. ער האָט טאַפּנדיקערהייט צוגעגרייט דאָס געלעגער, האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעטאָן און האָט זיך אַוועקגעלייגט, און זיך צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

דער שלאָף איז געקומען זייער שנעל, אַזוי אַז אַנדרעי האָט זיך קיין איין מאָל קיין ריר ניט געטאָן, און די אָפּגעשטאָרבענע שטילקייט האָט אַלץ זעלטענער און זעלטענער אויפגעציטערט פון די שלוקערצן.

און פונקט אַזוי גיך, ווי דער שלאָף, פונקט אַזוי גיך איז, דוכט זיך, געקומען די וויזיע:

עפּעס אַן אומענדלעכע רחבות איז געווען אָנגעפילט מיט אַ מיניענדיקער בלויקייט. די דאָזיקע בלויקייט איז געווען אומעטום — פון אויבן און פון אונטן, פון אַלע זייטן, זי איז אָבער געווען אַ תהומיקע און אַ פליסנדיקע. און אין דער דאָזיקער בלויקייט, שטייט ערגעץ אין איר טיפקייט און —- אין דער זעלבער צייט — ערגעץ גאָר נאָענט פון אַנדרעיען, אַן אומבאַוועגלעכער ליידיקער שטול. דער שטול פאַרמאָגט אַ הויכן, גלייכן אָנלען, גליי־כע פיסלעך, אַ גלאַטן געזעס. ער איז לחלוטין אומבאַ־וועגלעך, און אויף אים זיצט קיינער ניט. ער איז ליידיק. אויף אים איז ק י י נ ע ר ניטאָ. נאָר עס זעט אויס, ווי ער וואָלט געוואַרט מיט זיכערקייט, אַז מען זאָל עמעצן אויף אים אַוועקזעצן...

אַנדרעי האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער איז מיטן גאַנצן קערפּער

און מיטן געזיכט געלעגן הארט צוגעטוליעט צום וואנט. די קאַל־דרע, די קישן, די וועש זיינען געווען פייכט פון שוויים. ער איז אויפגעשפרונגען, האָט אַראָפּגעוואָרפן די פיס אויפן דיל און האָט פארהאַלטן דעם אָטעם. דער בלאָסער, מאַכטלאָזער באַגינען האָט געשאַריעט הינטערן פענסטער. אָבער פאַר אַנדרעיען איז אין דער ענדלאָזער, ציטערנדיקער בלויקייט נאָך אַלץ געשטאַנען דער אומ־באַוועגלעכער פּוסטער שטול. אויפן שטול איז קיינער ניט געזעסן. נאָר ער האָט אויף עמעצן געוואַרט. דאָס האָט מען געזען קלאָר...

אַנדרעי האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פון זיינע ציינער און זיינע הוילע פּיאַטעס, גלייך זיי וואָלטן זיך אָפּגערופן אויף דעם דאָזיקן קלאַפּן, האָבן גענומען אויסשלאָגן אויפן דיל געדיכטן שרויט.

דאָס איז געווען דער לעצטער טאָג, וואָס אַנדרעי סטאַרצאָוו האָט פאַרבראַכט אין סעמידאַל.

*

אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן פאַר דעם דאָזיקן טאָג, האָט זיך געוויקלט אין אַ געדיכטן קנויל. אַנדרעי האָט קוים פאַרגעדענקט דעם בין־השמשות, וואָס האָט איינגעהילט דעם המון, ווען ער האָט באַגלייט די מאָביליזירטע. די אומהאַרמאָנישע קולות, די פאַרוויקלטע פלאַקאַטן און פענער — צוליב באַקוועמלעכקייט וועגן, — די ענגשאַפט אויף דער שמאָלער פלאַטפאָרמע פון וואָק־זאַל. איידער די באַגלייטער האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט אַריין, האָט אַנדרעי עפּעס גערעדט, און פון די אויסגעשרייען האָט זיך אונטער זיינע פיס צעוויגט אַ סקריפּענדיק קעסטל. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט די חברים און זייערע פּנימער האָבן אים אויסגעוויזן אַזוי ווי שעמעוודיק און פאַרשולדיקט, און די קושן זיינען געווען געשעפטלעכע. דער חבר גאָלאָסאָוו האָט כיטרע פאַרבאַהאַלטן אין דער דלאָניע דעם לייכטן געלעכטערל און האָט שטאַרק אַ טרייסל געטאָן די האַנט. דער מיליטערישער פליער שטשעפּאָוו האָט אָפּגעפירט אַנדרעיען אָן אַ זייט און האָט אים געגעבן אַ בריוו צום פאָטער — צו סערגעי לוואָוויטש.

— איך וועט, קען זיין, אויסקומען אָפּצושטייגן אין פּע־טערבורג, איז אָט... איר קענט אײַנשטיין בײַ דעם פֿאָטער. איך שרײַב דאָ... יאָ, אגב האָב איך אָנגעשריבן, אַז איך האָב חתונה געהאַט און, דוכט זיך, אַז איך האָב פֿאַרגעסן צו דערציילן, ווי מען רופֿט די פֿרוי... גיט איבער. אגב, איר ווייסט? כ'האָב חתונה געהאַט פֿאַר קלאַוודיע וואַסיליעוונען...

דערנאָך די ליפּעניש איבער די שוואַרצע פֿאַרפּלאָנטערטע ליניעס, צווישן די בלינדע וואַגאָנעס, דערנאָך דער וועג אין שטאָט אַרײַן, וואו מען האָט באַדאַרפֿט עפּעס טאָן, אָן אײַנזאַמער און לאַנגער וועג. דאָס אַלץ האָט פֿאַרשטעלט דער עקשנותדיקער ווילן נאָך אַמאָל איבערצולעבן דאָס געפֿיל פֿון אַבסאָלוטער פֿרײַהייט, דאָס זעלבע געפֿיל, וואָס איז געקומען אין די פֿעלדער הינטער סאַנשינאָ — דאָס געפֿיל פֿון קערפּערלאָזיקייט.

אפֿשר האָט אַנדרעי מורא געהאַט צו דערמאָנען זיך דעם חלום? אפֿשר האָט ער זיך געאײַלט אויסצוקויפֿן זײַן שולד? נאָר זײַן ווילן אָפּצוגעבן זיך פֿאַר דאָס בעסטע, וואָס ער האָט דער־קאָנט אין לעבן, איז געווען פֿעסט־עקשנותדיק און האָט פֿאַרשטעלט מיט זיך אַלץ.

נאָר אָט וואָס ס'האָט איבערגעריסן זײַן פּערמאַנענטקייט, אָט וואָס ס'האָט אַזוי ווי אַ מעטאַלענער פּילקע אָפּגעוואָרפֿן אָן אַ זײַט דעם דאָזיקן גאַנצן טאָג און האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ לעצטן טאָג.

די נאַכט איז געווען קאַלט. דער הימל איז געשטאַנען אומ־געוויינלעך הויך, און די שטערן אויף אים זײַנען געווען טויט. דער פּלאַץ פֿאַרן וואָקזאַל איז ניט געלעגן אַזוי ווי שטענדיק — פֿרײַ, נאָר האָט זיך אויסגעשפּרייט אַזוי ווי אַ מדבר. דאָס פֿערד האָט איבערגעשטעלט די פֿיס, די צוויי־רעדערדיקע דראָזשקע האָט זיך געבויגן רעכטס און לינקס, נאָר קיין געשפּיר פֿון פֿאָרן, קיין באַ־וועגונג איז ניט געווען. פּלוצלונג איז אַ פֿיגור, אומבאַמערקלעך אין דער נאַכט, אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טרעפּל פֿון דראָזשקע. דאָס פֿערד איז געבליבן שטיין.

— ריטע! — האָט אנדרעי אויסגעשריען.

— כ'האָב געוואָלט, אז קיינער זאָל ניט זען, אז גאָלאָסאָוו זאָל ניט זען, — האָט זי פארסאָפּענדיק זיך ארויסגערעדט. דערנאָך איז זי ארויפגעפאַלן צו אים אויף די אַקסלען, האָט אים פאַר־שטאָפּט דעם מויל מיט די אייז־קאַלטע ליפּן, מיט די קאַלטע, צע־שאָטענע האָר האָט זי באַרירט זיין געזיכט, די באַקן, די הענט און אין דער דאָזיקער הארבסטיקער קעלט פון דער נאַכט, פון די ליפּן און פון די האָר האָט זי אומגעריכט הויים א ברען געטאָן:

— אדיע!

ער האָט באַדאַרפט עפּעס אויסשרייען, ווייל דער געשריי האָט זיך צוגעקייקלט צום האַלז, ווייל ריטע האָט זיך א ריס גע־טאָן פון דער דראָזשקע און איז אנטלאָפן געוואָרן אין דער נאַכט אריין. ווייל פּלוצלונג איז אויסגעקומען אזוי, גלייך ער וואָלט אוועק פון דער מאַמען, אוועק אויף שטענדיק, — ער האָט באַ־דאַרפט, באַדאַרפט א געשריי טאָן, נאָר אָנשטאָט צו שרייען האָט ער א שטויס געטאָן דעם פורמאַן אין רוקן און האָט איבערגע־וואָלד ארויסגעקוועטשט פון האַלז:

— טרייב!

און ווידער איז אַלץ פאַרשטעלט געוואָרן דורך דעם קלאָרן ווילן נאָך אַמאָל און וואָס גיכער אויסצופּרווון, איבערצולעבן, צו שפּירן דאָס, וואָס איז געקומען אין די פעלדער הינטער סאַנ־שינאָ.

— טרייב, טרייב, טרייב!

דערנאָך האָט זיך אנדרעי פאַרשטעקט אין ווינקל פון דעם משא־וואַגאָן און, הויך אויפגעהויבן דעם קראַגן, האָט ער פאַר־מאַכט די אויגן.

אין א שעה ארום האָט אים דער צוג געשלעפּט אויפן וועג קיין פּעטערבורג.

* * *

אין דער דאָזיקער צייט האָט קורט וואַן צונויפגעשטעלט דעם ראַפּאָרט קיין מאָסקווע מכוח דער אַרבעט פון דעם סעמידאָ־

דאָלער דייטשן סאָלדאַטנראַט און האָט אָנגעשריבן דעם לעצטן פּונקט פון דעם באַריכט:

איך מעלד, אַז פון דער קאַנצעלאַריע פון דעם סעמידאָ־לער ראַט איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער פּערזענלעכער דאָקומענט פון דעם יעפּרעיטאָר פון דער זאַקסישער אַר־מיי קאָנראַד שטיין. ווער עס וועט באַווייזן אַזאַ מין דאָ־קומענט, דעם דאַרף מען פאַרהאַלטן. דער אמתער קאָנראַד שטיין וועט דורך מיר באַזאָרגט ווערן, אויסער מיט אַ פּערזענלעכן דאָקומענט, — אויך מיט אַ באַזונדערער ציי־גניש. גלייכצייטיק מעלד איך וועגן דעם אין צענטער פון געפאַנגהיימלאַז.

דאָס קאַפּיטל וועגן ניינהונדערט צוואַנציקסטן

די איבערציערס האָט מען אַראָפּגענומען

הינטער די פענסטער איז לאַנגזאַם געפאַלן אַ פוכיקער שניי. די בערג האָבן זיך געדרענגט ווייסע, כמעט דורכזיכטיקע, און זייער שיין האָט אָנגעפילט דעם צימער מיט רו. אויפן טיש האָט זיך אונטער דעם קאַווע־קענדל מיט דעם ברייטן דעק געוויגט דער בלויליכער פלאַם פון דער ספּירט־מאַשינקע.

דער אייבערלייטענאַנט פאָן צור מילען־שענאָו האָט פאָרזיכטיק אַראָפּגעצויגן די לייוונטענע איבערציערס פון די בילדער. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם איבערציער אויפן דיל, האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט פון דעם לייטערל, איז אָפּגעטראָטן אויף עטלעכע טריט און האָט געקוקט אויפן בילד. דערנאָך איז ער ווידער אַרויף אויף דעם לייטערל, אָפּגעהילט דאָס צווייטע בילד און האָט זיך ווידער איינגעקוקט אין אים פון דער ווייטנס. טיילמאָל האָט ער זיך אומגעקערט צום פענסטער, האָט געקוקט אויף דעם ריטמישן פאַלן פון דעם שניי, האָט צורעכט געמאַכט די פאַרקאַטשעטע אַרבל פון דער נאָך ניט צעקנייטשטער בלוזע און האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. אים האָט צוגעהאָלפן דער שטילער באַדינער, וואָס האָט אין אַ ווינקל אויפגעלייגט די איבערציערס און האָט איבערגעשטעלט דעם לייטער

דער אייבערלייטענאַנט האָט אויסגעטרונקען איינע נאָך די אַנדערע צוויי טעצלעך קאַווע, האָט פאַררויכערט די לולקע און האָט באַפוילן:

— גרייט צו וואַסער אויף אַרומצוואַשן זיך און גיי זאָטל אָן דאָס פערד.

דער דינער איז אַרויסגעגאַנגען, אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט און האָט געמאָלדן:

— פרײַלין אורבאַך.

דער אייבערלייטענאַנט האָט אַ דריק געטאָן די הענטלעך פון דעם פּאָטעל, האָט דעם גוף אַרויסגעוואָרפן פאָראויס, כדי אַ שפּרונג צו טאָן, נאָר תיכּף האָט ער זיך באַהערשט, האָט זיך רויִק אויפגעהויבן און האָט רויִק געענטפערט:

— בעט אַריין.

מאַרי איז שנעל אַריינגעגאַנגען און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן צימער. די פרישקייט פון דעם לייכטן פראָסט האָט זי נאָך געהאַט אַרומגענומען, און אויף אירע אַקסלען האָבן איידל געגלאַנצט די צעשמאָלצענע שנייעלעך.

דער אייבערלייטענאַנט האָט זיך פאַרנייגט. מאַרי איז גע-שטאַנען אומבאַוועגלעך. ער האָט אַ טראָט געטאָן צו איר, און זיין רעכטע האַנט האָט, קוים וואָס מען האָט באַמערקט, זיך אַ צאַפּל געגעבן. ער האָט אָנגעהויבן:

— איר זייט געקומען...

עפּעס האָט אים געשטערט צו ריידן. ער האָט זי אַרומגע-קוקט, גלייך ער וואָלט אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין אַן אומבאַ-קאַנט צימער, איז צוגעגאַנגען צום טיר און האָט אויסגעפּרוּווט, צי זי איז גוט פאַרמאַכט. אויסקערנדיק זיך צום טיש, איז ער פאַר-בייגעגאַנגען פאַרביי מאַרין, אַזוי ווי איבערגוואַלד: זיינע טריט האָבן זיך פאַרלאַנגזאַמט, און ער האָט זיך געמוזט אָנבייגן, כדי זיי זאָלן זיך ניט אָפּשטעלן.

— זעצט זיך, — האָט ער געזאָגט.

נאָר מאַרי איז אַלץ געשטאַנען און האָט געקוקט אָן אַ זייט. ער האָט אויף איר געקוקט, און די פינגער פון זיינע אַראָפּגעלאָ-זענע הענט האָבן געצוקט, גלייך ער וואָלט די גאַנצע צייט גע-וואָלט עפּעס נעמען אָדער מאַכן אַ באַוועגונג און וואָלט זיך אַלץ

מיישב געווען. שטענדיק פלעגן זיינע קוים אויפגעעפנטע ליפן אנט־בלויזן די שטאַרקע ווייסקייט פון די ציינער, און דאָס געזיכט פלעגט תיכף ווערן צעשראָקן און פול מיט רציחה.

— כמעט פיר יאָר... — האָט ער ווידער גענומען ריידן, — כ'האָב קיינמאָל ניט געקלערט, אַז אין דעם דאָזיקן צימער וועל איך אייך דערזען אזא... פרעמדע. אין דעם צימער, מאַרי...

זי האָט אים פּלוצלונג איבערגעשלאָגן:

— איר האָט מיך אָפּגענאַרט?

— איך? — האָט דער אייבערלייטענאַנט אויסגעשריען.

זייערע בליקן האָבן זיך אויף איין רגע באַגעגנט, דערנאָך האָט מאַרי ווידער אָפּגעווענדט די אויגן אָן אַ זייט, און דער אייבערלייטענאַנט האָט זיך אומגעקערט צום טיש. ער האָט אַרויס־געריקט אַ שקעטעלע, האָט אַרויסגענומען אַ ביוואואַר, האָט אים אויפגעעפנט, אַרויסגענומען אַ פאַרפעטעסטן, צעקנייטשטן קאָנ־ווערט, איז צוגעגאַנגען צו מאַרין און האָט איר שווייגנדיק דערלאַנגט. זי האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם אָנפאַנג פון בריוו, אויף זיין סוף און דער אייבער־לייטענאַנט האָט געזען, ווי רויט און לאַנגזאַם בלוט האָט זיך צע־גאָסן איבער אירע באַקן. מאַרי האָט פאַרקנייטשט דעם בריוו און האָט פאַרבאַהאַלטן די האַנט אין מאַנטל־קעשענע.

דער אייבערלייטענאַנט איז אָפּגעגאַנגען צום פענסטער און, זיך איינגעקוקט מיט צוגעזשמורעטע אויגן אין דעם טיפן שניי־געווירבל, האָט ער מיט מי אַרויסגערעדט די פאַרשטענדלעכע ווערטער:

— אייך האָב איך קיינמאָל אין קיין זאַך ניט אָפּגענאַרט. איר מיך האָט יאָ אָפּגענאַרט.

מאַרי האָט זיך שטיל אָפּגערופן:

— איך ליב אייך ניט.

ער האָט ניט געענטפערט. זי האָט אָפּגעוואַרט אַ ביסל, דער־נאָך האָט זי פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן הויך און אייליק:

— איך גלויב קיין איין וואָרט ניט פון אייער בריוו. אַלץ, וואָס איר האָט געשריבן, איז ליגן...

דעמאָלט האָט זיך דער אייבערלייטענאַנט האַסטיק אויסגע־קערט צו איר, האָט פאַרלייגט די הענט אויף אַהינטער און האָט זיך צעלאַכט. ער האָט געלאַכט און האָט זיך געוויגט פאָראויס און צוריק; ער האָט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון מאַרין און האָט אונטערגעטופּעט מיט די נעזלעך פון די שטיוול איבערן טעפּעך. דאָס געלעכטער האָט אים ניט געלאָזן אויסריידן קיין איין וואָרט. ענדלעך האָט ער זיך באַרויִקט, האָט אויפגעהויבן איין ברעם און, פויל אַ ציִ געבנדיק מיט די אַקסלען, האָט ער גערעדט:

— מיר דוכט זיך, געערטע פריילין, אַז ס׳וואָלט גלייכער גע־ווען, איר זאָלט זיך דורכפאָרן קיין פּעטערבורג און איבערצייגן זיך, אויף וויפל דאָס אַלץ, וואָס איר באַווייִקט אַנצורופן ליגן, איז טאַקע ליגן...

ער האָט אָנגעזשמורעט די אויגן אויף מאַרין, האָט ווידער גענומען קלאַפּן מיטן פוס איבערן טעפּעך, האָט זיך גענומען פאַר דער לולקע, האָט זי אָבער ניט פאַררויכערט און האָט זי אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל. וויטאַג און האָפערדיקייט האָבן זיך געטווישט אויף זיינע ליפּן, און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט מיך פיינט?.. וואָס קען מען מאַכן. כ׳האָב אייך געשריבן דעם ריינעם אמת...

פלוצלונג האָט ער באַמערקט, אַז מאַרי איז בלאַס און שאָקלט זיך מאָדנע, ניט איבערשטעלנדיק די פיס. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר, נאָר זי האָט זיך שנעל אומגעקערט און איז אַרויס פון צימער.

דער אייבערלייטענאַנט האָט געהערט, ווי אירע טריט לעשן זיך אויס, און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר. ער איז אָבער צו איר ניט דערלאָפן, האָט אויסגעשריִען עפּעס אומזיניקס און הארטס, אַזוי ווי אַ זידלערייִ, און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אין ווינקל זיינען געלעגן די לייוונטענע איבערציִערס, וואָס זיינען געווען אויפגעלייגט אין אַ רעגולער פּעקל. הינטער זיי איז געהאַנגען דאָס אַראָפּגענומענע בילד פון וואַנט — „דאָס הויפּל פונם דייטשן מוזעי אין נירנבערג". דער אייבערלייטענאַנט האָט

ארויסגענומען פון קעשענע א טאשנמעסערל, האט אים אויפגע־עפנט, האט אריבערגעשפרייזט איבער די איבערציערס, האט מיט כוח ארייננעזעצט דאס מעסערל אין בילד אריין און האט אים דורכגעפירט איבערן לייוונט פון איין ווינקל ביז דעם אנדערן.

דער קלאנג איז געווען אזא, גלייך מען וואלט אויף אן אייזערנעם דאך א הויפן מיט ארבעס א ווארף געטאן, און זיי וואלטן זיך געקייקלט איבער דעם שיפוע אין די דאכרינעס.

די נייע ערד

— מען בעט אייך, טאטעשי, מיט כבוד זיך א ביסעלע אויפ־קווענטשן...

— איר האט דען ווען עס איז פארמאגט כבוד?

— דאס איז אייער פריוואטע מיינונג.

— גאט מיינער! איין זון האט באגנבעט דעם טאטן ביז דעם לעצטן פאדעם און האט געבראכט אן אלטן מאן צו בעטל־ברויט! איז געקומען דער צווייטער זון — און ווארפט ארויס דעם טאטן אויפן גאס. פגר אונטער א פלויט.

— מען ווארפט אייך ניט ארויס, נאר מען בעט אייך צו פארנעמען א ביסל קלענערע צימערלעך.

— מיט דער קללה פון א פאטער וועל איך דיך פארשילטן אויפן גאנצן לעבן!

— איר זייט, טאטעשי, א מנוול...

— כ'וועל פארשילטן, פארשילטן! רוצח!

צו אנדרעיען דערטראגן זיך ווילדע זקנישע יללות, א גערויש פון איבערגערוקטע שטולן, א קלאפן פון טירן. דערנאך ווערט ביס־לעכווייז אלץ שטיל, און דורכן וואנט הערט זיך די שטימע פון שטשעפאוון, דעם זון:

— מען קען, קלאודיע, סטארצאוון ניט ארויסזעצן, ווען זיין ווייב איז אויף דער צייט...

— ווייב?

אנדרעי גלייכט זיך אויס, שטייט אויף, גייט צו צום בעט,

וואו ריטע זיצט. ער לייגט ארויף די האַנט אויף איר קאָפּ, גלעט אירע ווייכע גלייכע האָר, רעדט אַזוי, אַז בלויז זי אַליין הערט:

— מיין ווייב.

ריטע דריקט זיין האַנט צום באַק. ער קוקט אויף איר מיט אַ הילפלאָזן שמייכל, וואָס באַלייכט אויסטערליש דאָס אויפגעבלאָזענע וואַסערדיקע געזיכט. צוליב עפּעס אַ פּריצייטיקער און פרעמדער אָפּגעוועלקטקייט זעט אויס דאָס געזיכט ניט שיין, ניט אָנגענעם, און ער קושט עס צאַרט.

— כ׳וועל גיין, — זאָגט ער.

— וואוהין?

— מען האָט מיר צוגעזאָגט דאָ... ניט ווייט... אַ גלאָז מילך... כ׳וועל נעמען מיט זיך אַ פלאַש...

— איצט וועט עס ניט לאַנג געדויערן, — זאָגט זי.

— יאָ, געוויס. דאָס סאַמע שרעקלעכע — איז שוין אַריבער: דער ווינטער... היינט גיט מען אַרויס ברויט, כ׳וועל אַרייַנגיין...

ער שמייכלט צו ריטען און גייט אַוועק.

ביז וואַנען ער זוכט אָפּ אין דעם פּאַדערצימער דאָס היטל, ציטערט קלאַנגלאָז אויף דאָס גלעקל איבערן טיר־לייסט. אַנדרעי עפנט אויף די טיר פּונקט אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען אין דעם פּאַדערצימער דערהערט זיך אַן אומזיכערער קלונג.

צוגעטוליעט צום פּאַרענטש פון די טרעפּ, שטייט אַנטקעגן אַנדרעיען אַ מיידל. אירע האָר, דאָס ווייסע קלייד און די בלוזע צופּט אַ וואַרעמער צוגווינט, וואָס רייסט זיך דורך פון דעם דורכגאַנג אין דער אָפענער וואַוינונג אַריין. זי דערלאַנגט האַסטיק אַנדרעיען די מאָגערע, ביז די אָרעמס נאַקעטע הענט און ציט זיך צו אים. ער דערקענט זי — ניט נאָך די הענט און ניט נאָך דעם בליק פון די שיינענדיקע קיילעכדיקע אויגן, נאָר נאָך עפּעס אַן אומבאַמערקלעכער ליניע פון דעם קערפּער, וואָס איז פּלוצלונג ערשינען פון אונטער די קליידער, וואָס האָבן זיך דורך דעם ווינט צוגעקלעפּט צום פוס. און, גלייך ער וואָלט זיך וועלן פאַרטיידיקן,

טוט ער אַ ריס די הענט צום ברוסט, מיט די דלאָניעס אויף דרויסן, און טרעט אָפּ אין דעם פּאָדערצימער, אין דעם האַלב־טונקל, צו דעם בגד, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט איבערן וואַנט. די דינע גלייכע הענט ציען זיך צו אים דורך דער טיר, אַלץ נענטער און נעענטער, און אָט דאַכט זיך אים, אַז ער הערט אַ פליסטערן:

— אַנדרעי, דו גלויבסט ניט, אַנדרעי?

דעמאָלט פאַרקייכט ער זיך מיט דעם פרייַלעכן און ווילדן וואָרט:

— דו... דו־ו!

— מאַרי! — שרייט ער אויס, און זיינע הענט שפּרייטן זיך אויס. נאָר אין דער זעלבער רגע זעט ער, ווי מאַרי קוקט אַן אַ זייט פון אים און ווי אירע אויגן זיינען אַראָפּגעלאָזן ביז דער העלפט פון אַ מענטשנס הייך. ער קערט אָפּ דעם קאָפּ.

לעבן אים שטייט ריטע. ער באַמערקט תיכף איר אַרויסגע־שטאַרצטן בויך, וואָס הענגט שוין אַראָפּ און איז העסלעך גרויס און הייבט אונטער פון פאָרנט דעם זוים פון קלייד.

מאַרי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיר. אירע הענט פאַלן אַרונ־טער, זי זעט אויס, ווי זי וואָלט אין גאַנצן געהאַנגען אין דער לופטן. דערנאָך ווענדט זי אָפּ איר בליק פון ריטעס בויך אויף רי־טעס געזיכט. אירע אויגנלעפּלען הייבן פּלוצלונג אָן אָפּצושטאַרבן, און אין זיי שטעלן זיך אָפּ, קוים וואָס מען באַמערקט עס, די בלוי־לעכע ווייסלען.

אַנדרעי וויל זיך אַ ריר טאָן, שטערן אים די שינעלן, די מאַנטלען, די שירעמס, וואָס זיינען אָנגעהאַנגען אויפן ווענטל; ער ווערט אַליין ווייך און ביינערלאָז, אַזוי ווי אַ שינעל. מיט די לעצ־טע כוחות רייסט ער זיך אָפּ פון וואַנט, שפּרייזט אַוועק צו מאַרין און, איידער ער דערגייט נאָך צו איר, שטרעקט ער איר אויס די האַנט.

— מאַרי....

אָבער ווי נאָר ער רירט אָן מיט די פינגער איר אָרעם, שרייט זי אויס מיט אַ האַרצרייסנדיקן קול:

— אָ־אָ־אָ!

אַנדרעי רייסט אָפּ די האַנט, בייגט זיך צו צו איר געזיכט, און חזרט נאָכאַמאָל איבער שטיל, קוים וואָס מען הערט:

-- מאַרי...

און זי שרייט ווידער האַרצרייסנדיק, אויף איין נאָטע, ניט אַראָפּלאָזנדיק און ניט אויפהייבנדיק דעם קול:

— אָ־אָ־אָ!

דעמאָלט רופט זיך אָפּ אויף איר געשריי ריטעס אויסגעצויגענער און טעמפּער קרעכץ; אַנדרעי קוקט זיך אַרום און דערזעט, ווי ריטע האָט זיך אָנגעבויגן צום דיל, גלייך זי וואָלט עפּעס פאַרלאָרן און געזוכט אין דעם פינסטערן ווינקל, דערנאָך האָט זי זיך אויסגעגלייכט און האָט זיך אומגעריכט און אומגעלומפּערט איינגעבויגן. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר, נאָר אין דער זעלבער רגע האָט זיך מאַרי דורכגעגליטשט דורכן טיר, און איבער די שטיינערנע טרעפּ האָט קורץ גענומען הילכן די קלאַפּעריי פון אירע קנאַפּל.

אַנדרעי איז אַרויסגעשפּרונגען אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דעם פּאַרענטש און האָט אָן אָטעם אויסגעשריען נאָכאַנאַנד, אַ סך מאָל אויף דעם דורכגאַנג פון די וויסטע, טיפע טרעפּ:

— מאַרי, מאַרי, מאַ־רי־י!...

ער האָט געזען, ווי איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל — האָט אַ שווינדל געטאָן איר ווייס קלייד, ווי לעבן אַ פענסטער האָט זיך אַ וויג געטאָן אירע האָר, ער האָט געהערט, ווי אין דעם פּראָנט־אַריינגאַנג האָט אַ קלימפּער געטאָן די טיר, וואָס איז אַ זעץ געטאָן געוואָרן מיט כּוח, און אין דעם דורכגאַנג האָט געוואָיעט אַ העפּטיקער צוגווינט. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן פּאַרענטש.

פון דער אָפענער וואוינונג איז צו אים דערפלויגן שטשעפּאָווס קלינגענדיקער קול:

— קלאַוודיע... מען דאַרף לויפן נאָך אַן אַקושערין!

* * *

הינטערן ראָג קאָלערט זיך א רווישיקע מחנה קליינוואַרג, ברוּזט, שוימט, בלינצלט אויף דער זון מיט דער בונטקייט פון אָרעמע געבלומטע סיצן, פאַלט אַריין אין דעם גערידיכטן, איבער דעם פּראָספּעקט שווער שווימענדיקן שטראָם פון מענטשלעכע קערפּערס, אין דעם דאָזיקן שטראָם שווענקען זיך די קינדער און רייבן זיך, אַזוי ווי יאַגנדעס אין א קויש, נאָר זייער מחנה ווערט אַלץ ברוי-זיקער און איבער די בונטע סיצן, וואָס זיינען ענלעך צו דאָרפישע בעט-פאָרהאַנגען, בלאַנקען אָפטער ווייסע פאַסן און פלעקן פון ציינער.

און אָט פאַלט אַריין, אומבאַוואוסט פון וואַנען, אין דער מחנה קינדער, וואָס קאָלערט זיך הינטערן ראָג, א מיידל. זי קוקט זיך אַרום פאַרלאָרן, זי וויל איבערהאַקן דעם וועג, כדי צו גיין ער-גער ווייטער, מיט איר אייגענעם וועג, צווישן דער הויכער אומ-ענדלעכער ריי פון די פילפּענסטערדיקע בנינים. די לויפנדיקע קינ-דער צופּן זי, רייבן זי און קערן זי, און זי דרייט זיך, אַזוי ווי א שפּענדל אויף א וואַסערפאַל, דרייט זיך מאַכטלאָז אין דער שווי-מיקער גערידיכטעניש פון די אָרעמע געבלומטע סיצן. זי ווערט אַרויסגעטראָגן הינטערן ראָג. די קינדער שליסן זי פעסט צונויף מיט די אָן אויפהער זיך באַוועגנדיקע קערפּערלעך, וואָס זיינען צו-געפּלעטשט, צעקנאָדערט, שיר ניט צעקוועטשט אין דעם שווערן מענטשן-שטראָם. צו איר הייבט זיך אויף א הייפעלע קאָמישע, מעשה-היה נייגעריקע גאָמבעלעך, מען שרייט עפּעס צו איר אויף אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך, פאַר איר שטשירען זיך שאַרפע, בלאַנ-קענדיקע ציינער, און קליינינטשקע, פלינקע הענט צופּן איר בלוז-קע. זי רעדט עפּעס, א געלעכטער צעשיט זיך אַלס ענטפער איבער איר קאָפּ; זי זעט, ווי פון דעם געלעכטער און פון דער זון קנייטשן זיך פריילעך די פּיטשינקע פּנימלעך אין ניט קיין טיפע קנייטשן, און זי זאָגט עפּעס ווידער. דעמאָלט הייבן די קינדער אויף א געשריי, חזרן איבער אָן א סוף איינס און דאָס זעלבע וואָרט, און זיי פּאַכען מיט די הענט ערגעץ אין דער מחנה. אַן

אַלטע פרוי מיט אַ שאָקלענדיקן קאָפּ, אין אַ יאַק, וואָס איז פאַר-שמאָלצן אונטער דער גאָמבע, מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטן שירעם אויפן אַקסל, שטויסט זיך דורך צו דעם מיידל. די קינדער ציען זיך צו איר, ווייזן מיט די פינגער אויף דעם מיידל, שרייען וועגן עפּעס און שלאָגן איבער איינע די אַנדערע.

די אַלטע איז מלא רציחה אויף די קינדער, זי פּליעסט זיך אָנ-צושרעקן זיי מיט אַ שטרענגער מינע, און זיי לאַכן נאָך פריילע-כער, נאָך פרייער. די אַלטע בעט מיט אַ שמייכל מוחל צו זיין די צעשטיפטע קינדער און טרייסלענדיק מיט די גרויע האָר, זאָגט זי דער מיידל אויפן אויער:

— Probablemen, vous n'êtes pa d'ici, mademoisell? *

— Oui, madam, ** —

ענטפערט דאָס מיידל בלויז מיט ליפּן און זעצט זיך פּלוצ-לונג צו, גלייך זי וואָלט זיך געקליבן מאַכן אַ קניקס, — *** Je ne suis pas d'ici...

— Je vois bien que ce pays vous paraît nouveau. Allez-vous quelque part? ****

— Non... en ce moment Je ne vais nulle part... *****

Voulez-vous, alors, nous fairn compagnie? ******

דאָס מיידל קוקט זיך אַרום. די אומצאָליקע קינדערשע פּנימער שווימען נאָך איר אָן אויפהער, וויגן זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער און ציען זיך אין דער הויך. זי זאָגט צע-שטרייט:

— Oui, si vous voulez... *******

דערנאָך פרעגט זי הויך:

---

* איר זייט, משמעות, ניט פונדאַנען, פריילין?

** יאָ, מאַדאַם.

*** איך בין דאָ קיינמאָל ניט געווען.

**** איך זע גוט, אַז דער געגנט איז אייך ניי. איר גייט דאָ ערגעץ?

***** ניין... אין דעם מאָמענט האָב איך ניט וואו צו גיין...

****** ווילט איר אפשר גיין מיט אונז?

******* אויב איר ווילט...

— Mais ou estce-que vous allez avec ce tas d'enfants ? *

— Nulle part, tout droit, — **

און די אַלטע ווייזט אָן מיט דער ציטערנדיקער האַנט ווייט אויף דעם גלייכן פּראָספּעקט, וואָס שפּאַרט זיך איין אין הימל.

מאַרי קוקט אַהין, און איר דוכט זיך, אַז זי איז אויפן שפּיץ לאָושע, און אונטער אירע פיס ציט זיך צו דעם משופּעדיקן הימל די אייביק נייע און אייביק רופנדיקע רחבות. איבערן קאָפּ טראָגן זיך בייִטנווייז וואָלקנס, דער ווינט פליט אָן אין העפטיקע שטויסן, און נאָגלט צו צו די הייזער דאָס ברומען און דאָס טופּען פון דער מחנה קינדער, אַזוי ווי אויף לאָושע פלעגט דאָס גערויש פון וואַלד צוגענאָגלט ווערן צו די אָראָפּהאַנגען פון די בערג. און פּונקט ווי אויף לאָושע, ווען דו קלעטערסט אַרויף אויפן שפּיץ באַרג און באַפּסט איבער דעם אָטעם, — ווערט די ברוסט ריזיק-גרויס, און ס'ווילט זיך, אַז דער באַרג זאָל זיך ציען העכער, און ס'זאָל ניט זיין קיין סוף צו דעם שטייגן.

מאַרי וואַרפט אַ בליק אויף דער זקנה. זי טרייסלט אַזוי שטאַרק מיטן קאָפּ, אַז די אַקסלען וואַרפן זיך ביי איר, און די אונטערשטע קינבאַק הענגט אַראָפּ. צייטנווייז דוכט זיך אויס ווי זי שעפּטשעט:

— Tout droit, tout droit ***

גלייך, גלייך... עפּעס אַ מיידעלע שטרעקט אויס מאַרין אַ שטיקל טאָפּאָל-צווייג. מאַרי נעמט אים, שמייכלט, דריקט דעם מיידעלעס ביינערדיקן שאַרפן אַקסל, קוקט איר אַריין אין די אויגן. זיי זיינען טיף און פריילעך, אַזוי ווי די בלאָטקעלעך, אין וועלכע עס שפּילט זיך דער וואָלקנדיקער טאָג. די מחנה הייבט אָן פּלוצ-לונג שיטינער צו ווערן, ס'ווערט פריי. די קינדער גיבן זיך אַ לאָז נאָך די, וואָס גייען פאָראויס; צוויי, דריי, פיר מיידעלעך, —

* אָבער וואוהין גייט איר דאָס מיט די קינדער?

** אין ערגעץ ניט, גלייך און גלייך.

*** גלייך און גלייך.

אפשר מער, — כאַפּן מאַרין פאַר די הענט און שלעפּן זי מיט גע־לעכטער נאָך זיך. מאַרי לאַכט און לויפט...

איז אָט וואו אַנדרעי האָט זי געבראַכט!

Tout droit, tout drit!..

* * *

אין דער דאָזיקער צייט איז אַנדרעי געזעסן לעבן בעט, אויף וועלכער ס'האָט זיך אויסגעצויגן ריטע. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ האַנט און האָט איר געקוקט אין געזיכט. דאָס געזיכט איז גע־ווען גרוי, און אויף די קישעלעך אונטער די אויגן האָבן גע־גלאַנצט טרערן. קוים האָבן זיך אָנגעהויבן די ווייען, האָט ריטע פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ צום וואַנט. אַנדרעי האָט געקנייטשט איר האַנט מיט די צעשוויצטע דלאָניעס און, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט נעמען קרעכצן, האָט ער געמורמלט:

— נו, וואַרט... וואַרט...

אַז דער ווייטאָג איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, האָבן ביי ריטען גענומען רינען פון הינטער די אויערן אייליקע טרערן. בדי צו פאַרשטיקן דאָס געשריי, האָט זי אַרויסגעקוועטשט פון זיך:

— זאָג דעם אמת... דו האָסט נאָך זי... אַלץ ליב?..

חבר סמאַרצאָוו, מיר זיינען קוויט

פאַרענדיקן מיר, הייסט עס, די דערציילונג וועגן דעם מענטשן, וואָס האָט געוואַרט מיט בענקעניש, אַז דאָס לעבן זאָל אים צונעמען. מיר פאַרקוקן זיך אויפן וועג, איבער וועלכן ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער אכזריות און דער ליבע, אויף דעם וועג, וואָס איז געווען פול מיט בלוט און בלומען. ער איז דורכ־געגאַנגען דעם וועג, און אויף אים איז קיין איין בלוט־פלעק ניט געבליבן, און ער האָט קיין איין בלימל ניט צעטראָטן.

אַ, ווען ער וואָלט גענומען אויף זיך כאָטש איין פּלעק און וואָלט כאָטש איין בלימל צעטראָטן! דעמאָלט וואָלט אפשר אונ־זער רחמנות צו אים אויסגעוואַקסן ביז צו ליבע, און מיר וואָלטן אים ניט געלאָזן אומקומען אַזוי נישטיק.

אָבער ביז דער לעצטער מינוט האָט ער קיין זאַך ניט געטאָן, נאָר האָט בלויז געוואַרט, אַז דער ווינט זאָל אים צוטרייבן צום ברעג, צו וועלכן ער האָט געוואָלט דערגרייכן.

גלאָז צעמענטירט זיך ניט מיט אייזן. ווענן דעם וואָלט מען נאָר ניט באַדאַרפט ריידן, ווען אויף דעם אויסגאַנג פון די ווענן וואָלט ניט געקומען דאָס באַוואוסטזיין, אַז רחמנות פאַרדינט מער איינזעעניש איידער אכזריות. באַרעכטיקן מיר דען ניט די אכזריות דעמאָלט, ווען זי ווערט געהייליקט דורך רחמנות?

אָבער גלאָז שמידט זיך ניט מיט אייזן, און מיר זיינען אין אַנדרעיס גורל קיין זאַך ניט בכוח צו ענדערן.

אַנדרעי האָט באַקומען אַ בריוו. דער בריוו האָט זיך דורכ־געריסן דורך די גרענעץ־ראָגאַטקעס, דורך אַ צענדליק פּאָסטאַמטן און אַ מאה קופּערטן, און אויף אים האָבן געלויערט די שפּורן פון זייערע באַרירונגען: די פאַרביקע בלייערס, די שטעמפּל־פאַרב, די פעטע אָפּדרוקן פון די פינגער. ס'איז מאָדנע, אָבער דער בריוו האָט אויסגעמיטן בלויז דעם־יעניקן קאַרדאָן, וואָס וואָלט זיך ניט געקענט באַציען צו אים גלייכגילטיק.

אַנדרעי האָט זיך פאַרשפּאַרט אין צימער, האָט זיך אַנידער־געזעצט מיטן רוקן צום טיר. ער האָט ברייט אויפגעעפנט דאָס מויל, כדי מ'זאָל ניט הערן דאָס פייפנדיקע אָטעמען. זיינע הענט האָבן זיך געטרייסלט און ער האָט זיך אָנגעוואַלגערט אויף זיי, און זיך איינגעשפּאַרט מיט די אָרעמס אין די קני. זיין געזיכט איז פּלוצ־לונג בלאַס געוואָרן, ווען ער האָט אויפגעעפנט דעם קאָנווערט, גלייך מען וואָלט אים באַשפּריצט מיט קרייט.

חשובער הער סטאַרצאָוו,

איבעריקנס ווייס איך ניט, ווי מען דאַרף זיך צו אייך ווענדן. אפשר — „חבר" סטאַרצאָוו? איך קען זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעניגן צו דערציילן אייך די סיבות, וואָס קענען, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, זיין פאַר אייך אינטערעסאַנט. בעת מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל געזען אין פּעטערבורג האָט איר מיר געטאָן אַ געוויסע געפעליקייט, און איר זייט געווען נייגעריק צו וויסן, צי אַננעמענדיק פון אייך די אייבנדערמאַנטע געפעליקייט, האַלט איך, אַז איך בין מיט אייך דורך דעם קוויט. אויב איר געדענקט, האָב איך אייך דעמאָלט געזאָגט, אַז איך וועל אייך זיין שולדיק אַ חוב, כל־זמן איך וועל ניט אויספירן אייער שליחות, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען פון אייך אין סעמידאַל. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב די מעגלעכקייט צו מעלדן אייך, אַז די דאָזיקע שליחות האָב איך אויסגעפירט פּינקטלעך און, אַזוי אַרום, בין איך מיט אייך אין גאַנצן קוויט. יאָ, חבר סטאַרצאָוו, מיר זיינען קוויט! כ'האָב אָן גרויסער טירחה אויסגעזוכט אין בישאָפּסבערג אייער כלה, און זי איז געקומען צו מיר נאָך אייער בריוו זייער שנעל, וואָס באַווייזט, אַז אירע געפילן צום חבר סטאַרצאָוו האָבן זיך ניט געענדערט. אָבער ערלויבט אָנצופאַנגען ווייטער אַ ביסל. מען קען אויף אייך ניט זאָגן, אַז איר האָט ניט קיין חוש. יעדנפאַלס בין איך געווען אין פאַרלעגנהייט, ווען איר האָט מיך געפרעגט אין פּעטערבורג, צי קאָן איך ניט פריילין אורבאַך. איך פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ווען איך זאָל זיך דעמאָלסט געוועזט מודה זיין פאַר אייך — וואָלט עס פאַר מיר געהייסן: ניט ערפילן די הבטחה, וואָס איך האָב אייך געגעבן אין סעמידאַל. איך האָב זיך אָבער געפילט אויף אַזוי פיל פאַרפליכטעט פאַר אייך, אַז איך האָב געהאַלטן פאַר ליבערשט צו פאַרבאָרגן דעם אמת, כדי פאַר דעם דאָזיקן

אומגעוויינלעכן פרייז קענען אָפּדאַנקען אייך, ווי איר האָט פאַרדינט. כ'וועל ניט לייקענען, מיך האָט דערשי־טערט די קראַפט פון אייער געפיל צו פרייליין מאַרי אור־באַך. כ'האָב אויסגעצייכנט גוט פאַרשטאַנען, אַז טאַקע אָט דעם־אָ געפיל האָב איך צו פאַרדאַנקען דאָס ביסל זאַרגלאָזיקייט, מיט וועלכער איר האָט איגנאָרירט די געוויסע לאַגעס, וואָס האָבן אין יענעם מאָמענט געהאַט פאַר מיר אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג. די זאַך האָט זיך געענדיקט דערמיט, ווי אַזוי מען זאָל אַריבער־שיקן דעם בריוו צו פרייליין אורבאַך. איך פאַרשטיי דאָס בעסער פאַר אייך. און איך האָב געהיט אייער בריוו, ווי מען קען היטן בלויז אַ סאַמע ווערטפולע זאַך אין לעבן. איך בין דאָך אייך געווען אַזוי דאַנקבאַר, חבר כטאַרצאָוו! ווען איך האָב זיך דערוואוסט פון אייך, אַז פרייליין מאַרי איז געווען גליקלעך מיט אייך אין יענער צייט, ווען איך האָב זיך געשלאָגן אין שאָמפּאַן און אויפן מזרח, האָב איך, בעת איך בין אַוועק פון אייך ביינאַכט, באַשלאָסן לעבן טויער־פּאַרטקע, מיט וועמען איך דאַרף זיך שפּעטער אָפּרעכענען. איך האָב זיך געוואַקלט, ווייל איר זייט געווען אונטערן האַנט, און צו פרייליין מאַרי איז מיר פאַרגעשטאַנען אַ ווייטער און אַן אומזיכערער וועג. אָבער דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו אייך האָט גובר געווען, און איך האָב באַשלאָסן אָפּצורעכענען זיך מיט מאַרין. ווען איך האָב זיך לעצטנס ווידער געטראָפן מיט אייך אין פּעטערבורג, איז דער געדאַנק אָפּצודאַנקען אייך מיט ווערדע ווידער געקומען צו מיר, און איך האָב זיך געדאַרפט איינהאַלטן מיט די לעצטע כוחות, איך זאָל, נאָכ־גייענדיק נאָך אייערע טריט, ניט עפענען אייך דעם מוח. אָבער דער גורל האָט מיר ניט באַגינסטיקט. מיר האָט אָפּגעגליקט צו איבערצייגן זיך נאָך אַמאָל אין אייערע געפילן צו פרייליין מאַרי און אין דער זעלבער צייט פעסט־

צושטעלן, אַז די היציקייט פון די דאָזיקע געפילן שטערט אייך ניט צו נאַרן אייער כלה מיט אַ נייער געליבטער. דעמאָלט האָב איך ענדגילטיק באַשלאָסן וואָס צו טאָן. מערקט אייך, איך האָב קיין איין מינוט ניט פאַרגעסן וועגן מיין וואָרט איבערצוגעבן דעם בריוו, וואָס איז געווען פול מיט בענקשאַפט און ליבע־שמאַכטעניש, צו אייער כלה. ווי אַזוי האָב איך געקענט קומען צו אַזאַ געמיינהייט? איך בין דאָך אייך שולדיק מיט מיין לעבן, סטאַרצאָוו, און מיין לעבן האָט איר אָפּגעשאַצט אין אַזוי פיל, וויפל ס'איז ווערט דער טראַנזיט-בריוו פון סעמידאָל קיין בישאָפסבערג... איצט בין איך ווידער אין מיין צימער, און מיך רינגלען אַרום די געליבטע בילדער. איך וואָלט געוועזן אין גאַנצן רויק, ווען ניט דער עגמת־נפש, וואָס איך בין איינמאָל געוועזן אומפּאַרזיכטיק און אַרויסגעלאָזן אייך אַ לעבעדיקן פון דעם דאָזיקן צימער. אגב, וועגן די בילדער. אויב איר האָט נאָך די מעגלעכקייט צו טרעפן זיך מיטן חבר קורט וואַן (דוכט זיך אַזוי?), איז זאָגט אים, אַז אַלע זיינע לייוונטן, וואָס האָבן זיך געהיט אין מיין זאַמלונג, האָב איך פאַרברענט. דאָך גלויבט זיך מיר ניט שטאַרק, אַז דאָס זאָל אים זיין אינטערעסאַנט, ווייל פּאָליטיקער פאַרנעמען זיך זעלטן מיט קונסט, און ניט אַזוי ווי מען דאַרף. ניט שוין־זשע האָט זיך דער חבר וואַן ביז איצט ניט אָנגעשטויסן, ווער ס'איז שולדיק אין דעם, וואָס פון זיין קאַנצעלאַריע זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די דאָקומענטן פון דעם פאַרשטאָרבענעם קאָנראַד שטיין? כ'האָב אים קיינמאָל ניט געהאַלטן פאַר אַזאַ גולם... אַלזאָ, ווען איך האָב זיך אומגעקערט קיין שענאַו, האָב איך דערציילט אייער כלה אַלץ, וואָס מיר איז געלונגען צו דערוויסן זיך וועגן אייערע געפילן צו פרייליין מאַרי, וועגן אייער נייער פריינדין און אַזוי ווייטער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב אויספיר־

ק. פעדין

לעך אָנגעשריבן אייער כלה וועגן די טובות, וואָס איר האָט מיר געטאָן און, ווי איך רעכן—אויך דעם סאָציאַליס־טישן פאָטערלאַנד—רוסלאַנד. דאָס האָב איך געטאָן מיט מער חשק, ווען איך האָב זיך דערוואוסט פון די העל־דישקייטן, וואָס אייער כלה האָט אויפגעטאָן אין דעם נאָך ניט דערשטיקטן סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד — דייטשלאַנד. כדי מיין וועגדונג צו אייער כלה זאָל ניט אויסקומען ווי גלאַט פוסטע רייד, האָב איך איר צוגע־זאָגט צו געבן אַלס באַווייז, אייער אייגנהענטיקן בריוו. ב'האָב אייך שוין געשריבן, אַז אייער כלה האָט לאַנג ניט געלאָזט אויף זיך וואַרטן און איז געקומען צו מיר. איך האָב מיט איר געהאַט אַ ראַנדעוואו אין דעם צימער, וועלכן איר ווייסט און אין וועלכן איר האָט אַמאָל... אגב, וועגן דעם שפּעטער. אייער כלה האָט מיר ניט גע־גלויבט, און איך האָב זיך אויף דעם געריכט. איך האָב איר געראָטן צו פאָרן צו אייך, צו איבערצייגן זיך אין דעם קריסטאַל־ריינעם אמת פון מיינע ווערטער. איך האָב איינגעשטעלט איבער איר אַן אָבסערוואַציע. אמת, איך האָב זייער שטאַרק גענומען צום האַרצן אייער כלהס צאַרטע געפילן צו אייך, חבר סטאַרצאָוו! כדי צו קומען צו אייך, האָט זי זיך אַנטשלאָסן אויף אַ העראָיִשן טאַט, ניט אַזוי אויף אַ העראָיִשן, ווי אויף אַן אומזויבערן: זי האָט חתונה געהאַט פאַר עפּעס אַ ראַצערדיקן רוסישן גע־פאַנגענעם סאָלדאַט, כדי צו קענען באַקומען רוסישע בירגער־רעכט און אַ דערלויבעניש אַריינצופאָרן קיין רוסלאַנד. איך האָב זיך איבערצייגט פון דעם דאָזיקן טאַט, אַז זי ליבט אייך היים, און מיר איז געוועזן אָנגענעם צו טראַכטן, אַז זי האָט זיך דערנידעריקט, כדי אויסצו־שטיין שפּעטער נאָך גרעסערע בזיונות פון אייער אָפּ־נאַרן זי און פון אייער נישטיקייט. איך שטעל מיר פאָר, ווי איר, חבר סטאַרצאָוו, וועט עס איבערלעבן די דאָזיקע

דערנידערונג, דעריבער פאַרדריסט מיך ניט, וואָס איך האָב אין אייער שטערן ניט אַריינגעזעצט קיין קויל, ווען איך האָב פון אייך דערהערט, אַז איר האַלט פריילין מאַרי אורבאַך פאַר אייער כלה. אַ כלה? מיך האָט שטאַרק ניט באַליידיקט דאָס, וואָס מאַרי האָט מיך אָפּגענאַרט מיט אייך, ווייל פרויען דאַרפן פאַרזיכטיקער פאַרבאָרגן דעם ערשטן געליבטן פון דעם צווייטן, איידער פאַרקערט. אויב איך האָב אייך ניט חושד געווען, אַז איר זייט מיין יורש, האָט איר קיין איין מינוט ניט געטראַכט, אַז איך בין — אייער פאָרגייער. די נייטיקייט אָפּצורעכענען זיך מיט אייך האָב איך פאַרגליכן ניט בלויז מיט דעם פּרייז פון שווייגן, פאַר וועלכן איך האָב געקויפט פאַר זיך דאָס לעבן, נאָר אויך מיט די ערינערונגען וועגן דער ווייַמאַ־מאַרער פּאַנסיאָנערין מאַרי, וואָס איז אַנטלאָפן פון מיס ראָנים פּאַנסיאָן צו מיר קיין שענאַו, אין דעם זעלביקן צימער, אין וועלכן איך האָב זיך באַקאַנט מיט אייך. הער סטאַרצאָוו, מיר זיינען קוויט!

אייער דאַנקבאַרער
פאָן צור מילען שענאַו.

איך האָף, אַז מיין נאָמען וועט ניט שאַדן אייער זיכער־קייט. אויב אָבער ס'וועט יאָ שאַדן, קען עס בלויז זיין נאָך זעונג מיט אייער כלה, — פריילין מאַרי אורבאַך, וואָס איז מיין געליבטע און די ווייב פון דעם אומבאַ־וואוסטן רוסישן סאָלדאַט. יעדנפאַלס וועל איך אָפּוואַרטן מיטן אָפּשיקן דעם דאָזיקן בריוו, כדי ניט פאַרלויפן דעם וועג אייער באַגעגעניש מיט איר, וואָס דער געדאַנק אַליין וועגן דעם ברענגט מיך אַריין אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג. Sezvus!

אַנדרעי האָט צונויפגעלייגט דעם בריוו און האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון צימער אַרויס. ס'האָט אים אָנגעיאָגט אַ דין, פּלוצ־לונגדיק געוויין פון אַ קליין קינד. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

א פרויען־שטימע האָט אים אומרויִק א רוף געטאָן אויף דעם פּלעצל פון די טרעפּ, עמעצער האָט אים אין טויער גערופן מיט דעם נאָמען, עמעצער האָט זיך אין שרעק א ריס געטאָן פון אים אויפן גאַס. ער איז געלאָפן, אזוי ווי א געיאָגטער.

א צעשויבערטער, א צעקנאָדערטער, האָט ער פארלאנגזאמט זיין פארצווייפלטן לויפן בלויז אין עק שטאָט. ארום אים זיינען געלגן פוסטע פלעצער, באַדעקטע מיט אָפּפאַל און מיט ציגל. ס'האָט געשפּריצט א קליינער רעגן, וואָס האָט געמאַכט געדיכט און געקילט די אָוונט־טונקלקייט.

אין דעם שטיינערנעם סקעלעט פון דעם חרובן בנין האָט דער ווינט זיך געשליידערט אזוי ווי א חיה אין א שטייג.

אַנדרעי האָט זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט אריין, איז דורכגעגאַנגען עפּעס גאַסן אזעלכע, וואָס זיינען געווען פארבויט מיט נידעריקע פאַבריק־בנינים, איז אַרויסגעקומען אויפן ברעג נעווא, איז ווידער אַרויס אין די פאַבריק־גאַסן און האָט זיך ווידער דערזען אויף דעם פוסטן פּלאַץ.

די פינסטערניש איז געוואָרן געדיכט, די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט שנעל, גאָר ניט אַזוי ווי זומער.

אַנדרעי האָט זיך אַרומגעקוקט, דורך דער שיטערער רעגנזיפּ האָט ער דערזען די שוואַרצע מאַסיוון פון די בנינים, וואָס האָבן זיך געדרענגט אין דער ווייטן, און האָט זיך ווידער געלאָזט אין שטאָט אַריין.

די שטומע גמאַכן פון די שפּייכלערס, עלעוואַטאָרן, הייבוידעמער און טורעמס האָבן אים פארשלונגען. ער איז פארזונקען געוואָרן אין דער שטאָט פון גליווערנדיקע, טויטע הימלקראַצערס.

פּלוצלונג האָט עפּעס א גרויע זאַך איבערגעהאַקט אים דעם וועג און איז איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד. זיינע פיס האָבן ניט געטאָן קיין ציטער, ער איז געגאַנגען, אזוי ווי א לעבעדיקע ליאַלקע — פאַראויס, פאַראויס! איינע נאָך די אַנדערע האָבן זיך געגליטשט איבערן וועג גרויע קניילכעלעך. אַנדרעי איז געגאַנגען ווייטער. אָט האָט זיך עפּעס אָפּגעקלאַפּט אָן זיין שטיוול און האָט

זיך אָפּגעקייקלט אָן אַ זייט. אָט האָט ער אָנגעטראָטן אָן עפּעס ווייכס, אַזוי ווי אַ שמאַטע, און אַ קורצער קוויטש האָט אַ ריס געטאָן זיינע אויערן. ער האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט, ווייל ער האָט זיך גענומען אָנשטויסן אויף נאָכגעביקע שטערונגען, וואָס זיינען געווען צעזייט איבער דעם גאַנצן וועג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, מחמת די האַרצרייסנדיקע קוויטשערייען, וואָס האָבן זיך דערהערט פון יעדן טראָט זיינעם, האָבן זיך פאַרשאַרפט ביז אַ פייף.

ער איז געשטאַנען אויפן מיטן גאַס פון די שפּייכלערס, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם שוואַרצן הימל. ער איז געשטאַנען ביז די קנעכלעך אין עפּעס אַ מאַטע, וואָס האָט זיך אין משופּעדיקע לאַנגזאַמע כוואַליעס געקייקלט איבערן וועג און האָט שווער געשווענקט זיינע פיס. ער האָט געקוקט אויף די טריב־גרויע רוקנדלעך פון די דאָזיקע כוואַליעס, און זיי האָבן אים אויסגעוויזן ווי משופּעדיקע רוקנדלעך פון עפּעס אומצייליקע עקלהאַפטע חיהלעך.

און פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ קוים פאַרשטיקטן קול:

— שטשורעס, שטשורעס, אַנדרעי! גיי אַריבער איבער זיי!

ווי אַ בלינדער, האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט פאָראויס און האָט גערופן:

— קורט! קורט!

אָן איילינקער עכאָ האָט אים אָפּגעענטפערט.

ער האָט פאַרשטעלט דאָס געזיכט און איז פאַרגליווערט געוואָרן, אַזוי ווי שוואַרצע שפּייכלערס, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. די טריב־גרויע כוואַליעס האָבן זיך לאַנגזאַם געקייקלט איבערן וועג, און איינע נאָך די אַנדערע האָבן די שטשורעס געפּויזעט איבער אַנדערעס שטיוול.

ווען ער האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט, האָט זיך זיין געזיכט, אַזוי ווי אַ ווייסער פלעק, צוגעקלעפּט צו דער פינסטערניש. דער ברוק איז געווען אומבאַוועגלעך, איבער זיינע בלאָטקעס האָט דער רעגן געפּויקט מיט אַ דראָבנער פּויקעריי.

אַנדרעי האָט זיך אַ ריס געטאָן און איז אַוועקגעלאָפן אין שטאָט אַריין. נאָר די גאַסן האָבן אים ווידער פאַרפירט אויף די

פוסטע פלעצער. ער איז אריינגעקראכן אין א טיפן גראבן, איז אומגעפאלן, האט געוואלט ארויסקריכן און האט זיך צוריק אריינגעקייקלט אין גרוב. און ביז וואנען זיינע פיס און הענט און דער גאנצער קערפער האבן אראפגעפויזעט איבערן קויט אין גרוב אריין, האט אין זיינע אויערן געקלונגען א ווייטער פארשטיקטער קול:

— האסט מורא, אנדרעי, פאר דעם פחד. גיי אריבער איבער אים. גיי אריבער...

ער איז ארויסגעשפרונגען מיט א געיאמער פון גרוב ארויס, האט זיך אווארף געטאן אין דער נאכט אריין און האט געשריען:

— רא-טע-וועט, רא-טע-וועט!..

און איבער דעם זשוויר, איבער די גראבנס, איבער די אומענדלעכע פוסטע ערטער האט ער זיך געווארפן אין דער נאכט אריין, אזוי ווי א צעמישטער, — אפשר טאקע צעמישט, — און געזוכט א וועג. אבער ארום אים זיינען געלעגן פוסטע פלעצער, איבער אים איז געהאנגען א שווארצער הימל, און קיין מענטשלעכע וואוינונג איז ניט געווען, און קיין וועגן זיינען אויך ניט געוועז.

אזוי האבן די פוסטע פלעצער ארומגערינגלט אנדרעיען ביז דעם יאר, וואס אים איז באשערט געווען צו פארענדיקן אונזער ראמאן.

ווען דאס דאזיקע יאר איז אנגעקומען, האט קורט געטאן פאר אנדרעיען אלץ, וואס א חבר, א פריינד, א מאלער דארף טאן.

מאי 1922 — סעפטעמבער 1924.

סוף

אינהאַלט

זייט

צו האָס דאַרף דער מענטש די טעג און די שעהן?... 3
פיאַדאָר לעפּענדין 18
נים קיין דעליקאַטער פּעליעטאָן 36

דאָס קאַפּיטל וועגן נײַנהונדערט אַכצנטן.

דער טעג 42
אָן שוואַרץ און אָן ווייס 76
יאַגעדעס 95
דאָס פאָלק פון פינישן שטאַם 128

דאָס צווייטע קאַפּיטל וועגן נײַנהונדערט נײַנצנטן, וואָס קומט פריער פאַר דעם ערשטן.

שבת אין סעמידאָל 140
לעפּענדינס סוף 173
דאָס ערשטע מאָל אין לעבן 229
די באַגעגעניש 238
דער חלום 255

דאָס קאַפּיטל וועגן נײַנהונדערט צוואַנציקסטן.

די איבערציערס האָט מען אַראָפּגענומען 259
די נײַע ערד 264
חבר סטאַרצאָוו, מיר זײַנען קוויט 271

Public Library, Newark, N.J.